STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06522

ABI MEN LEBT

Chone Gottesfeld

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַבי מען לעבט

חנא גאָטעספעלד
(טוביה שמייכעל)

אַבי מען לעבט

הומאָרעסקעס

אילוסטראַציעס פון לאָלא



אַרויסגעגעבן פון חנא גאָטעספעלד בוך־קאָמיטעט
ניו־יאָרק, 1948

ABI MEN LEBT

By

CHONE GOTTESFELD

Copyright, 1948
by
Chone Gottesfeld
New York

Printed in the U. S. A. by
The Shoulson Press, New York, N. Y.

255

אינהאַלט

די געבורט פון אַ הומאָרעסקע
(אַנשטאָט אַן הקדמה) 9

פרנסה

נחת פון אַ באָרד 13
פאַרזאָרגט די בנים 17
ר׳ יאַנקעלע גנב 20
שמחה׳לע און סעמקעלע 24
דער גאַליציאַנער קאָמיסאַר 27
אַ פּאָליסמאַן האָט פאַר מיר מורא 33
אַ רייכע חתונה 37
דער כח פון אַ ניגון 41

כבוד

ווי צו קריגען כבוד 47
אַ יובילעי פייערונג 51
אַ לויה רעדנער 55
אַ געשוואָלען אויג 59
זיין רייכער קאָזין 63
מיין טאַטענס אָנקעל 67

יאָ פאַרהייראַט

ער איז ניט אייפערזיכטיג 73
די גרינע קוזינע 77
בעני, לואי, הערי און ירחמיאל 82
אַ לעקטשורער און זיין ווייב 90
זיין פאַראיין און זיין ווייב 95
ער מוז געהן אין שול אַריין 99

אַ העלד 102
תירוצים 106
דער דיקטאַטאָר משה 110

ניט פאַרהייראַט

אַ 70 יעריגער חתן 115
אַ טאָגבוך פון אַן אלמנה 120
משה קנייפער 124
אַ טאָגבוך פון אַ כלה מיידעל 128
קראַנקע ליבע 131
אַ געטרייע פרוי 136
ער בייַנקט נאָך זיין ווייב׳ס קולות 139

אויף די בערג

משה׳לע 147
אַזאַ געמיינהייט! 153

ביים ים

פלעזשור אין קוני איילענד 159
אַ בריוועל פון מיאַמי 163

אין רעדאַקציע

ער וויל אַ זוהן אַ שרייבער 169
זי רעדט צום פונקט 172
ער וויל אַ קלוגע עצה 175

טעאַטער

ער האָט געוואָלט ווערן אַ דראַמאַטורג 179
ווי איך האָב פאַרקויפט אַ פיעסע 184
ווען שטאַרבט ער? 187
ער האָט געפּאַטשט אַ קריטיקער 191
אַ פריינט אַ פיעסען שרייבער 194

בראָדוועי 197
אַ מבינ'טע אויף טעאַטער 202
אַ שונא פון טעאַטער 204
ווי איך האָב זיך צוקריגט מיט'ן פובליקום 207
אַ טשערמאַן 211
ער כאַפּט מער ניט קיין פּעטש 215

אַבי מען לעבט

שותפים 221
דריי זשעניען 225
שמחת תורה 229
אַ דאַימאָנד רינגעל 232
זיין ראש השנה 237
נחום דער פריידענקער 240
אַ סאָלדאַט אויף פּסח 244
פּייוויש, דער ליבהאָבער 249
וואו איז שמעיה ? 253
בע, מע, פּע ! 257
אַ בלוטיגער באַנקעט 260
ווי איך האָב געקראָגען אַ שטעלע אין אַ רעדאַקציע 264
ער דאַרף אַ קאָפּ 268



די געבורט פון אַ הומאָרעסקע

מען איז מקנא אַ הומאָריסט. מען מיינט, אַז אַ הומאָריסטישער שרייבער איז דער גליקליכסטער מענש — ער לעבט און לאַכט. רעדט ער מיט מענשען, לאַכט ער; קוקט ער אויף מענשען, לאַכט ער; זעצט ער זיך שרייבען, לאַכט ער אַודאי; ער זיצט און שרייבט און קאַטשעט זיך פון געלעכטער. ער קוועלט־אָן פון יעדען וואָרט, ס'איז אים גוט.

קיינעם איז ניט אַזוי אומעטיג ווי אַ הומאָריסט. איידער ער זעצט זיך שרייבען איז ער פאַרזויערט; ווען ער דערמאָנט זיך אַז ער דאַרף שרייבען, קרעכצט ער שוין. ווען ער שרייבט, איז ער פאַרביטערט; ווען ער ענדיגט שרייבען ערגערט ער זיך. ער האָט מורא, אַז דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבען טויג ניט.

ווען איך דאַרף שרייבען אַ הומאָרעסקע, בין איך אין כעס אויף אַלעמען. איך בין אין כעס אויף זיך פאַרוואָס איך האָב ניט קיין טעמע; איך בין אין כעס אויף אַנדערע פאַר־וואָס זיי העלפען מיר ניט קריגען אַ טעמע. אָן אַ שיעור מענשען טוען נאַרישע זאַכען, זיינען קאָמיש, זיינען טראַגיש. אָבער איך זעה ניט. איך הער ניט. איך בין בלינד. איך בין טויב.

ווען איך דאַרף שרייבען צעקריג איך זיך מיט יעדען, וועמען איך באַגעגען. מיין ווייב קען מיך שוין. אין דעם טאָג ווען איך שרייב, אַנטלויפט זי פון הויז. מיינע קינדער קענען מיך אויך. „דער טאַטע דאַרף שרייבען. טשעפּעט אים ניט" — זאָגען זיי און אַנטלויפען. איך בלייב אַליין, דרעה זיך אַרום אין צימער, יאַדע זיך פאַרוואָס עס פאַלט מיר גאָרניט איין; לויף אַרויס אין גאַס, צעקריג זיך מיט אַ פּאָר מענשען. זיי רעדען צו מיר זאַכען, וועלכע אינטערעסירען מיך ניט. איך קום צוריק אַהיים און באַשליס, אַז קיין נייע טעמע וועל איך שוין ניט געפינען, און נעם שרייבען וועגען דעם וואָס איך האָב געזאָלט שרייבען לעצטע וואָך און מורא געהאַט, אַז ס'וועט ניט טויגען. זיץ איך און קרעכץ און שרייב, שרייב און קרעכץ, ביז ס'ווערט געבוירען אַ הומאָרעסקע.

פרנסה

נחת פון אַ באָרד

מאיר באָרד האָט ער געהייסען, ווייל ער האָט פאַרמאָגט די גרעסטע באָרד אין שטעטעל.

פאַראַן בערד, וועלכע צעוואַקסען זיך אין דער ברייט; און פאַראַן בערד, וועלכע צעוואַקסען זיך אין דער לענג. מאיר'ס באָרד איז גע־וואַקסען אין דער לענג און אין דער ברייט. מאיר שטאַמט פון אַ פאַמיליע בערד, פון דור־דורות. זיין פאָטער האָט מען גערופען משה באָרד; זיין זיידען — יחיאל באָרד, און זיינעם אַ ברודער רופט מען — חיים באָרד.

מאיר'ס זוהן, שלמה, האָט מען גערופען שלמה מאיר באָרד'ס. ער איז נאָך געווען יונג און ניט געהאַט קיין באָרד, האָט מען זיין נאָמען צוגעטשעפעט צו זיין טאַטענ'ס באָרד. וואָלט שלמה פאַרבליבען לענגער אין שטעטעל, וואָלט ער מסתמא אויך געקראָגען אַזאַ באָרד, ווי זיין טאַטע, און מען וואָלט אים גערופען שלמה באָרד, אויף זיין אייגענעם נאָמען.

* * *

שלמה האָט געבראַכט זיין טאַטע'ן, מאיר באָרד, קיין אַמעריקע.

ווען ר' מאיר איז געגאַנגען שפּאַצירען איבער הערצל סטריט (שלמה האָט געוואוינט אין בראַנזוויל), האָבען אידען זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט. הערצל סטריט האָט דאָך שוין איבערגעזען גרויסע בערד אין איר לעבען, אָבער אַזאַ באָרד האָט זי נאָך ניט געזען.

שלמה האָט געשעפּט גרויס נחת פון זיין טאַטענ'ס באָרד. ווען ער איז געגאַנגען מיט זיין טאַטען, האָבען אים זיינע פריינד און באַקאַנטע אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „דאָס איז דיין טאַטע? אַ פיינער טאַטע! אַ פיינע באָרד!"

שלמה האָט געפילט, אַז זיין טאַטע איז ניט קיין פּראָסטער מענש. ווי אַנדערע טאַטעס. ס'איז אַ טאַטע, וועמען אַלע זעהען, אויף וועמען אַלע קוקען. ס'איז אַ כבוד צו האָבען אַזאַ טאַטען!

אויך שלמה׳ס בעיבי האָט הנאה געהאַט פון ר׳ מאיר׳ס באָרד. ווען מאיר האָט גענומען זיין איינִיקעל אויף די הענט, פלעגט עס מיט די הענטלעך זיך אַריינפּלאָנטערן אין דעם זיידענ׳ס באָרד און ניט וועלען אָפּלאָזען.

בלויז שלמה׳ס ווייב איז ניט געווען צופרידען פון דעם אַלטען מאיר. זי האָט זיך געהאַלטען פאַר אַן אַמעריקאַניזירטע. זי איז געווען שטאָלץ אויף איר אינגערען ברודער, ווייל ער האָט ניט געקענט רעדען קיין אידיש. זי האָט מיט איר מאַן גערעדט בלויז ענגליש, און דאָ קומט אַ שווער מיט אַזאַ באָרד און פאַראידישט דאָס הויז. ווען איר מאַן איז ניט געווען אין דער היים, פלעגט זי אויף דעם אַלטען אַ קוק טאָן מיט כעס און אַרויסבורטשען: „קאַיק!״

ר׳ מאיר פלעגט ניט פאַרשטיין וואָס „קאַיק״ מיינט. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ניט קיין קאָמפּלימענט און ניט קיין ברכה.

ווען ער וואָלט געווען אַ שוויגער, ניט קיין שווער, וואָלט ער דערציילט זיין זון ווי זיין ווייב רעדט צו אים, און עס וואָלט אַרויסגעקומען אַ מחלוקה צווישען מאַן און ווייב. איז ער דאָך אָבער אַ שווער, נעמט ער אַריין אַ שפּיץ פון זיין באָרד אין מויל אַריין, גיט אַ שטאַרקען ביס און גייט זיך אויף הערצל סטריט, וואו ער טרעפט זיך מיט זיינע פריינט, עלטערע אידען, וועלכע זיינען אויך אויף קעסט ביי זייערע זיהן, אָדער איידעמס, און וואו מען רעדט וועגען פאַרשידענע זאַכן, וועגען פּאָליטיק און וועגען משיח׳ן.

ר׳ מאיר פאַרשטייט ניט פאַרוואָס משיח איילט זיך ניט צו קומען. נאָך אַזאַ מלחמה וואָלט ער שוין געדאַרפט קומען. אויף ווען וואַרט ער? אויף נאָך אַן ערגערע מלחמה?

— ווען משיח וואָלט געגעסען קעסט ביי אַ שנור, וואָלט ער זיך געאיילט.. — וויצעלט זיך אַן אַלטיטשקער, וועלכער עסט קעסט ביי אַ שנור — נאָר מסתמא עסט ער ביי אַ טאָכטער, האָט ער צייט.

איינמאָל האָט ר׳ מאיר ביי זיינע פריינד אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מיינט דאָס וואָרט „קאַיק״?

עטליכע אידען האָבן געפּרוּווט ערקלערען, אָבער עס איז ניט געווען קלאָר.

איין אַלטיטשקער, וועלכער איז שוין לאַנג אין אַמעריקע, האָט דאָס וואָרט אַזוי אויסגעטייטשט:

— „קאַיק" איז אַ וואָרט, וואָס אַ גרינער, וועלכער קייט טשואינג־גאָם, רופט אַ גרינעם, וועלכער קייט נאָך ניט קיין טשואינג־גאָם.

* * *

ר׳ מאיר האָט געמוזט פאַרלאָזען בראַנזוויל. זיין זוהן האָט זיך אַרויסגעצויגען אַפּ־טאַון און ער האָט געמוזט געהן מיט זיי. זיין שנור האָט געזאָגט, אַז זי איז זיך שוין מחיה, וואָס זי ווערט פּטור פון בראַנזוויל. אָבער ר׳ מאיר׳ן איז געווען שווער צו פאַרלאָזען הערצל סטריט.

נאָכדעם ווי ר׳ מאיר האָט געוואוינט אַ קורצע צייט אַפּ־טאַון, האָט זיין שנור ערקלערט, אַז ער מוז זיך אָפּשערען די באָרד. אַפּ־טאַון קען אַזאַ באָרד ניט פאַרטראָגען. זי שעמט זיך פאַר אירע שכנ׳טעס, די יענקיס. ר׳ מאיר האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער אַליין האָט געהערט ווי איין יענקי, אַ שכנ׳טע, האָט געשאָלטען איר מאַן אויף אידיש, און דוקא אין אַ גוטען ליטווישען אידיש. אָבער זיין זוהן האָט געהאַלטען מיט זיין ווייב, אַז אַפּ־טאַון איז ניט בראַנזוויל און אַז ער מוז מקריב זיין די באָרד. ער האָט ניט געוואָלט פאַרפירען קיין מלחמה געגען זיין זוהן, וועלכען ער האָט ליב, און ער האָט נאָכגעגעבען.

מען האָט געבראַכט אַ באַרבער אין הויז און די שנור האָט אַ זאָג געטאָן:

— זשאַלעוועט ניט, נעמט אַרונטער וויפיל איר קענט!

דער אַלטער האָט געשוויגען. ער האָט געטראַכט: „וואָס איז דער חילוק? מען קוילעט סיי־ווי, זאָל מען שוין דערקוילען!"

און ר׳ מאיר׳ס באָרד איז געפאַלען ווי אַ סנאָפּ אין פעלד. בלויז אַ שטיקעל באָרד האָט מען אים איבערגעלאָזען.

ר׳ מאיר האָט זיך געפילט אָן אַ באָרד, ווי אָן הענט. ווען ער האָט געוואָלט אָננעמען אַ שפיץ באָרד און עס אַריינגעמען אין מויל אַריין, ווי ער איז געווען געוואוינט, האָט ער אָנגעכאַפּט די לופט.

ער האָט געפילט ווי ער וואָלט געזעסען אין תפיסה. די אידען פון הערצל סטריט זיינען ניטאָ. די באָרד איז ניטאָ. זיין זוהן האָט ניט קיין צייט מיט אים צו רעדען — ער איז פאַרנומען. און זיין שנור? — מיט איר וויל ער ניט רעדען. דער איינציגער, וועלכער סימפּאַטיזירט מיט אים, איז זיין אייניקעל. ער קוקט תמיד אַזוי טרויעריג אויף אים און זוכט זיין באָרד און קען זי ניט געפינען. און ווען ער בלייבט אַליין מיט׳ן אייניקעל זאָגט ער צו אים:

„אברהם׳עלע (ער הייסט אייב), אַי לײדט דיין זיידע! מען האָט אים, נעבאַך, אָפּגעשניטען די באָרד ווי, להבדיל, אַ זעלנער. שלעכטע מענשען! וואָס האָט זיי געאַרט, אַז אַן אַלטער מענש טראָגט אַ באָרד? דיין זיידענ׳ס באָרד האָט דאָך גע׳שמ׳ט. מען האָט דאָך אים מקנא געווען!״

* * *

ר׳ מאיר האָט געזען, אַז אַפילו אַן דער באָרד רופט אים זיין שנור נאָך אַלץ „קאַיק״, האָט ער באַשלאָסען זיך צו לאָזען צוריק וואַקסען זיין באָרד.

דאָס וואַקסען פון זיין באָרד האָט שטאַרק פּראָגרעסירט. יעדען טאָג איז צוגעקומען א היבשע שטיק. זי איז, קיין עין הרע, געוואַקסען ווי אויף הייוען. זיין שנור האָט פּראָטעסטירט, אָבער ער האָט זי איגנאָרירט.

איינמאָל, ווען ער איז געבליבען אַליין מיט׳ן אייניקעל, און אברהם׳עלע האָט זיך צוגעכאַפּט צו זיין צעוואַקסענער באָרד, האָט ער אים געזאָגט: „אברהם׳עלע, עס וועט ניט לאַנג געדויערען און מיין באָרד וועט זיין צוריק אין איר אַמאָליגער פּראַכט, און דאַן וועסטו זעהן, אַז דיין זיידע איז ניט קיין גרינער. ער וועט מער ניט עסען ביי דיין טאַטען קיין קעסט; דיין מאַמע וועט אים מער ניט רופען „קאַיק״! מיט אַזאַ באָרד קען מען ניט פאַרלוירען גיין אין אַמעריקע. אַברהם׳עלע, דו וועסט נאָך פון דיין זיידען האָבען נחת״.

* * *

ר׳ מאיר איז אַ משגיח אין באָראָ־פּאַרק.

זיין זוהן קומט אים באַזוכען און פרעגט אים: ווי פילסטו, טאַטע?

— איך בין, דאַנקען גאָט, געזונט! — ענטפערט ר׳ מאיר. ער עפענט אויף דעם טייסטער, נעמט אַרויס קנאַקענדיגע דאָלאַר־בילס, הייסט זיך אויסבייטען אַ פופציגער און גיט אַ צי זיינע צוויי שפיצען בערד, ווי איינער רעדט: „דאַרף מען זיך שעמען מיט אַזאַ באָרד?״

פאַרזאָרגט די בנים

איך אַליין בין אַ שוואַכינקער, אַ קליינינקער, אַ גאָרניט. אַט הויבט זיך ביי מיר אָן דאָס קעפּעל, און אַט ענדיגען זיך ביי מיר די פיסלאַך — פון דעסטוועגען פאַרמאָג איך מיר מיין אייגענס אַ זעקס קינדער, און אַלע גערעאָטענע, אַלע זיהן, בנים, יונגען מיט פּיסקעס, מיט קייערס, מיט אַ גוי׳שען אַפּעטיט: אַז זיי נעמען זיך צו אַ ברויט איז וועה צו דעם ברויט׳ס יאָרען. זיי צעפלעכטען עס, און צעדרייען עס אַזוי, אַז ס׳בלייבט ניט דערפון קיין שריד ופליט. און טאָמער, חס־וחלילה, איך קען זיי אַזוי פיל ברויט ניט גיבען, זיינען זיי גרייט מיך אַליין איינצושלינגען — און זיי זיינען עס בכח, די חברה.

איך, אַ קליין טאַטעלע, און זיי, קיין עין הרע, קיין בייז אויג, בנים, מיט קייערס, מיט אַ גוי׳עשען אַפּעטיט — איז טאַקע סכנת נפשות.

ויהי היום, טרעפט זיך אַזאַ מעשה:

אַ אידענע קלאַפּט ביי מיר אין דער טיר.

— „קאָם אין״! — צעשריי איך זיך, און דערשרעק זיך, ווייל ווער האָט עס ביי מיר צו קלאַפּען? מיינע גרויסע ביזנעס, מישטיינס־געזאָגט!

און אַ אידענע לאָזט זיך אַריין.

— גוט נאָוונט!

— גוט יאָר!

— איר זיינט דאָס דער טאַטע פון דעם יונגאַטש, וואָס האָט אויס־געקלאַפּט אַ ווינדאָו אין מיין סטאָר?

איך טו אַ צייל איבער מיינע בנים: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף פּיסקעס! עס פעלט איינער!

— יאָ, איך בין עס, מסתמא, דער טאַטע פון יענעם בחור — טו איך מיך אַ שטעל פאַר.

— נו, וועט איר אַזוי גוט זיין, און באַצאָלען פאַר דער ווינדאָו, ווען ניט קריגט איר אים ניט צוריק.

— וואָס ? מיין בחור איז ביי אייך ? — פרעג איך מלא שמחה.

— יעס — זאָגט זי — מיין מאַן האָט אים געכאַפּט, און ער האַלט אים.

— לאַנג לעבען זאָל אייער מאַן דערפאַר — זאָג איך איר.

— אָבער איר וועט מוזען באַצאָלען פאַר דער ווינדאָו — ערקלערט זי — ווען ניט, וועט איר ניט קריגען צוריק אייער בחור.

— דאַץ ראַיט — שאָקעל איך מיט׳ן קאָפּ.

די אידענע איז פאַרשוואונדען, און שפּעטער אַ פּאָר שטונדען לאָזט זיך צו מיר אַריין אַ הויכער איד.

— איר זיינט דאָס דער טאַטע, דאָס טאַטעלע פון דעם באַמער, וואָס האָט אויסגעקלאַפּט די ווינדאָו פון מיין סטאָר ?

— יאָ, איך בין דער טאַטע פון דעם באָמערל — זאָג איך מיט שטאָלץ.

— איך מאַך אייך באַקאַנט — זאָגט ער — אַז איר דאַרפט מיר באַצאָלען פאַר דער ווינדאָו.

— אַודאי דאַרף איך באַצאָלען — זאָג איך.

— און אויב איר וועט ניט באַצאָלען קריגט איר ניט צוריק אייער בחור.

— אויסגעצייכענט — זאָג איך — אויב איך וועל ניט באַצאָלען קריג איך ניט צוריק מיין בחור. אַזוי דאַרף זיין.

— מיסטער ! — שרייט אויס דער איד — איר מאַכט גאָר חוזק ?

— חלילה, איך מיין ערנסט — זאָג איך.

— אָבער פאַרוואָס באַצאָלט איר ניט ?

— איך — זאָג איך — אַז איך צאָל ניט פאַלט מיר אָפּ אַ שטיק געזונט.

— טאָ, פאַרוואָס זשע צאָלט איר ניט ?

— פאַרוואָס צאָל איך ניט ?

— פאַרוואָס ? — שרייט דער איד.

— פאַרוואָס צאָל איך ניט דעם בוטשער ?

— פאַרוואָס ?

— און פאַרוואָס צאָל איך ניט דעם לענדלאָרד ?

— פאַרוואָס ? — בייזערט זיך דער איד ?

— און פאַרוואָס צאָל איך ניט מיינעם אַ פריינד, וואָס איך האָב ביי אים געליען אַ גמילת חסד?

— פאַרוואָס? — געוואַלדעוועט דער איד?

— עס איז אַ גאָט׳ס רחמנות אויף מיין פריינד. ער דאַרף נעבאַך האָבען, ער איז שוין געווען צוועלף מאָל מאַנען, און פאַרוואָס צאָל איך אים ניט, פאַרוואָס?

— ווער לאָזט אייך ניט באַצאָלען?

— טאַקע, ווער לאָזט מיך אייך ניט באַצאָלען? אייער ווייב איז שוין ביי מיר געווען איינמאָל, און איר זיינט דאָ צום צווייטען מאָל, און פאַרוואָס צאָל איך אייך ניט?

— אַדרבא, פאַרוואָס?

— נו, זייט אַ חכם, און טרעפט פאַרוואָס!

— מיסטער — האָט דער איד אויסגערופען — איר האָט ניט געטראָפען קיין יאָלד. מיט מיר שפּאַסט מען ניט. אויב איר וועט ניט באַצאָלען, האַלט איך אייער בחור פאַר אַ משכון.

— האַלט אים! האַלט אים ביז איר וועט פון מיר קריגען געלד.

דער הויכער איד איז אַוועק, און איך האָב מיך גענומען פילען גאָר פרעהלאַך. שוין דאַנקען גאָט פאַרזאָרגט איין זוהן!

— סעמי, דזשייקי, איזי, היימי, לואי! — האָב איך זיך געווענדעט צו מיינע איבעריגע בנים — נעמט שטיינער, און לאָזט זיך אַרויס האַקען פענסטער!...

ר׳ יאַנקעלע גנב

יאַנקעלע גנב הייס איך, און איך שעם זיך ניט מיט מיין נאָמען. וואָס איז דאָ וואָס זיך צו שעמען? דאָס איז מיין פרנסה, מיין פאַך. מ׳דאַרף דאָס קענען, און מ׳דאַרף האָבען מוט. ס׳איז ניט אַזוי לייכט אַריינצוקריכען אין יענעמ׳ס קעשענע און צוריק אַרויסנעמען די האַנט, שאַ־שטיל, און אָנשטעלען אַ פּנים פון אַן אומשולדיגען און שנעל פאַרשווינדען, אַז מ׳זאָל ניט וויסען וואו דיין געביין איז אַהינגעקומען. ס׳איז אַ גרויסע מלאכה. מ׳דאַרף דערצו האָבען טאַלאַנט און ערפאַרונג.

אָבער איך בין ניט אַזוי ווי אַנדערע גנבים, וואָס זיינען הולטאַיעס, באַמס, און גלויבען ניט אין גאָט. איך בין אַ געזעצטער מענש און בין אַ פרומער. איך האָב זעהר מורא פאַר גאָט. איך האָב אַליין געזען ווי די גרעסטע גבורים זיינען געשטאָרבען פון אַ קאָלד. גאָט׳ס אַ קליין ווינטעלע האָט זיי אַוועקגעלייגט. וויל איך מיט גאָט ניט טשעפּען. מיינע פריינד, גנבים, רופען מיך טאַקע צוליב דעם: ר׳ יאַנקעל.

איך בין אַ מענש וואָס האַלט, אַז וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט.

איך מוז גנב׳ענען, ווייל איך האָב ניט קיין בעסערע פרנסה. אָבער איך בין פון די פיינערע גנבים. קיין האַלד־אַפּס מאַך איך ניט. איך גנב׳ע בלויז ווען יענער זעט ניט. אויב יענער דערזעט מיך, אַנטלויף איך.

פאַראַן אַזעלכע וואָס שפּילען די ראָלע פון פיינע מענשען און באַגאַזלעווען און באַשווינדלען יענעם אויף גאָר גאָר גרויסע סומעס, און זיינען גרויסע גבירים. איך בין ניט קיין עושר. פון אַרויסנעמען בייטעלאַך קען מען קיין עושר ניט ווערען. איך מאַך בלויז אַ פיין לעבען. איך האָב זיך ניט וואָס צו באַקלאָגען.

דערפאַר גיב איך גאָט אָפּ וואָס אים קומט. שבת וועל איך ניט אַרבייטען אפילו עס זאָל זיך מיר מאַכען דער בעסטער דזשאָב.

שבת גיי איך אין שול דאַווענען. פרייטאָג־צו־נאַכטס זאָג איך שלום־עליכם, מאַך קידוש, עס געפילטע פיש און זינג זמירות. שבת אינדערפרי בין איך מעביר די סדרה.

אמת, דער שבת קאָסט מיך אַ סך געלד. שבת, קען מען מאַכען די בעסטע דזשאַבס. מענשען פאָרען אַוועק, גייען אין טעאַטער, לאָזען איבער דאָס הויז אַליין. שבת נעמען מענשען „פעי" און טראָגען זיך אַרום מיט געלט אין קעשענע.

עס האָט מיר שוין ניט איינמאָל געטראָפען, אַז נאָך שבת בין איך אַריין אין יענעמ׳ס קעשענע און זי געטראָפען ליידיג, ווייל אַן אַנדער גנב האָט ביי אים שבת אַרויסגענומען די „פעי". אָבער איך וועל שבת ניט אַרבייטען פאַר קיין געלד. איך בין אַ איד, דאַרף איך ליידען. אַז גאָט וויל, קען ער מיר אין אַ זונטאג באַצאָלען פאַר צען שבתים. מיר האָבען אַ גרויסען גאָט אין הימעל!

שבת־צו־נאַכט מאַך איך הבדלה, זאָג מיין ווייב: „אַ גוטע וואָך, אַ מזל׳דיגע וואָך!" און לאָז זיך אַוועק פאַרדינען אויף ברויט.

איך בין קיין עין־הרע אַ געברויכער. דאָס וואָס ביי מיר גייט אַוועק אויף טשאַריטי קען אַן אַנדערער דערפון מאַכען אַ פיין לעבען. איך גיב פאַר האָספּיטאַלס, פאַר שולען און ספּעציעל פאַר תלמוד־תורה׳ס. איך האַלט זעהר פון תלמוד־תורה׳ס, פון עדיוקיישאָן. איך וויל, אַז אידישע קינדער זאָלען לערנען תורה, זאָלען וויסען, זאָלען קענען און זאָלען ניט אויסוואַקסען קיין גנבים ווי איך.

אמת, איינמאָל האָב איך באַ׳גנב׳עט דעם קאָלעקטאָר פון דער תלמוד־תורה. איך האָב אים געגעבען אַ פינפערעל פאַר דער תלמוד־תורה און ביי אים אַרויסגע׳גנב׳עט אַלץ וואָס ער האָט קאָלעקטעט. אָבער דאָס איז שוין פרנסה. אַז איך זע ביי מיר אין הויז אַ אידען מיט אַ פאָר דאָלער, וועל איך אים גיין אַרויסלאָזען מיט׳ן געלט, אַז אַן אַנדערער, אַ קאָנקורענט מיינער, זאָל עס ביי אים אַרויסנעמען? אַזאַ משוגע׳נער בין איך ניט!

איך האַלט אויך זעהר שטאַרק פון רבי׳ס, „גוטע אידען". וואָרים אַז „גוטע־אידען" האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען און געקומען קיין אַמעריקע אונז בענשען, זיינען זיי ווערט אַ סך געלט. ווייל וואָס טוען מיר, ווען זיי ווילען ניט קומען קיין אַמעריקע און מיר דאַרפען פאָרען צו זיי, אַזש קיין יוראָפּ, נאָך אַ ברכה? איז וויפיל געלט מ׳גיט אַ „גוטען־אידען", כאַפּט מען נאָך אַלץ אַ מציאה.

מיט אַ צייט צוריק קום איך צו אַ „רבין" זיך „פּראַווען". פרעגט ער מיר דאָס ערשטע ביי וואָס איך אַרבייט. האָב איך אים געענטפערט: „איך מאַך דזשאָבס ביי פאַרשידענע מענשען, אין פאַרשידענע גאַסען, אין פאַרשידענע שטעט. איך אַרבייט קיינמאָל ניט אויף איין פּלאַץ".

האָט ער, זאָל לעבען, אויסגעהערט און געפרעגט:

— אַרבייט איר שבת?

— חלילה! זאָל מיך גאָט אָפּהיטען. פאַר קיין געלד אַרבייט איך ניט שבת.

האָט דער רבי, זאָל לעבען, אויפגעהויבען זיינע ליכטיגע אויגען און געזאָגט:

— איך ווינש אייך הצלחה!

ווען איך בין נאָר אַרויסגעגאַנגען פון רבין איז מיר פאַרביי געגאַן אַ חסיד. האָב איך אַריינגעלעגט מיין האַנט אין זיין קעשענע און אַרויס־גענומען אַ מאַטניאַ מיט געלט — הצלחה!

אנומעלט האָב איך געהאַט אַביסעל צרות מיט אַ רבין. איך פּראַווע זיך ביי אים. ער ווינשט מיר הצלחה און איך זע: ביי אים אין שניפּס בלישטשעט אַ דימענטענע שפּילקע. בין איך דאָך יאַנקעלע גנב, האָט מיך אַ קאַרטע געטאַן אַרויסצונעמען די שפּילקע. נאָך אַלעמען, איז עס דאָך מיין פּרנסה. וויפיל צייט דאַרף אַוועקגיין צו קענען קריגען די „געלעגענהייט צו מאַכען אַזאַ דזשאָב? אַ לייכטער דזשאָב איז דאָס. דער רבי טראַכט דאָך מסתמא הימעלשע זאַכען, קען מען ביי אים אַרויסנעמען די שפּילקע און ער זאָל ניט וויסען אַ לאַנגע צייט. האָט דער ר׳ יאַנקעל אין מיר געזאָגט: „ניין, טשעפּע ניט. דאָס איז דאָך עפּעס דעם רבינ׳ס. ער האָט פאַר דעם געלט וואָס די שפּילקע קאָסט געגעבען אַ אידען אַ סך ברכות. מען טאָר אַ רבי׳ן ניט באַ׳גנב׳ענען". האָט דער יאַנקעלע גנב אין מיר געזאָגט: „זיי ניט קיין יאָלד! דעם רבין פעלען ניט קיין ברכות. ער וועט געבען נייע ברכות און קריגען אַ נייע שפּילקע". האָט דער יאַנקעלע גנב מיט דעם ר׳ יאַנקעל אין מיר געפירט אַ דעבאַטע. יאַנקעלע גנב זאָגט: „נעם!" און ר׳ יאַנקעל זאָגט: „נעם ניט!". דערווייל איז געוואָרען צו־שפּעט. דער גבאי איז אַנגעקומען מיט נאָך אידען. ביי גנב׳ענען איז פאַראַן אַ געזעץ: לייג ניט אָפּ!

בקיצור, איך בין אַהיים געקומען אָן דעם רבינ׳ס שפּילקע. דער ר׳ יאַנקעל אין מיר האָט געזיגט.

אַוועק אַ צייט, איך האָב געדאַרפט אַ סך געלט. איך האָב חתונה געמאַכט אַ טאָכטער. האָט דער יאַנקעלע גנב אין מיר מיך דערמאָנט אין דער שפּילקע פון דעם רבי׳ן זאָל לעבען. „גיי — האָט ער געזאָגט — נעם די שפּילקע. דו דאַרפסט חתונה מאַכען אַ קינד!״

איך בין געגאַנגען צו דעמזעלבען רבין זיך פּראָווען. איך האָב זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז איך בין אַ גרויסער באַדאַרפער, איך מאַך חתונה אַ קינד. ווען ער האָט מיר געוואונשען הצלחה, האָב איך שוין געהאָט זיין שפּילקע.

פאַר דעם רבינ׳ס שפּילקע האָב איך אין פּאונשאָפּ געקראָגען 600 דאָלער. לעבען זאָל דער רבי דערפאַר וואָס ער האָט געטראָגען אַזאַ גוטע פּין! וואָס טו איך, אַז ער איז אַ רבי אַ שנאָרער און טראָגט אַ שפּילקע פאַר אַ קוואָדער?

שמחהלע און סעמקעלע

מיין בייבי הייסט שמחה׳לע, און מיין באָס׳ס בייבי הייסט סעמקעלע.
מיין שמחה׳לעס אָם — איז אַ באָטעלע צוקער־וואַסער. סעמקעלע׳ס אָם — איז אַ פּוילישע שיקסע.
מיין שמחה׳לעס מאַמע איז אַ שוואַכע, אַ דאַרע, קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס. און סעמקעלע׳ס אם איז פעט און געזונט. אַז זי גיט אַ שפּאַן אין קיך טרייסלען זיך אַלע טעלער אין קלאָזעט.
ווען איך וואָלט געקענט אָוועקנעמען די פּוילישע שיקסע פון סעמקעלען און זי איבערגעבען מיין שמחה׳לען כאָטש אויף איין טאָג! איי, דאַרף ער זי!
איינמאָל איז געפּייערט געוואָרען די חתונה פון מיין באָס׳ס אַ ברודער. נו, בין איך דאָך אַ מחותן, זיינען מיר אַלע אַרבייטער פון שאָפּ געגאַן צו דער חתונה און געבראַכט אַ מתנה פאַר׳ן חתן.
איך האָב צו דער חתונה מיטגענומען מיין ווייב, מיין שמחה׳לען, מיט׳ן בייבי־קערידזש, און זיין אם — אַ באָטעלע צוקער וואַסער.
מיר קומען אין האָל. דער באָס איז שוין דאָ, און האַלט זיין סעמקעלען אויף די הענט, און סמאָטשקעט צו אים: אַ פּוטשי, אַ קוטשי, אַ לוטשי, און סעמקעלע וויל ניט געבען אַ שמייכעל. ער איז אַ דבר אחר׳ל ווי דער טאַטע. די אַרבעטער שטייען אַרום דעם בייבי קערידזש, און קוועלען אָן פון סעמקעלען. „ער איז אַ חכם" זאָגן זיי, און אָט כאַפּען די אַרבייטער סעמקעלען, און טראָגען זיך מיט אים אַרום אין דער האָל.
פאַרדריסט עס מיך. מיין שמחה׳לע האָט מער שכל אין זעקעלע ווי סעמקעלע אין גאַנצען קעפּעל. מיין שמחה׳לע זאָגט שוין „פּאַ". אמת, מיין שמחה׳לע איז נעבעך בלאַס. אָבער אין דעם איז ער נעבאָך ניט שולדיג. ווי קען מען אויסזען גוט פון אַ באָטעל צוקער וואַסער?
האָב איך אַ נעם געטאָן מיין שמחה׳לען אויף די הענט, און זיך מיט אים געלאָזען איבער דער האָל גיין אַ טענצעל. בין איך מיד געוואָרען, און

בעט אַן אַרבייטער צו האַלטען שמחה׳לען אויף אַ מינוט, וויל ער ניט. זאָג איך אים: — דאָס איז דעם באָס׳ס בייבי!

— דעם באָס׳ס בייבי? — האָט ער געזאָגט — טאָ, פאַרוואָסזשע האָסטו עס גלייך ניט געזאָגט? — און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין שמחה׳לען ווי אַ פּלאַדען.

האָט מען זיך אין דער האַל אַרומגעטראָגען מיט צוויי בייביס, מיט שמחה׳לען און מיט סעמקעלען.

האָט מיר אַן אַרבייטער דערלאַנגט דעם באָס׳ס בייבי, האָב איך אים אַריינגעלעגט אין מיין שמחה׳לעס קערדידזש. דערנאָך האָב איך גענומען מיין שמחה׳לען און אים אַריינגעלעגט אין סעמקעלע׳ס קערעדזש, און אים איינגעדעקט מיט אַ וואַרעמע קאָלדרע. די פּוילישע שיקסע איז געזעסען ביים קערעדזש, און האָט געדרעמעלט פון דער מוזיק.

נאָך דער חתונה, מיר קומען אַהיים מיט דעם באָס׳ס בייבי. ביינאַכט. די בייבי וויינט. מיין ווייב גיט אים דאָס באַטעלע צוקער וואַסער. סעמקעלע וויל ניט. ער איז געוואוינט צו בעסערע קעסט.

— וואָס איז מיט׳ן קינד? — פרעגט מיך מיין ווייב — ער וויינט דאָך שרעקליך. ס׳איז דאָך גאָרניט זיין טבע.

— האָב אים אין דער ערד — זאָג איך — וויינען איז געזונט פאַר די לונגען. זאָל ער אַביסעלע וויינען.

גאַנץ פרי. מיין ווייב טוט אַ קוק אויפ׳ן קינד, און שרייט אויס: „געוואַלד, מען האָט אונז איבערגעביטען די בייבי!"

זאָג איך איר: „זאָרג זיך ניט. אונזער קינד איז אין בעסערע הענט. ער איז מיט דער פּוילישער שיקסע" און ערקלער איר די גאַנצע געשיכטע.

„גיי שוין צו דיין באָס, און נעם אָפּ דאָס קינד!" האָט זי באַפוילען.

„איַיל דיך ניט!" האָב איך איר געזאָגט, „זאָל זיך שמחה׳לע פריער דאָרט גוט אָנעסען".

אָבער מיין ווייב האָט געפאָדערט איך זאָל שנעל צוריקברענגען דאָס קינד.

איך בין געגאַנגען. ווען איך בין געקומען צו מיין באָס זיינען נאָך דאָרט אַלע געשלאָפען פון דער חתונה. איך האָב דער פּוילישער שיקסע דערציילט, אַז סעמקעלע איז ביי מיר.

„סטייטש", זאָגט זי „איך האָב דאָך סעמקעלע׳ן געזויגען אַ גאַנצע נאַכט".

„דאָס איז געווען שמחה׳לע״ האָב איך איר געזאָגט „האָט ער כאָטש גוט הנאה געהאַט פונ׳ם עסען ?״

„ער איז שוין איינמאָל אַ פּרעסער״, האָט זי געזאָגט, „ער האָט מיך שיער אויפגעגעסען. ער שלאָפט איצט ווי נאָך אַ חתונה״.

מיר האָבען זיך צוריקגעביטען מיט די בייבים.

זייט דאַן וויל מיין שמחה׳לע זיך ניט צורירען צו דעם באָטעל צוקער־וואַסער : ער בענקט נאָך דער פּוילישער שיקסע.

דער גאַליציאַנער קאָמיסאַר

(אַ שפּיל אין צוויי בילדער)

פּערזאָנען:

לאה
שואל
קאָמאַנדיר
משה שניידער
ר׳ שמריה

1טע בילד

אין גאַס

(נאָכדעם ווי די רויטע אַרמיי איז אַריין אין שטעטעל)

ל א ה: אַ ווייטיג איז אינען און אַ בראָך איז צו מיר. ס׳איז געניג, אַז מיר זיינען גאַליציאַנער דאַרפען מיר נאָך ווערען באַלשעוויקעס.

ש ו א ל: וואָס זאָרגט עטץ זיך מעהר פון אַלעמען. וואָס ס׳וועט זיין מיט אַלע אידען וועט זיין מיט אונז.

ל א ה: אוי! ס׳איז ביטער און זויער צו אַלע אידען און ס׳איז אַ בראָך צו אינען און צו מיר.

ש ו א ל: און עך זאָג, אַז אונזער שטעטיל דאַרף זיך ניט זאָרגען. וואָסי? די רויטע אַרמיי איז אַריין. וואָס קען זי טוען? זי וועט ביי אונז צונעמען די פּרנסה. אַז מיר האָבען דאָ ניט קיין איין אידען וואָס האָט פּרנסה.

ל א ה: און וואָס וועט עטץ טוען, אַז זי וועט אינען ניט לאָזען דאַווענען?

ש ו א ל: אַרט מעך ניט. אַז עך האָב גאָר פיינט צו דאַווענען. אָבער אַז מען טאָר ניט עסען פאַר׳ן דאַווענען מוז מען דאַווענען. אָבער אַז ס׳וועט זיין פאַרבאָטען בין איך פריי.

ל א ה: דוכט זיך אַז דער רויטער קאָמאַנדיר גייט (הויבט אָן וויינען) ווי איז צו אונז און צו אינען און צו אַלע גאַליציאַנער.

ש ו א ל: הערט אויף וויינען. מען האָט איצט פאַרבאָטען צו וויינען.

ל א ה: פאַרוואָס?

ש ו א ל: זיי זאָגען, אַז מיר זענען באַפרייט און מיר טאָרען ניט וויינען. בלויז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וויינט מען. אין אַמעריקע וויינט מען.

ל א ה: ווי איז מיר. טאָמער וויל איך האָבען אַ ביסעל פאַרגעניגען און וויינען טאָר איך ניט...

(קאָמאַנדיר קומט צו. אַלע פאַרנייגען זיך פאַר אים)

ק אָ מ אַ נ ד י ר: איר האָט עפּעס פּראָלעטאַריער?

ש ו א ל און ל א ה (ביידע קוקען זיך אָן): וואָס?

ק אָ מ אַ נ ד י ר: איך מיין פּראָלעטאַריער.

ש ו א ל: מיר האָבען אַ רב וואָס זאָל געזונד און שטאַרק זיין.

ל א ה: צוויי דיינים, זיי זאָלען מאריך ימים זיין.

ש ו א ל: און עטליכע שוחטים.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: דאָס זיינען בורזשויען.

ש ו א ל און ל א ה: וואָס?

ק אָ מ אַ נ ד י ר: איך מיין פּראָלעטאַריער.

ש ו א ל: פּראָלעטאָט! יאָ, מיר האָבען שמשים, אַ כתובה־שרייבער.

ל א ה: אַ קברן.

ש ו א ל: אַ איד וואָס האַנדעלט מיט אתרוגים.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: דאָס זיינען קליינבירגער. איך מיין אַזעלכע, וואָס אַרבייטען שווער און ביטער.

ל א ה: פאַראַן אַזעלכע. מיר האָבען אַ איד וואָס פאַרקויפט קוואָס. ער שרייט אַ גאַנצען טאָג: „קויפט אידען, קויפט" און קיינער קויפט ניט.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: ניין, ניין. איך פאַרלאַנג אַן אַרבייטער.

ש ו א ל: מיר האָבען איינעם. ער בעזימט פּליצעס פון אידען יעדען פרייטאָג אין באָד. ער שוויצט אַ סך און פאַרדינט ווייניג.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: דער אַרבייט דאָך בלויז פרייטאָג. איך וויל אַ פּראָלעטאַריער.

ש ו א ל: עטץ ווילט אַזעלכע וואָס אַרבייטען יעדען טאָג? אַ פּראָלעטאַט? — פאַראַן.

ל א ה: יאָ. מיר האָבען שדכנים, וואָס לויפען אַרום טאָג און נאַכט. רעדען און רעדען, איינצורעדען אַ שידוך. זיי פירען צוזאַמען אַ וואַנט מיט אַ בוידעם און אַז ס'האַלט שוין ביי אַ וועג צוקריגען זיך די מחותנת'טעס און ס'ווערט גאַרניט.

ק אַ מ אַ נ ד י ר: איך זוך אַ ריכטיגען אַרבייטער, אַ בעל־מלאכה.

ש ו א ל: עטץ מיינט אַ שוסטער, אַ קאָוואַל?

ק אַ מ אַ נ ד י ר: יאָ.

ל א ה: ביי אונז האַלטען זיך ניט קיין בעל־מלאכות. זיי ווילען ניט אויסגעהן פון הונגער.

ש ו א ל: און וואָס איז מיט משה דעם שניידער?

ל א ה: אים האַלט מען ניט פאַר קיין בעל־מלאכה. וואָס ער נייט טרענט זיך באַלד אויף. אָט איז משה!

(משה קומט אַן)

ק אַ מ אַ נ ד י ר: (רופט אים צו, משה גייט צו) דו ביזט אַן אַרבייטער, אַ שניידער?

מ ש ה: ניין. קיין גוטער שניידער בין איך ניט. קיין מונדירען קען איך ניט נייען. איך פאַרריכט בלויז שטריימלאַך, אידישע קאַפּאָטעס, טליתים.

ק אַ מ אַ נ ד י ר: איז דיין טאַטע געווען אַן אַרבייטער?

מ ש ה: אָ, ער איז געווען אַ גוטער שניידער. שוין איינמאָל אַ שניידער! מיין זיידע איז אויך געווען אַ גוטער שניידער. איך אַליין קען ניט.

ק אַ מ אַ נ ד י ר: ביזטו דאָך, הייסט עס, פון אַ פּראָלעטאַרישער פאַמיליע, מאַך איך דיך פאַר אַ קאָמיסאַר.

ש ו א ל: אוי־וואַ!

ל א ה: אַ בראָך!

מ ש ה: וואָס מיינט דאָס?

ק אַ מ אַ נ ד י ר: דו ביזט דער בעל הבית פון שטאָט. אַלע מוזען דיך פאָלגען. דו וועסט קאָנפיסקירען די פאַרמעגענס, אַרויסוואַרפען פון די דירות, פּראָלעטאַריזירען די אידען, איינפירען אַ נייעם פאַזשאַנ־דעק, טאָן אַלעס וואָס ס'איז גוט פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט.

מ ש ה: (קוקט אַ פאַרוואונדערטער) פּראָלעטאַט!

קאָמאַנדיר: אַלזאָ, וואָס וועסטו איצט טאָן?

משה: וואָס זאָל איך טאָן? ווי איז מיר.

לאה: אָך איז מיר!

קאָמאַנדיר: דאָס ערשטע נעם צו די פאַרמעגענס פון די רייכע.

משה: וואו איז דען דאָ פאַרמעגענס? וואו איז דען דאָ פאַראַן רייכע?

קאָמאַנדיר: ווער אין שטעטעל האָט אַ גרויסע דירה?

משה: פאַראַן איין איד וואָס האָט אַ גרויסע דירה — ר׳ שמריה. ער איז זעהר אַ פרומער איד.

שואל: אַ גרויסער למדן.

לאה: טאָג און נאַכט זיצט ער און לערענט תורה.

קאָמאַנדיר (צו משה׳ן): **גיי גלייך און וואַרף אים אַרויס פון דער דירה.**

משה: וואָס רעדט עטץ? וואו איז יושר?

קאָמאַנדיר: רעד ניט קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע רייד. גיי אים שוין אַרויסוואַרפען ווען ניט שיק איך דיך אין סיביר. דאָ־סווידאַניאַ טאָוואַרישטש! (קאָמיסאר אָפּ).

אלע: דאָסווידאַניע! אַזאַ אומגליק!

משה (קוקט פאַרצווייפעלט אויף שואל׳ן און לאה׳ן): **אוי דאָ־סווידאַניע! פראָלעטאָט! טאָוואַרישטש! אומגליק!**

2 טע ביל ד

ביי ר׳ שמריה׳ן אין הויז.

ר׳ שמריה (זיצט און לערענט): **תנו רבנן** (שאָקעלט זיך שטאַרק)

משה (גנב׳עט זיך אַריין שטיל, ניט צו שטערען, הערט זיך איין צום ניגון און שאָקעלט זיך אויך): **תנו רבנן! אוי ווי איז מיר! תנו רבנן...**

ר׳ שמריה (דערזעט פלוצלינג דעם שניידער) **גוט וואָס דו ביזט דאָ, משה. די קנעפלאַך פון דער קאַפּאָטע, וועלכע דו האָסט מיר צוגענייט, זיינען אַלע אַרונטערגעפאַלען. אַ שיינער בעל־מלאכה ביזטו.**

משה: גיט אַהער די קאַפּאָטע וועל איך איינען —

(שמריה גיט אים)

מ ש ה (נעמט זיך נייען די קנעפּלאַך) צונייען קנעפּלאַך פאַר אײַך איז אַ כבוד. אַ גרויסער כבוד! אײַ בין איך אײַך מקנא!

ש מ ר י ה: מיט וואָס?

מ ש ה: מילא פון יענער וועלט איז דאָך אָפּגערעדט. דאָרט וועט עטץ זיך פילען ווי אַ קייזער. עטץ וועט רעדען מיט די מלאכים לשון קודש וועלען זיי אַלעס טאָן פאַר אינען, און דאָ איז אינען אויך גוט.

ש מ ר י ה: וואָס הייסט ס'איז מיר גוט. וועלכען איד איז היינט גוט? (לערענט ווייטער) „תנו רבנן"...

מ ש ה: „תנו רבנן"... אינען איז גוט. עטץ זעצט זיך אַוועק לערנען תורה פאַרגעסט איר אָן אַלע צרות... „תנו רבנן". לאָם איך וועלען דאָס לערנען קען איך דען? און ווי מעג איך דען אפילו זאָגען אַזעלכע הייליגע ווערטער, אַז איך בין געוואָרען אַ דאָסווידאַניע, אַ פּראַלעטאַט, אַ קאַמיסאַר.

ש מ ר י ה: וואָס רעדט איר? ווען! וואָס?

מ ש ה: ערשט פריער האָט מיך דער רויטער קאָמאַנדיר געמאַכט פאַר אַ קאַמיסאַר און —

ש מ ר י ה: אַזוי! משה, אַ קאַמיסאַר! און איך גיב דיר צו נייען קנעפּלאַך?

מ ש ה: דאָס מאַכט ניט. ס'איז ביי מיר אַ פאַרגעניגען צו נייען פאַר אינען קנעפּלאַך. ווען עך וואָלט אפילו געווען דער צאַר פון רוסלאַנד וואָלט איך געזעסען און גענייט פאַר אינען קאַפּאָטעס מיט שטריימלאַך. ווען מען וועט מיך פרעגען אויף יענער וועלט: וואָס האָסטו עפּעס געטאָן אויף דער וועלט, וועל איך זאָגען: אַז איך האָב גענייט קנעפּלאַך פאַר ר' שמריה'ן.

ש מ ר י ה: איז וואָס־זשע וועט איר, פאַני קאַמיסאַר, עפּעס טאָן פאַר אידען?

מ ש ה: עך קען נאָך ניט וויסען, אָבער דערווייל האָט מיר דער קאָמאַנדיר באַפוילען אײַך אַ־אַ־אַרויסצוואַרפען פון דער דירה.

ש מ ר י ה: וואָס דו מיך? סמאַרק!

מ ש ה: איך מיין —

ש מ ר י ה: גראָבער יונג!

מ ש ה: איך...

ש מ ר י ה: שניידערוק!

מ ש ה: איך מיין, איך וויל ניט, איך —

ש מ ר י ה: דו, וואָס דו קענסט אַ קנעפּעל ניט ריכטיג צונייען וועסט מיך אַרויסוואַרפען פון דער דירה? דו לאַטוטניק!

מ ש ה: איך בעט אייך, ר׳ שמריה, דאַרף אינען אַן אַנדערער אַרויסוואַרפען, לאָזט מיך אייך אַרויסוואַרפען! ווען ניט שיקט מיך דער קאָמאַנדיר קיין סיביר. לאָזט מעך אינען אַרויסוואַרפען! טוט מיר אַ טובה!

ש מ ר י ה: אַרויס פון מיין הויז!

מ ש ה: טוט מיר אַ טובה, לאָזט מעך אינען אַרויסוואַרפען. לאָזט מיך!

(שמריה וואַרפט אים אַרויס)

מ ש ה (ליגענדיג אויף דער אַנדערער זייט טיר) ער האָט גוט געטאָן וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפען אַ קאָמיסאַר! תנו רבנן.

(פאָרהאַנג)

אַ פּאָליסמאַן האָט פאר מיר מורא

מען קלאַפּט ביי מיר פלוצלונג אין טיר.

— אַריין! — רוף איך אויס.

אַ פּאָליסמאַן קומט אַריין.

איך האָב זיך אַביסעל דערשראָקען. איך האָב זיך ניט געפילט שולדיג אין קיין שום פאַרברעכען און דאָך — וואָס וויל אַ פּאָליסמאַן פון מיר?

דער פּאָליסמאַן האָט מיר ערקלערט, אַז ער איז ערשט געוואָרען מיינער אַ שכן. ער האָט זיך אַריינגעצויגען אויף דעם זעלבען שטאָק, וואו איך וואוין און ער וויל זיך מיט מיר באַקענען.

איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען און ער האָט מיר געזאָגט זיין נאָמען.

„עס איז זייער פיין וואָס איר זייט געקומען זיך באַקענען מיט מיר", האָב איך אים געזאָגט, „איך האָב ליב צו זיין באַפריינדעט מיט מיינע שכנים".

„איך אויך", זאָגט ער, „אָבער אידער איך וועט מיט אייך באַפריינ־דעט, וויל איך אייך בעטען איר זאָלט מיר ערלויבען אייך צו שטעלען אַ פּאָר פראַגען".

„מיט פאַרגעניגען", זאָג איך, „פרעגט".

„זיינט איר אַמאָל געווען אַרעסטירט?"

„נאָך ניט", ענטפער איך.

„מיט וואָס באַשעפטיגט איר זיך?"

„איך שרייב", זאָג איך.

„קענט איר זיך מיט גנבים?"

„יאָ, מיט ליטעראַרישע גנבים", ענטפער איך.

„איר אַליין האָט אויך אַמאָל געגנב'עט?" פרעגט ער.

„מעגליך אַז יאָ“, ענטפער איך, „מעגליך, אַז ניט וויסענדיג אַליין האָב איך אַמאָל גע׳גנב׳עט אַ טעמע“.

דער פּאָליסמאַן, ניט פאַרשטייענדיג וואָס איך מיין, האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט פאַרדעכטיג, מיך אָפּגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס און געזאָגט:

„וואָס הייסט איר ווייסט ניט? וואָס־זשע, יענער האָט אייך די גנבה אַליין אַרײַנגעלעגט אין קעשענע ווען איר זײַנט געשלאָפען?“

„דאָס איז אַזאַ סאָרט גנבה, וואָס קריכט אַרײַן אין קאָפּ און מען ווייסט ניט ווען און ווי אַזוי. מען געדענקט גאָר ניט ווען די גנבה האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט. מען ה אָ ט ע ס און מען מיינט, אַז ס׳איז א י י ג ע נ ס“, ערקלער איך אים.

דער פּאָליסמאַן האָט מיך ווידער אָנגעקוקט און געזאָגט:

„אַזוי! מען גנב׳עט און מען געדענקט ניט. מען מיינט גאָר, אַז עס איז אייגענס. איר האָט אַ סך אַזעלכע פרײַנד?“

„יאָ“, זאָג איך, „די מייסטע פרײַנד מײַנע זײַנען אַזעלכע מענשען“.

„אַזוי!“ רופט ווידער אויס דער פּאָליסמאַן. „און זיי קומען צו אייך אָפט אין הויז?“

„זייער אָפט“ זאָג, איך.

„דאָס זײַנען די געפערליכסטע גנבים“, ערקלערט ער, „און מיר טוט באַנק וואָס איך בין געוואָרען אייערער אַ שכן.

„וואָס אַרען אייך גנבים?“ פרעג איך איראָניש דעם פּאָליסמאַן, „פאַרקערט, איר דאַרפט זײַן צופרידען וואָס איר האָט אַ געלעגענהייט צו כאַפּען גנבים לעבען אײַער נאָז. איר דאַרפט זיי ניט לויפען ווייט זוכען“.

„בין איך דאָס אַרײַנגעפאַלען!“ רופט אויס דער פּאָליסמאַן זיך אויפשטעלענדיג. „איך, אַז איך קום אַהיים, וויל איך ניט וויסען פון קיין גנבים און גענגסטערס! איך וויל רו! אין מיטען שלאָף וועט מען מיך אויפוועקען מיט געשרייען: „מען שלאָגט זיך, מען שיסט. מען קען זיך ניט צוטיילען מיט די גנבות. בין איך דאָס אַרײַנגעפאַלען!“

אײדער איך האָב געהאַט אַ מעגליכקייט אים צו ערקלערען, אַז איך בין ניט קיין אמת׳ער גנב. איז ער אָן געזעגענען זיך שוין געווען אויף דער אַנדערער זייט טיר.

איך אָנפאַנג האָב איך געפילט ווי צו לאַכען פון זײַן טעות. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט עס מיר אָנגעהובען פאַרדריסען: פאַרוואָס זאָל ער מיך האַלטען פאַר אַ גנב? ער וועט עס דערציילען זײַן ווײַב, זי וועט

עס דערציילען צו אַנדערע ווייבער, און עס וועט לאַנג ניט געדויערן און די שכנ'טעס וועלען מיך קרויגען פאַר אַ גנב.

איך האָב באַשלאָסען זיך צו טרעפען מיט'ן פּאַליסמאַן און אים ערקלערען דעם אונטערשיד פון אַ ליטעראַרישען גנב ביז אַ פּשוט'ען גנב: אַ ליטעראַרישער גנב קען אַמאָל קריגען דעם נאָבעל פּרייז. אַ ליטעראַרישער גנב פאַרנעמט אַ פיינעם פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. אַ ליטעראַרישער גנב... איך האָב זיך געקליבען אים דאָס אַלעס צו ערקלערען, אָבער ער האָט מיך אויסגעמיטען. אַזוי שנעל ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און שנעל אַוועקגעשפּאַנט. עס האָט אויסגעזען ווי ער האָט מורא פאַר מיר.

איינמאָל האָב איך ביי אים אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער האָט געעפענט די טיר, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער די טיר פאַרהאַקט און זיך פאַרשלאָסען.

עס זיינען אַזוי אַוועק עטליכע וואָכען און איך האָב שוין אויפגעגעבען די האָפנונג מיט אים צו רעדען. איינמאָל בעגעגענט ער מיך אין גאַס, באַגריסט מיך פריינדליך און זאָגט: „זייט אַזוי גוט און קומט אַרויף צו מיר אין הויז. איך וויל זיך מיט אייך דורכרעדען".

איך בין געגאַנגען.

אין זיין היים האָט ער מיך פיין אויפגענומען, אַוועקגעשטעלט אַ פלעשעל שנאַפּס און געזאָגט: „איר מוזט מיט מיר טרינקען. איך האָב אויסגעפונען, אַז איך האָב וועגען אייך געמאַכט אַ טעות. איך האָב פאַר אייך זייער מורא געהאַט. אָבער איך האָב גערעדט מיט אונזערען אַ שכן, אַ לערער, האָט ער מיר ערקלערט, אַז מען דאַרף פאַר אייך זיך ניט שרעקען, איר זיינט אַ וואוילער מענש, איר האָט קיינמאָל ניט קיין רעוואָלווער ביי זיך. טרינקט!"

איך האָב צו אים געטרונקען לחיים און ער האָט פאָרטגעזעצט:

„איך האָב ניט אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פאַר אייך. איר זעט ניט אויס קיין גענגסטער, אָבער איך האָב מורא געהאַט פאַר אייערע פריינד. דער לערער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אויך אייערע פריינד זיינען ניט קיין גענגסטערס. ער האָט זיי געזען, זאָגט ער, און זיי זיינען אַלע בלאַסע מענשען".

„זיי זיינען מייסטערס בלוט-אָרעם", האָב איך אים געזאָגט.

„טאָ טרינקט נאָך אַ גלעזעל", האָט ער געזאָגט, אַליין טרינקענדיג, און פאָרטגעזעצט:

„איך בין אַ מענש וואָס וויל לעבען. איך וויל ניט דערשאָסען ווערען ווי אַנדערע פּאָליסלייט און מיין ווייב זאָל חתונה האָבען מיט אַן אַנדערען. און דערפאַר היט איך זיך פאַר גנבים, ווייל זיי האָבען אַ טבע צו שיסען. קיין פיינע גנבים זיינען נישטאָ. איך האָב שוין אַרעסטירט פּעדלערס, פּאַר־לאַך וואָס קושען זיך ביים ים — בלויז אומשולדיגע מענשען. פּאַר שולדיגע, פאַר פאַרברעכער, היט איך זיך. איך בין אַן ערליכער מענש און וויל ניט האָבען צו טאָן מיט קיין גנבים".

„און וואָס טוט איר", האָב איך אים געפרעגט, „ווען מען שיקט אייך כאַפּען אַ גנב ?"

„גיי איך פּאַוואָליע", האָט ער געענטפערט. „אַזוי ווי אַ גנב האָט אַ טבע צו גיין שנעל און איך גיי פּאַוואָליע, באַגעגענען מיר זיך קיינמאָל ניט. איך וויל זיי ניט זען".

„אין מיין לעצטער וואוינונג", האָט ער ווייטער דערציילט, „האָט מען מיך באַ׳גנב׳עט, האָב איך געבעטען מיין ווייב, זי זאָל מאַכען אַ שוויג, ניט מאַכען קיין טומעל. איך וויל ניט, אַז דער גנב זאָל אויף מיר טראָגען אַ שלעכט הארץ. אין אַ וואָך אַרום האָט מען אויף דעם זעלבען פלאָר באַ׳גנב׳עט אַ צווייטען טענענט. האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב: רעד ניט וועגען דעם אַ וואָרט. זאָל דיך ניט אַרען וואָס מען האָט יענעם באַ׳גנב׳עט. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אין דעם זעלבען הויז באַ־גנב׳עט אַ דריטען שכן. האָב איך אפילו ניט געוואָלט הערען ווי מען רעדט וועגען דעם. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט דעם גנב געכאַפּט — און דאָס איז געווען איינער וואָס האָט געוואוינט די צווייטע טיר פון מיר. און געכאַפּט האָט אים אַ פּאָליסמאַן וואָס וואוינט 50 גאַסען ווייטער. האָבען די פּאָליסלייט מיט מיר זיך גערייצט: „אַ גנב אין דיין הויז האָט גאָר געכאַפּט אַן אַנדערער פּאָליסמאַן". האָב איך מורא געהאָט, אַז דאָ וועל איך האָבען דעם זעלבען סוף. איר וועט מיך באַ׳גנב׳נען און אַן אַנדערער פּאָליסמאַן וועט אייך אַרעסטירען. טרינקט נאָך אַ גלעזעל".

דער פּאָליסמאַן איז געוואָרען מיין בעסטער פריינד. ער ווייסט שוין וואָס ס׳איז אַ ליטעראַרישער גנב. „איר קענט", זאָגט ער צו מיר אָפּט, „גנב׳נען טעמעס וויפיל איר ווילט, אַבי ניט קיין זייגערלאַך מיט בייטעלאַך".

א רייכע חתונה

לואי און ראָזע זיינען אַ לאַנגע צייט געווען חתן־כלה. זיי האָבען זיך שטאַרק ליב געהאַט. אָבער צו קיין חתונה איז דאָס ניט געקומען. ראָזע האָט אָפט געפּרואווט אים צו געבען אָנצוהערען, אַז עס וואָלט שוין געווען צייט צו קלערען וועגען אַ חתונה. אָבער לואי האָט תמיד זיך אויסגעדרייט פון געבען אַ באַשטימטען ענטפער. ער האָט זעהר ליב ראָזע׳ן. ער וואָלט אָן איר ניט געקענעט זיין איין טאָג. אָבער ער איז אַ קליינער פאַרדינער און אַ גרויסער שלומיאַל, און ער ווייס ניט פון קיין פּלאַן, ווי אַזוי ער וועט קענען אויסהאַלטען אַ ווייב.

איין מאָל האָט ראָזע׳ס מאַמע אים אַ כאַפּ געטאָן ביי איר אין הויז. ער איז געזעסען און געוואָרט אויף ראָזע׳ן, און זי האָט אומיסנע פאַר־שפּעטיגט, כדי איר מאַמע זאָל האָבען אַ געלעגענהייט מיט אים צו רעדען, און איר מאַמע האָט פאַר אים געהאַלטען פאָלגענדען מאָנאָלאָג:

„הער אויס, לואי טייערער. מיין ראָזע האָט דיך זעהר ליב. איך האַלט אויך פון דיר, כאָטש דו פאַרדינסט ווייניג, דו ביסט אַ פיינער, אַן עדעלער, אַ גוטער. געלט איז ניט אַלעס. אָבער איך מוז דיר זאָגען אָפען, אַז אויב דו וועסט איינגיכען נישט חתונה האָבען מיט ראָזע׳ן, וועסטו זי פאַרלירען. איצט איז זי נאָך יונג, שיין, האָט אַ סך בעלנים אויף זיך. ווען זי וועט עלטער ווערען, וועט קיינער זי ניט ווועלען. דו אויך ניט. איך בין אַ מאַמע, און איך וועל אָנווענדען אַלע מעגליכקייטען, אַז זי זאָל חתונה האָבען וואָס פריער“.

„איר זיינט אַבסאָלוט גערעכט“, האָט איר לואי געזאָגט, „אין אַ וואָך צייט וועט איר פון מיר קריגען אַ באַשטימטען ענטפער“.

אַ גאַנצע וואָך האָט לואי געקלערט: וואָס זאָל ער טאָן? ניט חתונה האָבען? — פאַרלירט ער ראָזע׳ן. ער קען אָן איר ניט זיין. יאָ חתונה האָבען? — נעמט ער אַ טייער יונג מיידעל און מאַכט זי אומ־

גליקליך. זי וועט תמיד דאַרפֿען אַליין אַרבייטען און נאָך אים אויס־האַלטען. ווען ער וואָלט געהאַט כאָטש אביסעל געלט, וואָלט ער געהאָפט, אַז גאָט וועט אים העלפֿען. אָבער ער איז אַן אַ סענט, איז דאָך אַ זיכערער באַוויז, אַז גאָט וויל אים ניט העלפֿען.

פּלוצלונג איז אים אײַנגעפֿאַלען אַ פּלאַן, וואָס האָט אים געמאַכט פילען גליקליך. ער איז גלייך אַוועק צו ראָזע׳ן אַן אפילו זי פריער צו רופֿען אויפ׳ן טעלעפֿאָן, און איר געזאָגט: „ראָזע, טייערע ראָזע, איך וויל, מיר זאָלען גלייך באַשטימען דעם טאָג פֿון דער חתונה און מאַכען אַ רייכע חתונה. אין אַ שיינעם האָל מיט אַ גוטען מאָלצייט און גוטע מוזיק. עס זאָל זיין איין מאָל אַ חתונה!״

„וואָס טויג דיר אַ רייכע חתונה? מיר זיינען דאָך בידע קבצנים״, האָט אים ראָזע געפֿרעגט.

„טאָקע ווייל מיר זיינען קבצנים דאַרפֿען מיר אַ רייכע חתונה״, האָט איר לואי ערקלערט, „הער מיין פּלאַן, וואָס איז מיר ערשט אײַנ־געפֿאַלען. מיר האָבען אַ סך קרובים. איך האָב קרובים, רייכע, וועלכע האָבען זיך לעצטענס גוט אַרויפֿגעאַרבייט. געלט איז ביי זיי בלאָטע. אַז מיר וועלען זיי געבען אַ שיינעם האָל מיט אַ גוטען מאָלצייט, מיט גוטער מוזיק, וועלען זיי אונז מוזען געבען גוטע פּרעזענטען. מיר וועלען פֿון דעם געלט באַצאָלען אַלע אויסגאָבען און עס וועט אונז בלייבען אַ היבשע סומע, מיר זאָלען זיך נאָך דער חתונה ניט דאַרפֿען זאָרגען״.

ראָזע האָט אים אַ קוש געגעבען פֿאַר דעם פּלאַן.

דעם צווייטען טאָג זיינען לואי און ראָזע אַוועק, געפֿונען אַ שיינעם האָל און אָפּגעמאַכט מיט דעם האָל־קיפּער, אַז ער זאָל צושטעלען דעם מאָלצייט מיט דער מוזיק.

„אַלעס פֿון דאָס בעסטע!״ האָט אים לואי געזאָגט.

מען האָט זיך מיט אים אפילו ניט געדונגען. לואי האָט פיינט זיך צו דינגען.

ראָזע און לואי האָבען זיך אַוועקגעזעצט און צושיקט אײַנלאַדונגען צו אַלע זייערע קרובים, רייך און אָרים, ניט אויסגעלאָזען קיין איינעם. זאָלען אַלע זיך אַמוזירען, האָבען זיי געזאָגט.

ענדליך איז געקומען די חתונה. דער האָל איז געווען געפּאַקט. אַלע אײַנגעלאַדענע קרובים און פריינד זיינען געקומען.

די געסט זיינען געווען פריילך און לוסטיג, האָבען געהוליעט און

געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט. די קרובים פון לואי'ן האָבען געזאָגט איינער דעם צווייטען:

„וואָס פאַר אַ רייכע חתונה! מסתמא איז די כלה זעהר רייך".

ראָזע'ס קרובים האָבען געזאָגט:

„דער חתן מוז זיין זעהר רייך. אַזאַ רייכע חתונה!"

חתן־כלה זיינען געווען זעהר פריילעך, זעענדיג דעם ערפאָלג. אַלע קרובים זיינען געקומען, ספּעציעל די רייכע.

לואי האָט אַלע מאָל ראָזע'ן איינגערוימט אַ סוד:

„דו זעסט אָט דעם קאָזין מיינעם? דאָס איז אַ הונדערטער.

„דו זעסט אָט די טאַנטע מיינע? דאָס איז אַ פופציגער".

„דו זעסט דעם אַנקעל מיינעם? דאָס איז ניט ווייניגער ווי צוויי הונדערטער. מיט אַ יאָר צוריק איז ער נאָך געווען אַ קבצן. איצט האָט ער אַ שאָפּער. מיט דער סאָבוועי פאָרט ער ניט. אַ מיליאָנער!"

אויך ראָזע האָט פון איר זייט אָפּגעשאַצט די סומע פון די אָריינ־געקומענע פּרעזענטען פון אירע קרובים. זי האָט אָנגעוויזען אויף עטליכע פופציגערס. די פּרעזענטען פון ביידע צדדים האָבען לויט זייער חשבון באַטראָפען אין די טויזענטער.

„ווען מיר זאָלען אַפילו אַרונטעררעכענען פופציג פּראָצענט פון דער סומע ווי מיר רעכענען, האָבען מיר געמאַכט אַ פאַרמעגען!" האָט לואי אויסגערעכענט.

ענדליך איז געוואָרען שפּעט און די געסט האָבען אָנגעהובען זיך געזעגענען.

ביי דער כלה האָבען געציטערט די הענט. אָט־אָט וועט זי אָנהויבען קריגען די טשעקלאַך. געוועהנליך גיט מען די פּרעזענטען צו דער כלה.

דער ערשטער האָט זיך געזעגענט דער רייכער אַנקער, די „צוויי הונדערטער".

ער האָט זיי דערלאַנגט אַ ליידיגע האַנד און געזאָגט:

„איך ווינש אייך איר זאָלט זיין גליקליך און רייך. דער עיקר רייך, ווייל קבצנים האָבען גאָרניט קיין ווערט!"

און ער איז שנעל אַוועק.

דאַן איז געקומען די טאַנטע, דער „פופציגער".

„קינדערלעך, איך וועל אייך צושיקען אַ פּרעזענט איז דאָס ווערט אָן אַ שיעור. די מנורה, די הייליגע מנורה, וואָס איך האָב בירושה פון לואי'ס באָבע, וועט איר קריגען פון מיר".

דערנאָך איז געקומען דער קאָזין, דער „הונדערטער״.

„איך ווינש אייך אַ גליקליך לעבען״, האָט ער געזאָגט. „אַזוי שנעל ווי איר פיקסט זיך איין אַ היים קריגט איר אַ גרויסען פּרעזענט״.

„מיר וועלען אַזוי שנעל ניט איינפיקסען קיין היים״, האָט לואי געזאָגט.

„איז ווען איר וועט איינפיקסען אַ היים, וועט איר קריגען״, האָט דער „הונדערטער״ געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער „פּופּציגער״ פון כלה׳ס צד האָט געזאָגט אַזוי:

„ראָזע טייערע, עס איז געווען אַ טייערע חתונה, אַ רייכע חתונה. ווי איך פאַרשטעה, האָט דיין חתן זיך גוט אַרויפגעאַרבייט. פּרייט עס מיך זעהר. זיי מיר געזונט און גליקליך מיט דיין מאַן. גוד־באַי!״

אויף אַן ענליכען אופן האָבען זיך געזעגענט די אַנדערע קרובים פון כלה׳ס צד.

אַזוי זיינען אַוועק אַלע געסט. בלויז פון אַ פּאַר אָרימע קרובים האָבען זיי געקראָגען צו פינפערלאַך.

חתן־כלה זיינען געבליבען די לעצטע אין האָל און דער האָל־קיפּער מיט די מוזיקער זיינען געשטאַנען און געוואַרט אויפ׳ן געלד.

לואי האָט זיי ווייַנענדיג ערקלערט די געשיכטע.

„איך וועל אייך לאָזען אַרעסטירען!״ האָט געשריען דער האָל־קיפּער.

„מיר וועלען אייך ערשט אָפּשפּילען אַ חתונה״ האָט אויסגערופען איינער פון די כלי־זמר.

די כלה האָט געקראָגען היסטעריקע. דער חתן האָט געשלונגען טרערען.

אַוועק אַ פּאָר מינוט האָט דער האָל־קיפּער אויף זיי געקראָגען רחמנות און געזאָגט:

„עס האָט דאָ פּאַסירט אַן אומגליק. זיי זיינען אָרימע לייט. זיי וועלען אַמאָל האָבען, וועלען זיי אונז אָפּגעבען״.

„גערעכט!״ האָט אויסגערופען איינער פון די מוזיקער. „מ׳דאַרף אַמאָל שפּילען אומזיסט אויך. איז לאָמיר זיי איצט אָפּשפּילען אַזוי עפּעס אַ גוטע זאַך צום געזעגענען זיך.

די מוזיקער האָבען געשפּילט אַ טרויער־מאַרש און חתן־כלה האָבען געוויינט פאַר שמחה, וואָס אי זיי האָבען חתונה געהאַט און אי זיי זיינען איך דער זעלבער צייט פרייע מענשען. מען האָט זיי ניט אַרעסטירט.

דער כח פון אַ ניגון

מיסטער פיין פלעגט אַלע מיטוואָך נעמען זיין סעקרעטאַרשע נעלי צו לאָנטש, און דערנאָך מיט איר מאַכען אַ רייזע איבער ניו־יאָרק אין זיין אָטאָמאָביל. זיי פלעגען זיך אָפּשטעלען אויף אינטערעסאַנטע פלעצער, רעדען וועגען פאַרשיידענע זאַכען. ער האָט זי געהאַלטען פאַר אַ זייער קלוגער. ווען זי האָט געזאָגט אַ קלוג וואָרט, האָט ער איר דערפאַר געגעבען אַ קוש. ער האָט זי געהאַלטען פאַר זייער אַ שיינע.

ער פלעגט טראַכטען, ווען ער וואָלט מיט זיין ווייב ניט געהאַט קיין קינדער, וואָלט ער זי אָפּגעג׳גט און חתונה געהאַט מיט אַזאַ ווי זיין סעקרעטאַרשע. נעלי פלעגט טראַכטען, אַז עס איז אפשר אַן עולה פון איר, וואָס זי פאָרט מיט איר באָס, אַ פאַרהייראַטער מאַן. זי באַגייט אויך אַן עולה געגען איר מאַן, וועמען זי האָט ליב. אָבער זי טוט דאָס צוליב פרנסה. פאָרענדיג מיט אים איז זי זיכער מיט איר דזשאַב און אפשר אויך מיט אַ רעיז. ער האָט איר אויך פאַרשפּראָכען צו קריגען אַ בעסערען דזשאַב פאַר איר מאַן. קיין גרויסע פאַרברעכענס באַגייט זי ניט. זי לאָזט זיך בלויז פון מר. פיין אַ קוש געבען, און אַזוי ווי איר מאַן ווייסט דערפון ניט ווערט אים ניט שאַדען.

איינמאָל אין אַ מיטוואָך, אין די טעג פון אלול, זיינען זיי געפאָרען אין אָטאָמאָביל איבער אַ פאַרק. צוליב דעם טרעפיק איז זייער אָטאָמאָביל געבליבען שטיין. אַן אלול־ווינטעל האָט געבלאָזען. נעלי האָט דערקלערט, אַז דאָס וועטער איז איצט אידעאַל און אַז זי האָט ליב די סעפּטעמבער־טעג. מר. פיין האָט איר דערקלערט, אַז ווען ער האָט די מאַכט, וואָלט ער צוליב איר געמאַכט, אַז ס׳זאָל ניט זיין קיין הייסע און קיין קאַלטע חדשים, נאָר לויטער סעפטעמבערס, און זאָגענדיג דאָס האָט ער איר געגעבען אַ קוש.

פון אַ צווייטער מאַשין האָט זיך געהערט דורך אַ ראַדיאָ דאָס

געזאַנג פון אַ חזן: „ונתנה תוקף קדושת היום. בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון".

מר. פיין האָט נאָכגעברומט דעם ניגון.

נעלי האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אַ האַרציגער ניגון. זי האָט דעם ניגון געהערט נאָך ווען זי איז געווען אַ קינד אין הויז פון איר זיידען. זייט דאַן האָט זי די מעלאָדיע מער ניט געהערט. איר מאַן האָט ניט געהאַט קיין שום אידישע דערציהונג. אָבער זי געדענקט דעם ניגון, און זי איז זיך משער, אַז די ווערטער דאַרפען זיין זייער וויכטיגע. מר. פיין האָט פאַר איר איבערזעצט די ווערטער פון ונתנה תוקף און איר דערציילט די לעגענדע, וואָס איז פאַרבונדען מיט דעם, און איר צווישען אַנדערע זאַכען געזאָגט, אַז יעדע נאַכט, ווען דער מענטש שלאָפט, גייט זיין נשמה אַרויף אין הימעל און פאַרשרייבט זיינע זינד. אָט, למשל, (גיט איר אַ קוש) היינטיגע נאַכט וועל איך פאַרשרייבען אין הימעל, אַז איך האָב אייך געגעבען אַ קוש.

אויף נעלי׳ן האָבען די ווערטער געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק, „און קען זיין", זאָגט זי, „אַז ווען מיר זיצען צוזאַמען סנעפּט אַ מלאך אַ פּיקטשור, און אונזער פּאָזישאַן ווערט פאָטאָגראַפירט".

„אודאי", האָט געזאָגט מר. פיין אין שפּאַס, און אַרומנעמענדיג זי צוגעצויגען צו זיך. „אָט אין אַזאַ פּאָזישאַן האָט דער מלאך ליב צו סנעפּען אַ פּיקטשור".

ס׳האָט זיך ווידער געהערט דעם חזנ׳ס שטימע דורך דער ראַדיאָ: „כבקרת רועה עדרו". דער ניגון איז נעלי׳ן טיף אַריין אין האַרץ. זי האָט געזען פאַר זיך איר זיידען, וועלכער דאָרט, אויף יענער וועלט, לייענט אַלע זינד, וועלכע זי אַליין פאַרשרייבט, און ער זעט די פּיקטשור, און ער איז שרעקליך אין כעס.

זי האָט זיך מער ניט געלאָזען אַרומנעמען, דערקלערענדיג, אַז זי האָט אַ שטאַרקען קאָפּ־ווייטאָג.

מר. פיין האָט דערפילט, אַז דער ניגון מיט זיינע מעשיות, מיט זיינע וויצען זיינען שולדיג. ער האָט זי אַהיים געפירט.

אַהיים קומענדיג איז איר מאַן נאָך ניט געווען אין דער היים. ס׳איז געווען פרי, האָט זי זיך צוגעשפּאַרט און געכאַפּט אַ דרעמל. און דער מלאך פון חלומות האָט איר גענומען אונטער זיינע פליגל. עס האָט זיך איר גע׳חלומ׳ט: זי איז געשטאָרבען. זי איז אויף יענער וועלט. איר מאַמע גייט מיט איר שפּאַצירען. זיי רעדען. איר מאַמע פרעגט זי

אויס ווענען איר אײדעם. נעלי זאָגט איר, אַז זי זאָרגט זיך זייער, וואָס איר מאַן, איר הערי, איז געבליבען אַן אַלמן. וואָס וועט ער, נעבעך, טאָן אַליין? איר מוטער, זאָגט איר, אַז זי קען זי נעמען אין אַ פּלאַץ, וואו עס געפינען זיך די רעקאָרדס פון יעדען מענטשן מיט פאָטאָגראַ־פישע בילדער פון זיינע האַנדלונגען, און זי וועט זען, וואָס איר מאַן האָט געטאָן אין די אַלע טעג פאַר און נאָך איר טויט.

„לאָמיר שוין גיין", האָט נעלי געזאָגט, „דאָס איז דאָך ווי אָפּ־נעמען אַ לעבעדיגען גרוס פון מיין מאַן". און אָט זיינען זיי שוין אין אַ פּאַלאַץ פול מיט נשמות. אַ מלאך פרעגט איר, וואָס זי פאַרלאַנגט, און זי ענטפערט: „דעם רעקאָרד פון הערי קופער, ברוקלין". מען דערלאַנגט איר אַ ברוקלין־דירעקטאָרי. מען געפינט פאַר איר דעם נאָמען. יאָ, דאָס איז ער. זי לייענט און זי פילט ווי צו שרייען: „גוואַלד!" ס'איז אַ רעקאָרד פול מיט זינד. און, היינט, פּיקטשורס!? אין איין טאָג, אַ וואָך נאָך זייער חתונה, זיצט ער מיט אַ ווייבעל אין אַ פּאַזע, וואָס אויף דער זינדיגער וועלט, וואָלט די צענזור פון פּאָסט־אָפיס דאָס ניט דורכגעלאָזען. און אָט זיצט ער מיט אַן אַנדער ווייבעל, אירע אַ פריינדין, זשעני. זי האָט זשעני'ן אַלעמאָל חושד געווען, אַז זי איז מיט איר באַפריינדעט, כדי זיך צו באַגעגענען מיט איר מאַן. איר חשד, זעט זי, איז ניט געווען אומזיסט. און אָט זיצט ער ארומגענומען און קושט זיך מיט איר פריינדין רייטשעל. אויף איר וואָלט זי דאָס קיינמאָל ניט געגלויבט. זי האָט, דוכט זיך, אַזוי ליב איר אייגענעם מאַן. מען טאָר קיין פרויען ניט גלויבען. און אָט האַלט ער אַנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אויף אַ פרוי, וועלכע איז אַ סך עלטער פון אים! ווער, מ'שטיינס געזאָגט, עס איז איר קאָנקורענטין! וואָס פאַר אַן אונטערשייד פון איר מאַן ביז צו איר? זי האָט זיך געלאָזן קושען בלויז צוליב פרנסה, און אויך דאָס האָט זי אויפגעגעבען. און ער?

איר מאַן האָט זי אויפגעוועקט פון שלאָף, און ס'איז איר אין ערשטען מאָמענט אויסגעקומען, אַז ער וועקט זי אויף, כדי זי זאָל ניט זען זיין פולען רעקאָרד.

זי האָט געעפענט אירע אויגען און געזאָגט: „דו ביזט זייער אַ פיינער מענטש!" זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ס'איז אַלעס אַ חלום. אָבער, האָט זי געקלערט, אַ טייל פון חלום איז זיכער אמת. זי גלויבט ניט, אַז ער פירט אַ ליבע מיט דער עלטערער פרוי, אָבער מיט די אינגערע גלויבט זי יאָ. אינגאַנצען פּוסט איז אַ חלום ניט.

זי האָט אים געגעבען עסען, אָבער גערעדט צו אים זייער קאַלט. ער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס. ווען ער האָט זי געבעטען, זי זאָל אים געבען אַ קוש, האָט זי געענטפערט, אַז זי קען אים ניט קושען, ווייל זי איז ניט אין דער שטימונג דערפאַר. ער האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס.

בעלי איז מיטוואָך ווידער געגאַנגען מיט מר. פיין צו לאַנטש. אָבער זי האָט זיך אַנטזאָגט מיט אים צו פאָרען אין זיין אָטאָמאָביל. זי האָט אים אָנגעגעבען פאַרשיידענע תירוצים. ער, אָבער, האָט געוואוסט די אורזאַך.

כבוד

ווי צו קריגען כבוד

געווען אַמאָל אַ צייט, ווען איינער האָט זיך געיאָגט נאָך כבוד, איז דער כבוד אַנטלאָפן פון אים. היינט איז גאַנץ אַנדערש. היינט, אויב איר ווילט כבוד (פאַרוואָס זאָלט איר ניט וועלען?), איז וואַרט ניט אויף קיין כבוד צו קריגען אים, נאָר לויפט אים נאָך, ווען ניט, וועט אַן אַנדע־רער, וועלכער לויפט שנעלער, אים אויסכאַפּן.

איך וויל אייך געבען אַ פּאָר עצות, ווי זיך אויפצופירען צו קריגען כבוד.

1) גייט תמיד אָנגעטאָן אין אַן אויסגעפּרעסטען סוט מיט אַ קנייטש אין די הויזען. אַ געקעסטעלער סוט איז גאָר ניט שלעכט.

2) אין ווינטער־צייט מוזט איר אומבאַדינגט גיין אָנגעטאָן אין אַ פוטערל מיט אַ מינק קאָלנער. כבוד האָט ליב וואַרימקייט.

3) אַ קאַפּעליוש זאָלט איר האָבען אַ ברייטען. כבוד האָט ליב ברייטקייט.

4) גייט ניט אָן אַ שטעקען. דער שטעקען קען אייך ברענגען אַ סך נוצען. איר קענט זאָגען, אַז איר האָט אים געקראָגען בירושה פון יעקב גאָרדין אָדער פון דזשייקאָב פּ. אַדלער, וועלכע זיינען געווען אייערע פּערזענליכע פריינד. איר וועט זיך אויך מיט אים קענען באַדינען פאַר פאַרטיידיגונג אין פאַל מען וועט אייך ניט וועלען גלויבען וואָס איר זאָגט און וועלען אייך אַרויסוואַרפען.

5) איר קענט ניט אויסקומען אָן אַ בייכעל, אַ קיילעכדיג בייכעל. דאָס וועט אייך צוגעבען גרויסע חשיבות. איר קענט עס גלעטען, ווי מען גלעט אַ באָרד. איר קענט אַ בייכעל לייכט קריגען דורך עסען שאָקאָ־לאַד, אייז־קרים, פּוטערגעבעקס, מילכיגע אָדער פליישיגע קרעפּלאַך, פעטע זיסע קוגלען און אַנדערע גוטע זיסע און פעטע מאכלים.

6) וויכטיגער פון אַלע פונקטען איז, אַז אײַער ווייב זאָל אײַך אָפּגעבען כבוד און אײַך העלפען קריגען כבוד. ווייבער זיינען זעהר פעהיג פאַר אַזעלכע זאַכען. טאָמער וויל אײַך אייער ווייב ניט אָנערקענען, איז אייער אַרבייט פון יאָגען זיך נאָך כבוד אַרויסגעוואָרפען. זי וועט אײַך מאַכען צונישט אייער גאַנצע אַרבייט. זי וועט ביי אײַך צונעמען דעם מוט, די ענערגיע און דעם גלויבען, וואָס דאָס איז זעהר וויכטיג פאַר קריגען כבוד. די בעסטע עצה פאַר דעם איז צו אַנטלויפען פון דער ווייב און קריגען אַן אַנדערע, וועלכע גלויבט אין אײַך. טאָמער קענט איר ניט אָפּנאַרען אייער ווייב, וועט איר אַנדערע זיכער ניט קענען אָפּנאַרען און איר זענט, אַלס כבוד־זוכער, אַ דורכפאַל.

7) צו מיטינגען אָדער באַנקעטען מוזט איר קומען פרי און פאַר־כאַפּען דעם אויבען־אָן.

8) אויב איר האַלט אַ רעדע, לויבט זיך אַליין. זאָגט, למשל: אין מיין לעצטע בריליאַנטענער רעדע האָב איך געזאָגט אַזוי און אַזוי, און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איך בין אַ חכם״. אויב איר וועט זיך אַליין ניט לויבען, וועט אײַך קיינער ניט לויבען.

9) זאָגט וויצען און לאַכט אַליין דער ערשטער. פאַרלאָזט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכען אויף פריינד.

איך רעד וועגען די אַלע זאַכען פון גרויס ערפאַרונג. איך האָב אַליין אַנגעווענדעט אַט די אַלע אויסגערעכענטע מיטלען און בין היינט זעהר אַ חשוב׳ער מענש. ווען איר ווילט צוקומען צו מיר, דאַרפט איר פאַרלירען אַ סך צייט און כח און אָנווענדען „פול״. מען לאָזט אײַך צו מיר ניט צו אַזוי שנעל. מען זאָגט אײַך, אַז איך בין זעהר פאַרנומען, כאָטש איך טו גאָרניט. און ווען איך רעד מיט אײַך, רעד איך פּאַוואָלע, צייל די ווערטער, מיינט איר ווער ווייסט וואָס איך זאָג און איר שרעקט זיך אַליין עפּעס צו זאָגען. איר האָט מורא, אַז איך זאָל אײַך ניט כאַפּען אין אַ גרייז, כאָטש איך אַליין קען גאָר ניט.

איין מאָל האָב איך פּלוצלונג געקראָגען אַן איינלאַדונג צו אַ צוזאַמענקונפט פון וויסענשאַפטסלייט און היסטאָריקער. פאַרוואָס זיי האָבען מיך איינגעלאַדען, ווייס איך ביז היינטיגען טאָג ניט. מסתמא איז מיין נאָמען זעהר באַרימט, אָדער עס איז געווען אַ טעות. קום איך צו דעם צוזאַמענקונפט, און איך זעץ זיך, ווי מיין טבע איז, אויבען־אָן. קומט איינער צו מיר צי און זאָגט: „הערד פּראָפעסאָר (איך זע אויס ווי אַ פּראָפעסאָר), ענטשולדיגט, דאָ זיצט פּראָפעסאָר יאָקריס״. און ער וויזט

מיר אַן אויף אַ פּלאַץ לעבען טיר. ענטפער איך: „מיר טוט לייד, איך קען זיך לעבען טיר ניט זעצען, ווייל איך האָב אַ קאַלד". רופט זיך אָן פּראָפעסאָר יאַקריס (ער איז אָנגעקומען אין מיטען געשפּרעך): „דער פּראָפעסאָר קען בלייבען זיצען אויף מיין פּלאַץ. איך וועל בעסער זיצען לעבען דער טיר. טאָמער דאַרף איך זיך אַרויסכאַפּען אין מיטען פון אַ רעדע". האָב איך מיט פּראָפעסאָר יאַקריס זיך געביטען מיט די פּלעצער. ער ביי דער טיר, און איך אויבען־אָן. אַלע אַרום מיר האָבען איינער דעם צווייטען גערופען „הערר פּראָפעסאָר". זיי זיינען טאַקע אַלע געווען פּראָפעסאָרען.

צוויי, וועלכע זיינען געזעסען לעבען מיר, האָבען זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט: פּראָפעסאָר קעמעל און פּראָפעסאָר שוועמעל. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אַלס פּראָפעסאָר ביק (איך הייס ביק).

פרעגט מיך מיין שכן, פּראָפעסאָר שוועמעל, וואָס עס איז מיין ספּעציאַליטעט, האָב איך אַ זאָג געטאָן: „כעמיע". אויב אַזוי, האָט פּראָ־פעסאָר שוועמעל אַ זאָג געטאָן, מוז ער מיר ערקלערען זיין ענטדעקונג, וועלכע איז געגרינדעט אויף איינשטיינ'ס רעלאַטיוויטעט. און גענומען מיר ערקלערען זיין כעמישע ערפינדונג און איך, ניט־פאַרשטייענדיג איין וואָרט, האָב נאָכגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָב אויף אַלעס געענטפערט: „זעהר גוט!"

פּראָפעסאָר שוועמעל, אַ גליקליכער, וואָס איך שטים מיט אים איין, האָט אַ געשריי געטאָן צו מיין צווייטען שכן, פּראָפעסאָר קעמעל: „איר הערט, וואָס דער געלערענטער כעמיקער פּראָפעסאָר ביק זאָגט. ער זאָגט, אַז איך בין גערעכט". האָט פּראָפעסאָר קעמעל פאַר מיר גענומען פאַרניכטען פּראָפעסאָר שוועמעל'ס ערפינדונג. ער האָט פון אַלעס געמאַכט אַש און בלאָטע. איך האָב אויף אַלעס נאָכגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט: „זעהר גוט, איר זענט גערעכט".

איז פּראָפעסאָר שוועמעל געוואָרען אין כעס און אויסגערופען: „הערר פּראָפעסאָר ביק, איר האָט דאָך ערשט געזאָגט, אַז איך בין גערעכט".

„איר זענטביידע גערעכט" — האָב איך ערקלערט.

האָבען ביידע פּראָפעסאָרען גענומען שרייען: „סטייטש, וואָס הייסט? ווי קענען ביידע זיין גערעכט אין דער זעלבער צייט?"

האָב איך זיי געזאָגט: „איך קען אייך באַווייזען, אַז ביידע קענען זיין אומגערעכט און גערעכט אין דער זעלבער צייט. דאָס איז מיינע אַ טעאָריע".

זיינען בײדע פּראָפּעסאָרען געװאָרען נײגעריג צו הערען מײן טע־אָריע. דערװײל איז דער פאָטאָגראַפער געקומען נעמען אַ בילד פון דער גרופּע. האָב איך זײ ערקלערט, אַז איך װיל ניט שטערען דעם פאָטאָ־גראַפער נעמען דאָס בילד. איך װעל שפּעטער ערקלערען מײן טעאָריע אין אַ רעדע פאַר אַלעמען.

„דאָס איז עפּעס גאָר אַ נײעס״ — האָבען בײדע פּראָפעסאָרען געזאָגט און זיך פאַרטראַכט װעגען מײן טעאָריע.

נאָכדעם װי איך האָב דעם פאָטאָגראַפער געגעבען מײן אַדרעס און באַשטעלט דאָס בילד פון דעם צוזאַמענקונפט, בין איך אַװעק אַהײם אָן אַ גודבאַי.

דאָס בילד הענגט בײ מיר איצט אין פאָדער־צימער. איך בין אויף דעם בילד זײער גוט אַרויסגעקומען. איך זיץ אויבען־אָן און אַלע גרעסטע פּראָפּעסאָרען זיצען אַרום מיר. איך בין אין אַ פּאָזע, װי איך ערקלער צו צװײ פּראָפּעסאָרען, אַז זײ זײנען בײדע גערעכט.

לעצטענס האָב איך זיך משדך געװען מיט זעהר אַ חשוב׳ן מענשן. ער גײט אויך אין אַ פוטערל און האָט אויך אַ ניש׳קשה׳דיגען בײכעל, נאָך אַ גרעסערער בײכעל װי מײנס.

װען ער איז געקומען צו מיר צום ערשטען מאָל צו־גאַסט און ער האָט ערקלערט, אַז ער איז אַ גרויסער קענער פון היסטאָריע, האָב איך זיך געשראָקען, טאָמער פרעגט ער מיר עפּעס און איך װעל ניט װיסען װאָס צו ענטפערען. אָבער װען ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן בילד פון די װיסענשאַפטסלײט, װאָס הענגט בײ מיר אויף דער װאַנט, װי איך זיץ אויבען־אָן, און פיר אַ געשפּרעך, האָט ער מורא געהאַט צו רעדען מיט מיר. ער האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויפ׳ן בילד און אויף מיר, און ענדליך רופט ער אויס:

„דאָס איז דאָך פּראָפעסאָר יאַקריס, דער גרעסטער היסטאָריקער. ער זיצט אין דער זײט און איר אויבען־אָן?״

ער האָט זינט דאָן מורא צו רעדען מיט מיר װעגען היסטאָריע.

אַ יובילעי פייערונג

איך בין אַ פשוט'ער איד, אַ געטרייער מעמבער פון מיין לאַנדס־מאַנשאַפט־סאָסייעטי. איך פאַרפעל קיינמאָל ניט קיין מיטינג. איך נעם קיינמאָל ניט קיין וואָרט. איך לויף קיינמאָל ניט פאַר קיין אַמט. נאָך דעם מיטינג גיי איך גלייך אַהיים און פאַרבלייב ניט, ווי אַנדערע, צו שפּילען אַ פּאָוקער'ל.

הײַנט שטעלט זיך פאָר מיין איבערראַשונג ווען אין אַ מיטען מיטוואָך קומט צו מיר אַריין אַ קאָמיטע פון מיין סאָסייעטי און זאָגט מיר: „שואל, ברודער, מיר האָבען באַשלאָסען פייערען דיין 50־יאָריגען יובילעאום דורך אַ גרויסען באַנקעט".

— „וואָס, זייט איר משוגע געוואָרען?" האָב איך זיך צעלאַכט. האָב איך זיי געזאָגט. — „ערשטענס, בין איך שוין 55 יאָר ניט קיין פופציג, און צווייטענס, ווער בין איך עס, אַז מען זאָל מיר מאַכען אַ יובילעי? איך האָב זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין זאַך! פאַרוואָס קומט מיר אַ באַנקעט?"

זיי האָבען אויף דעם געענטפערט אַזוי: „דאָס וואָס דו ביסט שוין 55 יאָר מאַכט ניט אויס. מען האָט ערשט אַנומעלט געפייערט אַ פופציג־יעריגען יובילעי פון אַ 65־יעריגען ברודער. קיינער מוז ניט וויסען, אַז דו ביסט שוין 55. און טאַקע דערפאַר וואָס דו האָסט זיך ניט אויס־געצייכענט מיט קיין זאַך, ווייל דו ביסט ניט קיין פּאָליטישען און קיין קאָך־לעפעל קומט דיר אַ באַנקעט. פאַרוואָס דאַרף מען עס תמיד מאַכען באַנקעטען צו די רייכע, צו די פּאָליטישענס און די פייקערס? זאָל מען אַמאָל מאַכען אַ באַנקעט פאַר אַן ערליכען מענשען!"

„אָבער צו וואָס טויג עס מיר?" האָב איך געפרעגט. „איך בין ניט קיין רעדנער. איך וועל אפילו ניט קענען האַלטען קיין רעדע אויף מיין אייגענעם באַנקעט. צו וואָס דאַרף איך עס?!"

איינער פון דער קאָמיטעט האָט מיר ערקלערט, אַז איך נויטיג זיך אין אַ באַנקעט צוליב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, צוליב מיין ווייב. זי האַלט מיך פאַר אַ שלומיאל און פאַר אַ גאָרניט. זאָל זי זיצען ביי אַ באַנקעט און הערען רעדען, אַז איר מאַן איז אַ גרויסער מענש. צווייטענס, צוליב מיין זוהן. איך האָב אַ זוהן אין דער אַרמיי, אַ סאַרדזשענט. ער קומט איצט צוריק פון איראָפּע. זאָל ער הערען ווי מען לויבט זיין טאַטען, און האָבען נחת.

דער צווייטער אַרגומענט, אַז איך זאָל פאַרשאַפען נחת צו מיין זוהן האָט אויף מיר געווירקט. מיין זוהן איז געווען אין דער אינפאַנטרי, זיך באַטייליגט אין פילע שלאַכטען, אויסגעשטאַנען די גרעסטע געפאַרען. איך בין אַ טאַטע אַן אָרימאַן. איך קען פאַר אים גאָרניט טאָן. לאָמיך אים געבען אַ ביסעל כבוד. און איך האָב צוליב מיין זוהן צוגעשטימט, אַז מען זאָל פייערען מיין 50־יעריגען יובילעאום.

ענדליך איז געקומען דער אָוענט פון מיין באַנקעט. איך בין געזעסען מיט מיין ווייב און מיט מיין זוהן, דעם סאַרדזשענט, אויבען־אָן. אַרום מיר זיינען געזעסען די ברידער, מאַנכע פון זיי רייכע, אייניגע פּאָליטישענס און אַלע זיינען געקומען פון מיין כבוד וועגען.

מיר האָבען געגעסען אַ גוטען נאַכטמאָל און אַז ס'האָט שוין געהאַלטען ביי דער קאַווע, האָט זיך אויפגעשטעלט דער טאָוסטמייסטער און אָנגעהויבען רעדען:

„ברידער", האָט ער געזאָגט, „מיר פייערען היינט דעם 50־יעריגען יובילעי פון אַ נאָש־בראָט, אַן אייגענער מענש, ניט קיין פּאָליטישען, ניט קיין בלאָפער און ניט קיין רייכער און ניט קיין רענט־קאָלעקטאָר, נאָר אַן אָרימאַן, אַ גוטער ברודער!"

ער האָט דערנאָך געגעבען דאָס וואָרט צו איינעם פון די רייכע און אָנגעזעהענע מיטגלידער פון דער סאָסייעטי. יענער האָט געזאָגט:

„ברידער, איך בין אַ מענש וואָס זאָג דעם אמת אין די אויגען. איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט. איך זאָג, אַז דער באַנקעט האָט ניט געדאַרפט געמאַכט ווערען. ווער איז ברודער שואל, וואָס מען זאָל פייערען זיין 50־יעריגען יובילעי? ערשטענס, איז ער שוין 60 יאָר, ניט קיין 50. איר האָט זיך דערמאָנט צו־שפּעט; און צווייטענס, ווער איז ער? אַ גאָרניט. דער פאַקט וואָס ער איז שוין 60 יאָר אַלט און קען ניט מאַכען קיין לעבען, באַווייזט עס, אַז ער איז אַ טויגעניכטס. פון ווען אַן מאַכט מען עס באַנקעטען פאַר אָרימע לייט און גאָרנישט'ן? אויב איר

סימפּאַטיזירט מיט איינעם וואָס ער איז אַן אָרימאַן, טאָ גיט אים אַ פּאָר דאָלער. איך אַליין וועל אייך אויף דעם צושטייער געבען מיינע ערשטע פינף דאָלער. אָבער צו וואָס טויג אַן אָרימאַן אַ באַנקעט? גיט אים בעסער אַ גוטען דזשאָב, גיט אים!"

די רעדע פון דעם רייכען ברודער האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אפילו אויף מיר. ניט מער, מיך האָט פאַרדראָסען וואָס ער האָט געזאָגט, אַז איך בין שוין 60 יאָר. פאַרוואָס קומט מיר צוצולעגען 5 יאָר?

דער נעקסטער רעדנער איז געווען איינער פון דער קאָמיטע וואָס האָט ביי מיר גע'פועל'ט, אַז איך זאָל זיך לאָזען מאַכען אַ באַנקעט. ער האָט מיך שטאַרק פאַרטיידיגט און ער האָט דאָס ערשטע געמאַכט אַן ערקלערונג, אַז איך בין נאָך ניט אַלט קיין זעכציג, נאָר 55 יאָר, און אַז 5 יאָר לעבען ביי אַן אָרימאַן איז אַזוי ווי גאָר ניט. ער האָט סיי־ווי ניט געלעבט, און ער איז באַרעכטיגט צו אַ 50־יעריגען יובילעי. ער האָט ווייטער פייערדיג ערקלערט, אַז ס'איז אמת, אַז ברודער שואל איז אַ שלומיאל און אַ גאָרניט און אַז ער אַליין ווייסט עס און ער האָט דערפאַר טאַקע ניט געוואָלט קיין באַנקעט. אָבער ער האָט עס געטאָן צוליב זיין זוהן. ער האָט אַ זוהן, וועלכער איז דאָ מיט אונז, אַ סאַרדזשענט, אַ העלד. ער וויל, אַז זיין זוהן זאָל הערען ווי הויך מיר שעצען זיין טאַטען. צוליב דעם כבוד פון זיין זוהן דאַרפען מיר זאָגען גוטס וועגען ברודער שואל. רעדט גוטס וועגען אים. זשאַלעוועט ניט אַ פּאָר גוטע ווערטער, זשאַלעוועט ניט!

דער נעקסטער רעדנער איז געווען דער וויס־פּרעזידענט, אַ רייכער בייזער איד און ער האָט אויסגעשריען: „וואָס הייסט איר מאַכט אַ באַנקעט צו אַ מענשען אַ גאָרנישט, ווייל זיין זוהן איז אַ סאַרדזשענט? וואָס איז דען אַ סאַרדזשענט? אָט האָב איך אַ זוהן אַ פוירסט ליוטענאַנט, אָט האָט מיין פּאַרטנער אַ זוהן אַ קעפּטעין. אַ סאַרדזשענט איז גאָר ניט. זיין זוהן דער סאַרדזשענט איז מסתמא פּונקט אַזאַ לאָ־יוצלח ווי זיין טאַטע!"

ווייטער איז שוין דער וויס־פּרעזידענט מיט זיין רעדע ניט געגאַנגען, ווייל מיין ווייב האָט אַליין זיך גענומען דאָס וואָרט. זי האָט אַלעמען איבערגעשריען.

„דרך ארץ פאַר מיין זוהן!" האָט זי אויסגערופען. „ער איז אַ העלד, און ווער זייט איר? ווען ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבען און זיך געשלאָגען פאַר אייך מיט די נאַצים, זייט איר דאָ געזעסען און געשפּילט פּאָוקער! ווער עס וועט זאָגען אַ וואָרט געגען מיין זוהן וועל איך אים צופּראַסקען די פּיסקעס! וועגען מיין מאַן, דעם שלומיאל, קענט

איר רעדען וואָס איר ווילט. אָבער ניט וועגען מיין זוהן! איר פֿאַסקוד־ניאַקעס, וואָס איר זייט!"

מיין זוהן האָט געשמייכעלט. עס איז אים געפעלען זיין מאַמעס פּאַרטיידיגונגס־רעדע.

מער האָט שוין קיינער ניט גערעדט. די חשוב'ע רייכע מיטגלידער פון דער סאָסייעטי זיינען אַרויסגעלאָפען מיט פּראָטעסטען. געבליבען זיינען די אָרימע לייט. זיי זיינען צוגעקומען צו מיין ווייב און איר געזאָגט: "יישר כח!"

איינער פון דער קאָמיטע, וואָס האָט אַראַנזשירט דעם באַנקעט, איז צו מיר צוגעקומען און געזאָגט: "צוליב אייער ווייב'ס רעדע האָט זיך שוין געלוינט וואָס מיר האָבען געמאַכט דעם באַנקעט!"

"הלואי", האָט אַ צווייטער געזאָגט, "וואָלט אייער ווייב דאָ געווען אַ מעמבערקע און געקומען צו די מיטינגען, וואָלט זיך דאָ אַלעס געמוזט פירען אין דער בעסטער אָרדנונג".

מיין ווייב איז פון דעם באַנקעט אַרויס די גרעסטע זיגערין און זי זאָגט, אַז דער באַנקעט האָט איינשטימיג באַשטעטיגט אירע רייד, אַז איך בין אַ גרויסער שלומיאל און אַ גאָר ניט.

אַ לויה־רעדנער

איך בין איינער פון די בעסטע רעדנער ביי אַ לויה. איך רעד מיט אַן אומעטיגער שטימע, מיט אַ טרויעריגען ניגון און זאָג ווערטער, וועלכע צופּען ביים האַרצען און רופען אַרויס טרערען און וויינענדיגע קולות.

מען רופט מיך דערפאַר צו אַ סך לוויות צו מאַכען הספדים. איך רעד ביי עטליכע לויות אַ טאָג. איך מאַך תמיד אַ היט. ווען מען וואָלט געמעגט ביי אַ לויה אַפּלאָדירען, וואָלט איך געקראָגען דעם גרעסטען אַפּלאָוז. אָבער אַנשטאָט אַפּלאָדיסמענטען ווערט מיין רעדע אָפּט איבער־געריסען פון וויינענדיגע שטימען. איך בין ביי אַ לויה די צווייטע גרעסטע אַטרעקשאָן נאָכ׳ן מת.

איינמאָל רופט מיך מיינער אַ באַקאַנטער דורכ׳ן טעלעפאָן, זאָגט מיר מיט אַ טרויעריגער שטים, אַז ער האָט ערשט געלייענט אין צייטונג, אַז אונזער פריינט משה ליפקין איז געשטאָרבען. די לויה קומט איצט פאָר. ער אַליין מוז איצט אַוועקפאָרען, און קען ליידער ניט זיין ביי דער לויה. ער בעט מיך, איך זאָל דאָרט זיין. „דיינער אַ הספד״, זאָגט ער מיר, „וועט פאַרשאַפען כבוד צום טויטען און צו דער פאַמיליע״. ער גיט מיר דעם אַדרעס פון דעם ביתעולם און ערקלערט מיר, אַז אויב איך וועל זיך איילען וועל איך נאָך אָנקומען אין צייט, צו האַלטען אַ שטיקעל רעדע.

איך האָב ניט געפרעגט קיין סך קשיות, בין גלייך אַרויסגעפאָרען און בין אָנגעקומען און געמאַכט אַ הספד. די צאָל אַנוועזענדע איז געווען קליין. מיין פריינד האָט פאַרדינט אַ גרעסערע לויה. איך האָב דאָס אויס־גענוצט אין מיין רעדע. איך האָב געדונערט וועגען די, וועלכע קומען ניט אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד צו דעם מת, וועלכער האָט געהאַט אַ ברייט האַרץ און אַן אָפענע האַנט. ער האָט אַלעמען געגעבען, אַלעמען געהאָלפען. ער איז געווען אַ שטאָלץ פאַר זיינע מיטמענשען, פאַר זיינע גאַליציאַנער לאַנדסלייט, פאַר זיינע פריינט און פאַר זיין פאַמיליע.

איך האָב גערעדט מיט דעם גרעסטער וואַרימקייט וועגען אים, אָבער איך האָב געפילט, אַז אַרום מיר בלאָזט אַ קאַלטער סעמעטערי־ווינט.

איך האָב אים פאַרגליכען צו טאָלסטאָי, לאַסאַל, סאָקראַטעס און אויסגערופען מיט פאַטאָס: „מען נעמט אַזאַ גוטען מענשען מיט אַזאַ שיין פּנים און מען לייגט אים אין דער ערד אַריין!״ אַזעלכע ווערטער רופען תמיד אַרויס אַ געוויין. אָבער דאָ בין איך געווען דער איינציגער, וועלכער האָט געוויינט. אַזאַ קאַלטע אויפנאַמע אויף אַ סעמעטערי, האָט נאָך מיינע אַ רעדע קיינמאָל ניט געקראָגען.

איך בין געפאָרען צוריק אַהיים אַ ניט־צופרידענער און גענומען קלערען וועגען דער אורזאַך פון מיין דורכפאַל. זיינען דאָרט געווען אַזעלכע מענשען, וועמען קיין טראַגעדיע רירט ניט? אָדער מיין רעדע איז שולדיג? איך בין עלטער געוואָרען און קען מער ניט רעדען ווי אַמאָל...

איך דערזעה פּלוצלונג, ווי לעבען מיר אין דער קאַר זיצט אַ איד וואָס פאָרט פון דער זעלבער לויה, און באַשליס פון אים אויסצוגעפינען, צי האָב איך רעכט, אַז מיין רעדע האָט ניט געטויגט.

— ווי איז אייך געפעלען מיין רעדע? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— מיר איז גאָרניט געפעלען — האָט ער געענטפערט.

— פאַרוואָס?

— ווייל איר האָט ניט געזאָגט קיין איין וואָרט אמת. — האָט דער איד ערקלערט. — איר האָט געזאָגט, אַז דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אַ בעל־צדקה. קיין גרעסערען חזיר פון אים האָב איך ניט געקענט, איר האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ גאַליציאַנער. ער איז גאָר געבוירען אין ביאַליסטאָק. איך —

איך האָב מיט דעם אידען מער ניט געוואָלט רעדען. איך האָב גע־דענקט אַז ער איז ניט ביים זינען. איך האָב גוט געקענט דעם פאַר־שטאָרבענעם מיט זיין ברייטהאַרציגקייט און ער רופט אים חזיר. איך ווייס פון וועלכער שטאָט אין גאַליציע ער קומט, און ער מאַכט אים פאַר אַ ביאַליסטאָקער. דער איד איז אַ משוגענער, האָב איך באַשלאָסען.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין מיין אָפיס האָב איך דאָרט גע־טראָפען מיין פריינט מר. זייקין. דערציילט איך אים, אַז אונזער פריינט מר. ליפקין איז געשטאָרבען, אַז איך האָב גערעדט ביי זיין לויה און מיין הספד איז דאָרט געווען אַ גרויסער דורכפאַל.

מר. זייקין איז געווען דעם פאַרשטאָרבענעמ׳ס אַ גוטער פריינט און אויך אַ פריינט פון זיין פאַמיליע.

ער איז פון דער טרויעריגער בייעס שטאַרק געטראָפען געוואָרען. ער האָט געוואָלט וויסען מער איינצעלהייטען. צי איז ער פריער געווען קראַנק. איך האָב אים מער קיין אינפאָרמאַציע ניט געקאָנט געבען.

ער האָט אַביסעל נאָכגעקלערט און געזאָגט: „איך מוז גלייך אַריבערפאָרען צו דער אַלמנה און איר אויסדריקען מיין סימפּאַטיע. אַזוי ווי איך פאָר מיט אַ מאַשין, קען איך דיך אויך מיטנעמען".

איך האָב ערקלערט, אַז אַזוי ווי איך קען ניט די אלמנה פּערזענליך, פּאַסט מיר ניט צו פאָרען. אבער ער האָט געזאָגט אַז דאָס מאַכט ניט. „ערשטענס, קען זי דיך, כאָטש דו קענסט זי ניט. צווייטענס, האָט זי דאָך ערשט געהערט דיין רעדע אויף דער סעמעטערי, און זי איז געוויס דיר דאַנקבאַר פאַר די גוטע ווערטער וואָס דו האָסט געזאָגט וועגען איר מאַן. זי וועט עס האַלטען פאַר אַ גרויסען כבוד וואָס דו קומסט צו איר."

ער האָט מיך איבערגערעדט און מיר זיינען געפאָרען.

מיר קומען אַריין אין הויז פון פאַרשטאָרבענעם. מיר קלינגען אָן. אַ יונג, שיין, חנ'עוודיג ווייבעל עפענט די טיר, דערלאַנגט מיין פריינט די האַנט און זאָגט מיט אַ שמייכעל: „וואָס פאַר אַ גאַסט! קומט אַריין."

מיר גייען.

ער שטעלט מיך פאָר: — „דאָס איז מר. זשיפּיץ".

זי דערלאַנגט מיר די האַנט זאָגענדיג: „איך האָב זייער פיל פון אייך געהערט. זיצט!"

מיר האָבען זיך אַוועקגעזעצט און די אלמנה ענטשולדיגט זיך זאָגענדיג, אַז זי גייט אַריינברענגען פאַר די געסט אַ ביסעל משקה.

איך בין געוואָרען איבערראַשט פון איר גאַנצער האַלטונג. ניט קיין סימן פון טרויער. זי דערמאָנט ניט אַ וואָרט וועגען דער רעדע וואָס איך האָב געהאַלטען אויף דער סעמעטערי. געוויינליך דאַנקען מיר די אלמנות פאַר מיינע רעדעס ביי יעדער לויה. איך זאָג צו מיין פריינט:

— זי איז עפּעס אַ מאָדנע אלמנה.

— איך קענט ניט מרס. ליפּקין, — זאָגט ער. — איר האַרץ בלוטעט און זי מאַכט אַ פריילך פנים. זי איז אַ מערקווירדיגע פרוי, איר ליבע צו איר מאַן איז געווען אונגעהייער גרויס און זי פאַרדעקט איר טרויער.

— אַזעלכע פרויען באַגעגענט מען זעלטען — האָב איך ערקלערט.

— איך וואָלט געוואָלט וויסען וואָס זי דענקט וועגען מיין רעדע, פרעג זי.
— זי וועט דיר שוין מסתמא אַליין זאָגען, — זאָגט ער. — זי וועט דיר זיכער דאַנקען. זי בלייבט קיינעם ניט שולדיק קיין דאַנק.
פונדעסטוועגען פרעג זי — זאָג איך. — מיר פּאַסט ניט צו פרעגען.
די אַלמנה איז צוריקגעקומען און געבראַכט ווין מיט פלאָדען, און געזאָגט: עסט, טרינקט, מיינע ליבע געסט. די וואָס לעבען דאַרפען טרינקען לחיים!
מיר האָבען אַלע געטרונקען צו צוויי דריי גלעזלעך. די אַלמנה אַריינגערעכענט.
מרס. ליפקין, איר זיינט צו באַוואונדערען — האָט מיין פריינט אויסגערופען — פאַר אייער מוט, אייער האַלטונג. בראַוואָ!
— מרס. ליפקין, — האָב איך אויסגערופען — איר זיינט אַ גרויסער מענטש. אייער פאַרשטאָרבענער מאַן איז געווען אַ גרויסער מענטש און איר זיינט אַ גרויסער מענטש.
— וואָס האָט איר געזאָגט, מיין מאַן? — האָט זי איבערגעפרעגט, ניט וויסענדיג וואָס איך מיין.
— אין מיין הספד ביי דער לויה פון אייער מאַן האָב איך אים פאַרגליכען צו טאָלסטאָי׳ן — האָב איך געזאָגט.
זי האָט מיך אונטערבראָכען מיט אַ היסטערישען קוויטש.
— אַנטשולדיגט — האָב איך געזאָגט — ווי איך פאַרשטיי, ווילט איר ניט, אַז מען זאָל דערמאָנען אייער פאַרשטאָרבענעם מאַן.
— גוואַלד! אַ וויטאָג איז מיר! ווען איז ער געשטאָרבען? — האָט זי אָנגעהויבען שרייען און קלאָגען — ווען? ווי אַזוי? פאַרוואָס וויים איך ניט?
איך און מיין פריינט האָבען זיך אָנגעקוקט, ניט פאַרשטייענדיג וואָס דאָס מיינט. איז דאָס מעגליך, אַז זי הערט צום ערשטען מאָל וועגען איר מאַנ׳ס טויט?
— פאַרוואָס רעדט איר ניט? פאַרוואָס ערקלערט איר מיר ניט?
— האָט זי געשריען.
מיין פריינט האָט אַרויפגעלעגט די גאַנצע שולד אויף מיר. „ער האָט מיר דערציילט״, האָט ער געזאָגט.
„איך בין די נייעס געוואָר געוואָרען פון אַ פריינט דורכ׳ן טעלעפאָן״, האָב איך געזאָגט. אָבער איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט איר צו געבען מער אינפאָרמאַציע האָט זיך געעפענט די טיר און דער „פאַרשטאָרבענער״ משה ליפקין איז אַריינגעקומען.

אַ געשוואָלען אויג

פּנחס שמולעוויטש פֿאָרט אין סאַבוועי צום 50־יעריגען יובילעי־באַנקעט פֿון זיין פריינט און לאַנדסמאַן לואי ציפּקעוויטש. ער פֿאָרט אַליין. זיין ווייב האָט זיך ענטזאָגט צו פֿאָרען צום באַנקעט און אים אויך געהייסען בלייבען אינדערהיים און בעסער גיין אין אַ מואווי. זי האָט אים געזאָגט: „וואָס דו ווינשט לואי ציפּקעוויטש'ן זאָל אים אָנקומען. וואָס ער ווינשט דיר זאָל אויך אים אָנקומען. היינט צו וואָס לויפסטו האַלטען אַ רעדע ביי זיין באַנקעט און אים געבען ברכות און אים זאָגען לויבגעזאַנגען?"

פּנחס האָט געענטפערט אַזוי: „וואָס אַרט דיך? מיינע ברכות וועלען זיכער ניט מקוים ווערען. מיינע לויב־געזאַנגען וועט קיינער ניט גלויבען. ניט מער וואָס איך וועל האַלטען אַ גוטע רעדע, קריגען אַ גרויסען אַפּלאָדז און אריינכאַפּען אַ ביסעל כבוד. ס'איז זיין באַנקעט און איך וועל קריגען כבוד. איז וואָס איז עס שלעכט?"

מרס. שמולעוויטש האָט אָבער ערקלערט, אַז זי האָט פיינט דעם מיסטער ציפּקעוויטש און זי וויל ניט הערען ווי מען לויבט אים. ער האָט עס ניט פֿאַרדינט.

פֿאָרענדיג אין סאַבוועי טראַכט פּנחס וועגען זיין ווייב, אַז כאָטש זי איז ניט קיין נאַר, איז זי פֿאָרט אַ אידענע. זי פֿאַרשטייט ניט דעם פֿאַרגעניגען, ווען מען רופט אויס זיין נאָמען: „מר. שמולעוויטש!" און ער טוט זיך אַ שטעל אַוועק, הוסט זיך אויס און האַלט אַ גוטע רעדע. אָבער מען דאַרף זען, אַז ס'זאָל טאַקע זיין אַ גוטע רעדע, אַז ער זאָל קריגען אַ גרויסען אַפּלאָדז און מיסטער ציפּקעוויטש זאָל פּיקען פֿון קנאה, ווייל יענער וועט אויסלעבען די יאָרען און וועט אַזאַ רעדע ניט קענען האַלטען. די פֿראַגע איז בלויז, וואָס זאָגט מען אַזוינס, וואָס זאָל געפֿעלען דעם עולם. אַמאָל זאָגט מען אַ גוטע זאַך און עס רירט קיינעם ניט. אַמאָל זאָגט מען אַ נאַרישקייט און עס געפֿעלט. עס איז דעריבער נויטיג

צו נוצען אַלע ווערטלעך, וועלכע האָבען שוין אויסגענומען אין די רעדעס פון די אַנדערע באַנקעטען, ווי למשל: „איר מיינט, אַז דער יובילאַר איז זיך גלאַט אַ איד, אַ פּשוט׳ער מענטש? ניין! ניין! ניין!״ אַט דער ניין נעמט תמיד שטאַרק אויס. דער עולם האָט ליב, אַז מען שרייט ניין. ער האָט פון גרויס באַגייסטערונג אויסגעשריגען: „ניין!״ און איז אַריינגעפאַרען זיין שכן, אַן איטאַליענער, מיט׳ן עלענבויגען. איידער ער האָט אויסגעפייעט זיך צו אַנטשולדיגען, האָט אים דער איטאַליענער געגעבען אַ זעץ אין אויג. פּנחס׳ן איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען און דער קאָפּ האָט זיך אים אָנגעהויבען דרייען.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט ביז ער האָט געוואוסט פּאָר קלאָר וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, אַז זיין „ניין״ האָט ניט אויסגענומען ביי זיין איטאַליענישען שכן און אַז דער רעזולטאַט דערפון איז — אַ געשוואָלען אויג.

איז וואָס טוט מען? זאָל ער קומען מיט אַזאַ אויג צו אַ באַנקעט? פּאַסט ניט. זאָל ער פאָרען אַהיים? וועט זיין ווייב זיך מיט אים רייצען און זאָגען: „אַט דאָס קריגט מען ווען מען פאָלגט ניט קיין ווייב״.

ער האָט באַשלאָסען צו פאָרען צום באַנקעט. בעסער וויזען זיין געשוואָלען אויג פאַר פרעמדע איידער פאַר זיין ווייב. אָבער דאָס וויכטיגסטע פון אַלץ איז, אַז ער זאָל האַלטען אַ גוטע רעדע, וואָס זאָל פאַרטונקלען זיין געשוואָלען אויג. מען זאָל הערען די רעדע אַנשטאַט קוקען אויפ׳ן אויג. אָבער וואָס זאָל ער זאָגען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מאַכען אַ פורור? ביי די אַמאָליגע באַנקעטען פלעגט ער היטלער׳ן דערלאַנגען אַ קללה, איז דאָס געווען אַ גרויסער סוקסעס. אָבער איצט ליגט שוין היטלער אין דער ערד. וואו נעמט מען עפּעס אַ צווייטען היטלער אויף צו שילטען פאַר דעם באַנקעט? אַז ס׳איז ניטאָ קיין אידישער שונא וואָס זאָל זיין אַזוי פּאָפּולער ווי היטלער.

ער באַשליסט, אַז ער וועט אין זיין איצטיגער רעדע אויסקומען אָן קללות, ער וועט נוצען ברכות, בלויז ברכות. ער וועט נוצען די ברכה פון אַ באַנקעט פון צוריק מיט צוויי יאָר וואָס האָט ארויסגערופען אַ שטאַרקען אַפּלאָז. ער האָט דעמאָלט געזאָגט: „איך ווינטש דעם יובילאַר צו הערען מיין באַגריסונגס־רעדע ביי זיין 100־יעריגען יובילעי און דערביי זאָל זיצען זיין שיינע, האַרציגע, געטרייע פרוי און מיר אַפּלאָדירען״. ער האָט די ברכה גע׳גנב׳עט פון אַן אַנדער רעדנער ביי אַ באַנקעט צוריק מיט דריי יאָר. דאָס האָט אויסגענומען ביי יענע צוויי

באַנקעטען און וועט אויך אויסנעמעןביים דריטען באַנקעט. מענטשען געדענקען ניט פון איין באַנקעט צום צווייטען...

ער וועט אויך דערמאָנען דעם נאָמען פון אַ וויכטיגע פּערזענ־ליכקייט, ווי למשל, פּראָפעסאָר איינשטיין. ער וועט אויסשרייען: „מיר, אידען, האָבען אַרויסגעגעבען אַזעלכע גרויסע מענטשען ווי פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין!" דער נאָמען איינשטיין קריגט תמיד אַן אַפּלאָדז.

אַ וויץ מוז מען אויך זאָגען. אַ רעדע אָן אַ וויץ איז ווי אַ זופּ אָן זאַלץ. האָט ער טאַקע אַ וויץ וועגען סטאַלינ'ען, וואָס מען האָט שוין דערביי געלאַכט אויף עטליכע באַנקעטען.

איז וואָס טוט מען אָבער אין פאַל ווען ס'איז אַ קאַלטער עולם? זיי ווילען ניט לאַכען און ווילען ניט אַפּלאָדירען? האָט ער אין אַזאַ פאַל אַן עצה. ער נעמט אַרויס אַן אַמעריקאַנער פלאַג פון קעשענע, ווייזט איר, און דער עולם מוז אַפּלאָדירען. אַזאַ פלאַג האָט ער ביי זיך. אָן אַזאַ פלאַג פאָרט ער ניט צו קיין באַנקעט.

און גאָר צום שלוס דאַרף מען זיך צעקושען מיט דעם יובילאַר און יובילאַרקע. דאָס רופט תמיד אַרויס אַ גרויסען אַפּלאָדז.

ער איז ענדליך אָנגעקומען צום באַנקעט מיט אַ געשוואָלען אויג און גרויסע האָפענונגען, אַז ער וועט האַלטען אַ גוטע רעדע.

פילע פון די אָנוועזענדע האָבען זיך געוויצעלט וועגען זיין געשוואָ־לען אויג. מאַנכע האָבען געזאָגט, אַז דאָס האָט אים געמוזט מאַכען זיין ווייב, אָבער אים האָבען די אַלע באַמערקונגען ניט געאַרט. ער האָט אַלע זיינע געדאַנקען קאָנצענטרירט אויף זיין רעדע, וועלכע ער וועט מוזען אין קורצען האַלטען.

ווען דער ערשטער רעדנער האָט אין זיין רעדע געזאָגט אַ וויץ וועגען פּנחס'עס געשוואָלענע אויג, האָט עס אים אַ ביסעל פאַרדראָסען, אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט, ווייסענדיג, אַז אום צו האַלטען אַ גוטע רעדע, מוז מען זיין אין אַ גוטער שטימונג.

ווען דער רעדנער האָט אָבער אויסגערופען: „איך מיינט, אַז דער יובילאַר איז אַ פּשוט'ער מענטש! ניין! ניין! ניין!" און געקראַגען אַ שטאַרקען אַפּלאָדז, האָט דאָס פּנחס'ען שטאַרק געערגערט. ער וועט שוין דעם „ניין" ניט קענען נוצען.

נאָך מער האָט אים געערגערט דער צווייטער רעדנער, וועלכער האָט אויסגערופען: „איך ווינטש דעם יובילאַר צו דערלעבען זיין 120 יאָריגען יובילעי צוזאַמען מיט זיין שיינער, האַרציגער פרוי", דאָס איז פּשוט צוגע'גנב'עט די בעסטע ווערטער פון זיין רעדע. ניט מער,

וואָס יענער האָט דערלייגט 20 יאָר. ביי אים איז דאָס בלויז געווען אַ 100־יעהריגער יובילעי.

איינער פון די רעדנער האָט געקראָגען אַ שטאַרקען אַפּלאָוז ווען ער האָט דערמאָנט פּראָפעסאָר איינשטיינ׳ס נאָמען. דאָס איז פּאַר פּנחס׳ן געווען גאָר אַ שווערער קלאַפּ. ער איז שוין געבליבען אַן איינ־שטיינ׳ען.

דער ערגסטער קלאַפּ איז געווען פּאַר פּנחס׳ן ווען איינער פון די לעצטע רעדנער פּאַר אים האָט אַרויסגעכאַפּט אַן אַמעריקאַנער פּלעג פון קעשענע און דערמאָנט די נעמען פון די אַמעריקאַנער פּרעזידענטען. דאָס האָט ער שוין מער ניט געקענט אַריבערטראָגען. עס קומט אויס, אַז די רעדנער האָבען געמאכט אַ פאַרשווערונג געגען אים, צוגע׳גנב׳עט יעדעס וואָרט און יעדען עפעקט פון זיין רעדע.

ווען פּנחס וואָלט ניט געזעסען אויבן־אָן, לעבען יובילאַר, וואָלט ער זיך אַרויסגעכאַפּט דורך אַ הינטער־טיר, ווייל רעדען אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז אונמעגליך. ניט ער האָט דעם מוט, ניט ער האָט וואָס צו זאָגען.

ענדליך האָט מען פאַרגעשטעלט פּנחס׳ן. ער האָט זיך אויפגע־שטעלט, גענומען רייבען זיין פאַרשוואָלען אויג און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. ענדליך האָט ער אויסגערופען: „לעידיס און דזשענטעלמען, ווי איר זעט, האָט מיט מיר פּאַסירט אַן עקסידענט. מיין אויג איז געשוואָלען. איך קען דערפאַר ניט רעדען.״

דער עולם האָט אויס סימפּאַטיע אים אַפּלאָדירט.

ער איז געווען זייער דאַנקבאַר דעם איטאַליענער, וועלכער האָט אים צעקלאַפּט דאָס אויג און אים געגעבען אַ תירוץ זיך אַרויסצודרייען פון האַלטען אַ רעדע, וועלכע איז געווען פּאַראורטיילט צו אַ גרויסען דורכפאַל.

זיין רייכער קאָזין

יעדען זונטאָג פּוצט זיך אויס יונה מיט זיין ווייב און זיינע צוויי קינדערלאַך און גייען באַזוכען זייער רייכען קאָזין מר. פּלאַם. יונה האָט אפילו נאָך קאָזינס, פּלימעניקעס, אָנקעלס און טאַנטעס, אי פון זיין צד, אי פון זיין ווייב׳ס צד. אָבער יענע זיינען קבצנים, און אים מיט זיין ווייב, ספּעציעל זיין ווייב, ציט צו זייער רייכען קאָזין. „לעבען אַ שווערען וואָגען איז גוט צו גיין צופוס״, זאָגט זי.

אַ גאַנצע וואָך רעדען זיי ווי זיי האָבען זיך זונטאָג אַמוזירט ביי זייער רייכען קרוב.

— אַ מין עשירות.

— אַ מין לעבען!

— ווי לעבעדיג, ווי פריילאַך!

— אַ משכון צו פאַרזעצען און זיין אַ גביר!

ווען זיי טרעפען זיך מיט זייערע אָרימע קרובים, דערציילען זיי נסים ונפלאות וועגען זייער רייכען קאָזין.

מען זיצט ביים טיש צווישען רייכע מאַנופעקטשורערס און מען טרינקט וויין. איינער אַ דיקער קען קייך סך ניט טרינקען. פאַרכלינעט ער זיך. מאַכט מען פון אים חוזק. דער קאָזין, מר. פּלאַם, זאָגט וויצען, און אַלע לאַכען. ער אַליין, יונה, לאַכט גאָר געשמאַק. ער קען לאַכען אויפ׳ן קול און זיין קאָזין געפעלט שטאַרק זיין לאַכען. ער בעט אים דערפאַר צו קומען אַלע זונטאָג לאַכען פון זיינע וויצען.

יונה׳ס ווייב דערציילט וועגען די ליכטיגע פרעליכע צימערען, די וואונדערבאַרע קאַרפּעטס, און די שיינע מעבעל, און די דינסט וואָס רעדט אונגאַריש. די דינסט זעט אַליין אויס ווי זי וואָלט געווען אַ רייכע פרוי. האָט אַ גוידער, און לאַכט. וואָס מען זאָגט איר לאַכט זי. נאָר די מיסעס פּלאַם איז ניט ווערט דאָס גאַנצע גוטס. זי איז בערוועז און

פאַרבייסט מיט די ליפּען און מאַכט אַלעמאָל אַ מינע, ווי אימיצער וואָלט איר עפּעס שלעכטס געטאָן. ווען אַ קינד (יונה׳ס אַ קינד) רירט עפּעס אָן אויפ׳ן טיש, טוט זי אַ געשריי און זאָגט: „ווען איך וואָלט געווען זיין מאַמע וואָלט איך אים דערפאַר אָפּגעהאַקט די הענט". ביי איר איז זעהר לייכט אָפּצוהאַקען די הענט פון אַ קינד. זי האָט ניט קיין קינדער.

אַז אַן אָרימער קרוב בעט אַמאָל ביי יונה׳ן צו קומען צו אים מיט זיין ווייב אויף אַ באַזוך אין אַ זונטאָג, זאָגט יונה, אַז ער קען דאָס ניט טאָן. זונטאָג מוז ער גיין צו מר. פּלאַם. און די יונה׳כע גיט אים גערעכט. מר. פלאַם וואָלט געווען זעהר ברוגז, ווען ער, יונה, וואָלט פאַרפעלט צו קומען צו אים אין זונטאָג.

איינמאָל איז יונה געווען זעהר פאַרצווייפעלט. ער האָט געדאַרפט צאָלען דירה געלד פאַר צוויי מאָנאַט מיט־אַמאָל און ניט געהאַט. עס האָט אים אויסגעפעלט אַ 50 דאָלאַר. זיין ווייב האָט אים געטרייסט און געזאָגט: „זאָרג זיך ניט, מייך מאַן. מיר וועלען זיין זונטאָג ביי אונזער רייכען קאַזין, וועסטו אים בעטען, וועט ער דיר מיט פאַרגעניגען לייען אַ פופציגער. וואָס איז ביי אים פופציג דאָלאַר?"

„ס׳איז ניט שיין", האָט געזאָגט יונה, „ווייל ביי אים איז פופציג דאָלאַר גאָרניט, פּאַסט ניט זיך צו הייסען לייען 50 דאָלאַר. ס׳איז אַזוי ווי שנאָרעריי".

„ווייסטו וואָס, זאָגט אים זיין ווייב, „הייס דיר לייען 100 דאָלאַר, וועט עס זיין שענער".

יונה׳ן איז די עצה געפעלען. „הונדערט איז שענער ווי פופציג", האָט ער געזאָגט. „איך וועל אין אַ וואָך אַרום אים צוריקגעבען 50 דאָלאַר, וועט עס שוין הייסען אַ האַלבער חוב אָפּגעגעבען און ער וועט זען, אַז איך בין אַ בטוח".

זונטאָג — יונה מיט דער יונה׳כע האָבען זיך אויסגעפּוצט און זיינען אַוועק צו מר. פלאַם.

יונה האָט דעם טאָג געלאַכט פון זיין קאַזינ׳ס וויצען מעהר ווי אַלע מאָל, און דער רייכער קאַזין איז געווען שטאַרק צופרידען. ער האָט געקלאַפּט יונה׳ן אין פּלייצע און געזאָגט: „יונה, דו ביזט אַ מביך אויף אַ וויץ!"

פאַרנאַכט, ווען יונה מיט זיין פאַמיליע האָבען זיך געלאָזען גייך אהים, האָט יונה שטיל אַ זאָג געטאָן צו זיין קאַזין: „איך וויל דיך בעטען אַ טובה".

מרס. פלאַם, דערהערענדיג דאָס וואָרט טובה, איז צוגעגאַנגען נענטער און אויפגעשטעלט בײדע אויערען.

„וואָס פאַרלאַנגסטו?" האָט דער רייכער קאַזין געפרעגט.

יונה האָט זיך ניט פאַרלוירען. ער האָט זיך געפילט ערמוטיגט פון דעם וואָס זיין קאַזין האָט אים ערשט געזאָגט, אַז ער איז אַ מבין אויף אַ וויץ, און געזאָגט: „לײ מיר הונדערט דאָלאַר. אין סיזאָן וועל איך דיר צוריקגעבען מיט דאַנק".

מר. און מרס. פלאַם האָבען זיך בײדע אָנגעקוקט. זי האָט פאַרביסען מיט די ליפּען און מר. פלאַם האָט געפרעגט:

„זאָג מיר, יונה, ווי לאַנג ביזטו שוין אין אַמעריקע?"

יונה איז ערשט 18 יאָר אין אַמעריקע. אָבער ער האָט געדענקט, אַז וואָס מער יאָרען ער וועט זאָגען וועט זיין שענער. האָט ער אַ זאָג געטאָן: „צוואַנציג יאָר!"

„צוואַנציג יאָר אין אַמעריקע און דו פאַרמאָגסט ניט דיינע אייגענע הונדערט דאָלאַר, ביזטו ביי מיר ניט קיין בטוח!" האָט מר. פלאַם אויס־געררופען.

יונה האָט געזאָגט גוד באַי און איז אַוועק מיט זיין ווייב און צוויי קינדער.

„דיין קאַזין איז אַ חזיר!" האָט יונה פאַרגעוואָרפען זיין ווייב, ווייל מר. פלאַם איז אַ קאַזין פון איר צד.

„דאָס איז זי שולדיג, די מרשעת", האָט די יונה׳כע געזאָגט.

„ווי לאַנג לעבט ער צי איך וועל שוין קומען צו אים און צי איך וועל לאַכען פון זייער אַ וויץ!" האָט יונה שאַרף ערקלערט.

קומענדען זונטאָג איז יונה מיט זיין ווייב און קינדער אַוועק צו זיין אָרימען קאַזין שואל. זיי האָבען דאָרט געטרונקען טיי און פאַרביסען מיט קרעקערס. זיינע קינדער האָבען זיך געשלאָגען מיט שואל׳ס קינדער. זיין ווייב האָט זיך אַביסעל צעווערטעלט מיט שואל׳ס ווייב. ער מיט שואל׳ן האָבען זיך געשפּאַרט און געוועט צי אַן עווענין האָט צוויי בלאָק, צי דריי בלאָק.

פון דעמאָלט אָן גייט יונה יעדען זונטאָג מיט זיין ווייב און קינדער צו זייער קאַזין שואל.

און ווען איר פרעגט היינט יונה׳ן צי בענקט ער נאָך זיין קאַזין מר. פלאַם, וועט ער לאַכען פון אייך. ער וואָלט קיינמאָל מער זיין פרייען זונטאָג ניט פאַרבראַכט ביי זיין רייכען קאַזין, וואו ער דאַרף זיצען ווי אין

אַ שטייג און נאַכשאָקלען מיט׳ן קאָפּ וואָס אַנדערע זאָגען און לאַכען פון יענעמס וויצען. דאָ קען ער לאַכען פון זיין אייגענעם אַ וויץ, און זאָגען אַ מיינונג, זיך שפּאַרען, זיך וועטען.

און די יונה׳כע? זי איז גאָר גליקליך. זי וואָלט אַן דער שואל׳כע ניט געקענט זיין אַפּילו איין זונטאָג. אַלעס וואָס זאַמעלט זיך אָן ביי איר פאַר דער וואָך: מחלוקת מיט די שכנ׳טעס, האַרצווייטאָג פון די קינדער, ערגערניש פון מאַן — אַלעס טראָגט זי אַוועק צו דער שואל׳כע. און די שואל׳כע רעדט זיך אויס איר האַרץ פאַר איר און זיי טרייסטען איינע די צווייטע. היינט צו וואָס טויג איר די מרס. פלאָם וואָס בייסט די ליפּען, מיט דער אונגאַרישער דינסט?

און די קינדערלאַך? זיי וואָלטען צום אַנקעל מר. פלאָם אויף קיין פאַל מער ניט געגאַנגען. ביי זייער אַנקעל שואל קענען זיי צוברעכען אַ טעלער, אַ גלאָז און אַפּילו שלאָגען אַ קינד. ס׳איז אַ מחיה דאָרט צו פאַרברענגען.

מיין טאַטענ׳ס אָנקעל

ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד פלעג איך הערען, אַז מיין טאַטע האָט אַן אָנקעל, וועלכער געפינט זיך ערגיץ ווייט אין די גרויסע שטעט און פאַרברענגט מיט גראַפען, פרינצען, קעניגע און קייסאָרים. מען פלעגט וועגען אים דערציילען, אַז ער איז אַ גרויסער טרוימער, תמיד אַ פאַר־טראַכטער, און אַז ער מאַכט אַזעלכע פלענער פון וועלכע עס וועט אַמאָל אַרויסקומען אַ גאָר גרויסע זאַך. ער אַליין וועט ווערען אַ מיליאָנער און דורך אים וועט זיין גאַנצע פאַמיליע ווערען רייך.

מיין טאַטע פלעגט גאָר ניט מיד ווערען רעדענדיג וועגען דעם אָנקעל, וועגען זיין פיינקייט און גוטסקייט און איז געווען זיכער, אַז אויב דער אָנקעל וועט באַגליקען, ווערט די גאַנצע פאַמיליע נגידים.

וואָס די באַשעפטיגונג פון דעם אָנקעל איז געווען האָב איך אויף קלאָר ניט געוואוסט. אַמאָל האָב איך געהערט, אַז ער פלאַנט אויפצובויען אַ באַן וואָס זאָל פליען אין דער לופט, אַמאָל וועגען אַ שיף וואָס זאָל לויפען שנעלער פון אַ באַן און אַמאָל אַ בריק איבער׳ן ים, און נאָך ערפינדונגען, וועלכע זיינען געווען העכער פון מיין שכל.

איינמאָל און אַ זומער־טאָג איז דער אָנקעל פלוצלונג אָנגעקומען. ער איז פאַרפאָרען צו אונז אין הויז. מיין טאַטע איז געווען גאָר גליקליך. ער האָט דער מאַמען געהייסען באַקען קיכלאַך. אַזאַ מין מענשען דאַרף מען האָדעווען מיט קיכלאַך. ער האָט געבראַכט ביר און וויין. קיין וואַסער טרינקט אַזאַ מענש מסתמא ניט, האָט מיין טאַטע געזאָגט.

וויפיל געלד דער אָנקעל האָט געבראַכט מיט זיך האָט מען ניט געוואוסט און ניט געוואַגט אים צו פרעגען. מען האָט בלויז געוואוסט, אַז ער קומט פון בוקאַרעסט, רומעניע, וואו ער האָט געאַרבייט דורכ־צופירען נייע פלענער. אַזוי האָט ער געזאָגט. געגאַנגען אָנגעטאָן איז ער ווי אַ פריץ, אין אַ פראַק און אין אַ שטייפען הוט. ער האָט מיט זיך געהאַט אַ ציין בערשטעלע, וואָס דאָס האָט מען אין שטעטל ניט געזען.

געדאַווענט האָט ער ניט און קיינער האָט ניט געהאַט קיין טענות צו אים דערפאַר. ווען מיין טאַטע האָט אויף מיר אָנגעשריען פאַרוואָס איך דאַווען צו גיך און איך האָב אים געזאָגט: „המאי דער אָנקעל דאַווענט גאָר ניט״, האָט ער מיר געזאָגט: „אַז דו וועסט זיין אַזאַ גרויסער מענש ווי דער אָנקעל וועסטו אויך ניט דאַווענען. דערווייל ביזטו אַ סמאַרק און דאַווען!״

מיין טאַטע האָט געהאַט פינף ברידער זיינען זיי אַלע זיך צוזאַמענגעקומען און געפאָדערט, אַז דאָס געלד וואָס דער אָנקעל וועט לאָזן פאַר דער פאַמיליע זאָל פאַרטיילט ווערען גלייך אויף גלייך, ניט איין ברודער זאָל קריגען מער און אַ צווייטער ווייניגער און עס זאָל ניט הערשען קנאה שנאה. מיין טאַטע, ווידער, האָט געזאָגט, אַז דאָס געלד וועט צוטיילט ווערען לויט דעם וואונש פון דעם אָנקעל. ס׳איז זיין געלד און ער קען האַנדלען ווי ער פילט. אָבער די ברידער זיינען ניט געווען איינשטימיג. „דערפאַר וואָס ער וואוינט ביי דיר קען ער דיר וועלען געבען מער געלד און דאָס איז ניט יושר׳דיג״, האָט איין ברודער געשריען. „דערפאַר וואָס ער וואוינט ביי דיר, האָסטו כבוד און דאַרפסט ניט רעכענען באַצאָלט״.

מיין טאַטע האָט געמוזט נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון זיינע פיר ברידער און ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט צורעדען דעם אָנקעל ניט צו מאַכען קיין אויסנאַמען און טיילען זיין געלד גלייך אויף גלייך.

איינמאָל האָט מיין טאַטע איבערגעגעבען דעם באַשלוס פון די פינף ברידער צום אָנקעל און דער אָנקעל האָט אויף דעם ניט געענטפערט. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז ווען זיין נאָענסטער פלאַן וואָס ער האָט אין קאָפּ וועט דורכגעפירט ווערען, וועט ער קענען אָפּקויפען דאָס גאַנצע שטעטעל און יעדער פון זיין פאַמיליע וועט זיין אַ מיליאָנער.

ענדע זומער האָט דער אָנקעל איינגעפּאַקט זיינע זאַכען צוריקצופאָרען קיין רומעניע דורכצופירען זיין לעצטען פלאַן. ער האָט מיין טאַטען פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער האָט ניט אויף קיין הוצאות צוריקצופאָרען, אָבער זיין לעצטער פלאַן איז אַ געוואַלד.

מיין טאַטע האָט באַשלאָסען, אַז מען דאַרף דעם אָנקעל ניט בלויז געבען אויף הוצאות נאָר אויך אין קעשענע אַריין אַ היבשע סומע אויף צו אַרבייטען ווייטער אויף זיינע פּלענער. ער האָט צוזאַמענגערופען אַן אסיפה פון די פינף ברידער און זיי ערקלערט זיין פּלאַן.

אַ טייל פון די ברידער האָבען געזאָגט, אַז מיין טאַטע דאַרף געבען דעם גרעסטען חלק, ווייל ער האָט געהאַט דעם כבוד צו האָבען דעם

אַנקעל ביי זיך. מיין טאַטע האָט אָבער געסטראַשעט די ברידער, אַז אין פאַל דער אַנקעל וועט באַגליקען און וועט וועלען רייך מאַכען זיין פאַמיליע, וועט ער געדענקען ווער עס האָט אים געהאָלפען מיט אַ ברייטער האַנד און ווער ניט.

„געדענקט", האָט מיין טאַטע צו זיי געזאָגט, „אַט דער אַנקעל איז ניט קיין געוועהנליכער מענש. היינט איז ער אָרים און מאָרגען קען ער זיין דער גרעסטער נגיד. מיר דאַרפען זיין שטאָלץ אויף אַזאַ אַנקעל".

מיין טאַטענס רייד האָבען געווירקט און דער אַנקעל איז אַוועק־געפאָרען פון אונז אַ צופרידענער, מיט אַ היבשער מטבע אין קעשענע. ער האָט מיין טאַטען פאַרזיכערט, אַז ווען זיינע פּלענער וועלען געלינגען, וועט ער דאָס ערשטע אים רייך מאַכען און דערנאָך די אַנדערע.

מיין טאַטע האָט אים געבעטען ער זאָל שרייבען. גוטס אָדער שלעכטס, אַבי שרייבען.

אין אָנפאַנג האָט דער אַנקעל געשריבען עטליכע בריף ביז ער האָט אויפגעהערט שרייבען און מיין טאַטע האָט זיך שטאַרק געזאָרגט וועגען אים. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער איז געשטאָרבען. געשטאָרבען אָן דורכצופירען זיינע פּלענער.

מיט יאָרען שפּעטער בין איך אַוועקגעפאָרען קיין אַמעריקע. איך האָב זיך דאָ געמוטשעט, זיך געלערענט פאַרשידענע מלאכות און קיין זאַך ניט אויסגעלערענט. פּלוצלונג קריג איך פון מיין אַנקעל אַ בריף. ער דערציילט מיר, אַז ער האָט מיין אַדרעס געקראָגען פון מיין טאַטען און ער געדענקט מיך נאָך אַלס אַ קינד. איך האָב דאַמאָלסט שוין פיינט געהאַט צו דאַוונען און געוויזען, אַז איך וואַקס אַ כלי אַזוי ווי ער האָלט איצט און פאַרווירקליכען איינעם פון זיינע בעסטע פּלענער, אויף וועלכען ער אַרבייט שוין יאָרען, בעט ער מיך, איך זאָל אים לייען עטליכע הונדערט דאָלאַר און אַז ער וועט באַגליקען, וועט ער מיך דערפאַר גליקליך מאַכען.

איך האָב אים געענטפערט אַזוי:

„ליבער אַנקעל: איך אַליין בין אויך אַ טרוימער און בוי פּלענער וואָס ווען זיי וואָלטען פאַרווירקליכט געוואָרען, וואָלט איך רייך געוואָרען איבער נאַכט. אָבער דער אומגליק מיט מיינע פּלענער איז ווי די מייסטע פּלענער — זיי ווערען ניט פאַרווירקליכט. מיינע קרובים דאָ זאָגען, אַז איך בין דאָ אַ לא יוצלח און וועל קיינמאָל ניט מאַכען קיין לעבען. זיי זאָגען, אַז איך בין געראָטען אין דיר, מיין אַנקעל.

„מיין טאַטע פלעגט מיר אָפט דערציילען, אַז דו ביזט זעהר אַ גוטער מענש און דו וואָלסט יעגעם אַוועקגעגעבען דיין גאַנצען פאַרמעגען ווען דו זאָלסט נאָר האָבען. איך בין געראָטען אין דיר, איך האָב אויך זעהר א גוט האַרץ. איך וואָלט דיר געגעבען מער וויפיל דו פאַרלאַנגסט פון מיר — ווען איך זאָל נאָר האָבען.

„זיי מיר געזונט און שטאַרק און האָף, ווייל האָפנונג מאַכט דאָס לעבען זיס”.

יאָ פאַרהייראַט

ער איז ניט אייפערזיכטיג

איך פֿאַרזיכער אײַך, איך שווער אײַך, אַז איך בין קיינמאָל ניט געווען אייפערזיכטיג אויף מיין ווייב און וועל ניט זיין. אַן אַנדערער אויף מיין פּלאַץ וואָלט געווען שרעקליך אייפערזיכטיג. אָבער ניט איך.

איך האָב אַ שכן, מיט'ן נאָמען בוים, איז ווען ער באַגעגענט אַ פרוי פּוצט ער אויס זיין פּנים מיט דעם שענסטען שמייכעל און פון זיין מויל הויבט אָן גיין אַ רעגען פון האָניג. איך האָב אַמאָל געהערט ווי ער האָט גערעדט צו אַ 40־יעריג ווייבעל. אַט אַזוי האָט ער גערעדט: „איר ווערט דאָך אינגער פון טאָג צו טאָג. וואָס? איר האָט אַ טאָכטער פון זעכצען יאָר?! איר זעט דאָך אַליין אויס ניט מער ווי זעכצען יאָר!"

ווען ער וואָלט געזאָגט אַט די ווערטער צו מיין ווייב, וואָלט זי געווען אין זיבעטען הימעל און אים געהאַלטען פאַר דעם בעסטען, קליגסטען און פיינסטען מענטש (איך קען דאָך מיין ווייב). איז די פראַגע: פאַרוואָס זאָל ער איר דאָס ניט זאָגען? מיינע איז דאָך אינגער און שענער פון יענער 40־יעריגער ווייבעל. אַ שכן איז ער, געלעגענהייטען זיך צו טרעפען מיט איר האָט ער. קאַרג אויף גוטע, שיינע ווערטער, איז ער ניט. אַן אַנדערער אויף מיין פּלאַץ וואָלט צעטראַסקעט געוואָרען פון אייפערזוכט. אָבער ניט איך. מיך אַרט עס ניט.

אַנומעלט קום איך אַהיים פון דער אַרבייט, טרעף איך ניט מיין ווייב אין דער היים. וואו קען זי זיין? איך בין ניט אייפערזיכטיג, אָבער איך וויל גלאַט וויסען וואו מיין ווייב איז. פאַלט מיר איין, אַז זי איז אַריינגעגאַנגען צו מרס. בוים, כלומרשט עפּעס לייען, און זי רעדט דערווייל מיט מיסטער בוים. ער מאַכט איר זיינע זיסע קאָמפּלימענטלעך און זי האָט ניט קיין חשק אַוועקצוגיין. בין איך ניט קיין פוילער און גיי אַריין צו מיסטער בוים זוכען מיין ווייב. אַ מאַן האָט אַ רעכט צו זוכען זיין ווייב. קום איך אַריין.

— גוטען אָווענט!

— גוט יאָר — ענטפערט מרס. בוים.

— איז מיין ווייב אפשר ביי איך געווען?

— ניין.

— איז מר. בוים נאָך ניטאָ פון דער אַרבייט?

— ניין.

אַהאַ, טראַכט איך, ער איז ניטאָ, מיין ווייב איז ניטאָ, זיינען זיי ביידע ערגיץ אַוועקגעגאַנגען. און אַז זיי זיינען ביידע געגאַנגען שפּאַצירען, איז וואָס? זיי זיינען מסתמא ביידע אַריינגעגאַנגען אין פּאַרק (מיר וואוינען לעבען פּאַרק). ער זאָגט איר מסתמא, אַז זי זעט אויס ווי אַ זעכצען־יעריגע מיידעל און זי קוועלט אָן. מיך אַרט ניט. אָבער איך וואָלט געוואָלט אַריינגיין אין פּאַרק, זיי באַגעגענען און אַ זאָג טאָן: „העלאָ!" איך וואָלט געוואָלט זען ווי דער זיסער שמייכעל ביי מר. בוים וועט פאַרשווינדען. דאָס פּנים זיינס וועט ווערען ווייער און ווי מיין ווייב וועט זוכען עפּעס אַ תירוץ פאַרוואָס זי גייט אין פּאַרק מיט אים און וועט ניט געפינען, און —

און אַזוי גייענדיג צום פּאַרק, דערזע איך אַ מואווינג־פּיקטשור־פּלאַץ, בלייב איך שטיין און טראַכט, אַז מיינע מוז דאָ זיצען. מיינע האָט זייער ליב מואוויס. זיי זיצען מסתמא אינעווייניג, האַלטען זיך ביי די הענט, ער שפּאַרט אָן זיין קאָפּ אויף איר אַקסעל. אויף די פּיקטשורס קוקען זיי ניט. עס איז זיי אַזוי אָנגענעם צו זיצען, אַז זיי האָבען פאַרגעסען ווי שפּעט עס איז. מיך אַרט עס ניט. אָבער עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט אַריינצוגיין און זיי טרעפען זיצען אַרומגענומען.

און אַזוי שטייענדיג קלער איך: און אַז איך וועל שוין אַריינגייך, וועל איך זיי דען געפינען? ס׳איז פינסטער און זיי זיינען ניט דאָס איינציגע פּאַרעל, וואָס זיצט אַרומגענומען. באַשליס איך צו שטיין אין דרויסען און וואַרטען ביז זיי וועלען אַרויסקומען און איך וועל זיי איבעררעשען, אויסרופענדיג: „העלאָ, סוויטהאַרטס!" וועט זיי אַרויספליען די נשמה פון שרעק. איך בין, חלילה, ניט אייפערזיכטיג. אָבער איך בין נייגעריג און איך דענק, אַז ווען אַ ווייב, אַנשטאָט צו מאַכען סאַפּער, זיצט זי מיט אַ סוויטהאַרט אין די מואוויס, דאַרף מען זי באַגעגענען און באַווייזען, אַז דער מאַן איז ניט קיין יאָלד.

שטיי איך אַזוי לעבען די מואוויס אַ האַלבע שעה, אַ שעה. עס ווערט מיר נמאס שטייענדיג. פאַלט מיר איין אפשר זיינען זיי ניט אין די מואוויס און איך שטיי גלאַט ווי אַ נאַר. אפשר זיינען זיי בעווען

אין פּאַרק און איצט זיינען זיי שוין אין דער היים. לאָז איך זיך גיין אַהיים.

איך קום אַהיים. מיין ווייבעל איז דאָ אין דער היים און פרעגט מיך: „וואו ביזטו געוועזן אַזוי שפּעט?"

פאַרדריסט מיך. זי פרעגט מיך וואו איך בין געוועזן? זאָג איך איר: „איך וועל דיר באַלד זאָגען וואו איך בין געוועזן" און איך לויף אַריין צו מיסטער בוים.

איך קום אַריין.

— גוד איוונינג.

— גוד איוונינג — ענטפערט מר. בוים מיט זיין גלאַט צינגעלע.

— זיצט!

— איז מיין ווייב דאָ ניט געוועזן?

— ניין, זאָגט ער.

זיין ווייב זאָגט אויך, אַז מיינע איז דאָ ניט געוועזן.

פרעג איך מיסטער בוים'ען וואָס ער מאַכט, ווי ער פילט, ווי ער פאַרברענגט די צייט?

זאָגט ער: „ווי פאַרברענגט אַ פאַרהייראַטער מאַן די צייט? ער קומט אַהיים אַ מידער פון דער אַרבעט, לייגט אַ פייפער און ווערט אַנטשלאָפען."

זע איך דאָך, אַז ער וויל מיר פאַררעדען די ציין, אַז איך זאָל אים ניט חושד זיין. זאָג איך אַ גוטע נאַכט און קום צוריק אַהיים. מיינע פרעגט ווידער נאַאיוו: „וואו ביזטו געוועזן אַזוי שפּעט?"

כאַפּ איך אַ פּאַר גלעזער און צעברעך זיי.

— אָט דאָס — זאָג איך — איז דער ענטפער אויף דעם וואו איך בין געוועזן אַזוי שפּעט.

— דו ביזט משוגע געוואָרען? — פרעגט זי.

איך צעברעך אַ פּאַר טעלער.

— אָט דאָס איז דער ענטפער אויף דעם, צי איך בין משוגע געוואָרען — זאָג איך.

— ווי איז מיר! — שרייט זי — אפשר ביזטו שיכור!

איך האָב גענומען ברעכען פלעשער מיט טעפלעך.

— אָט דאָס איז דער ענטפער אויף דעם, צי איך בין שיכור! — האָב איך איר ערקלערט.

קורץ, זי האָט גע'טענה'ט, אַז זי איז געוועזן אין גראָסערי איינ־קויפען אויף סאַפּער און געמוזט דאָרט וואַרטען, און איך בין אומזיסט

אייפּערזיכטיג. אָבער איך האָב איר געענטפערט, אַז איך בין קיינמאָל ניט געווען אייפערזיכטיג, נאָר פאַקטען בלייבען פאַקטען: זי איז ניט געווען אין דער היים, איז מר. בוים ניט געווען אין דער היים. איז זי אין דער היים, איז מר. בוים אין דער היים. מוז מען דאָך פאַרשטיין וואָס דאָס באַדייט. איך וועל זיך ניט לאָזען אָפּנאַרען.

און אָט צוליב דעם, ברעך איך איצט די פוירניטשור פון הויז. איך האַלט איצט שוין ביים צעברעכען דאָס בעט, און איך זאָג אייך, איך פאַרזיכער אייך, אַז איך בין ניט אייפערזיכטיג, נאָר איך מוז אויסברעכען די גאַנצע פוירניטשור. איך וויל ניט אַז מ׳זאָל מיך אָפּנאַרען! זאָל די גאַנצע מעבעל צעבראָכען ווערען! איך דאַרף ניט קיין מעבעל!

די גרינע קוזינע

איך בין אַ איד אַ גרויסער עושר, וועלכער איז רייך געוואָרען אויף צו להכעיס זיינע קרובים און לאַנדסלייט, וועלכע האָבען געזאָגט, אַז ער איז אַ גאָרניט און פון אים וועט ניט זיין קיין לייט. איך האָב אַליין געאַרבייט שווער און געשפּאָרט געלט, ניט געווען קיין אויס־ברענגער און קיין געבער. ווען מ׳האָט ביי מיר געמאָנט געלט, האָב איך זיך געמאַכט, אַז איך הער ניט.

יאָרענלאַנג האָב איך געשפּאָרט און זיך געהיט פון קבצנים, לאַנדס־לייט און קרובים. איך האָב אָנגעזאָגט, אַז ווען עס פרעגט וועגען מיר אַ קרוב, אַ קרובה, אַ לאַנדסמאַן, אַן אָרימער פריינד, בין איך ניטאָ אין דער היים.

מיין ווייב האָט אַ שטיקעל ווייך האַרץ, האָב איך איר ערלויבט אַמאָל צו זען אַ קרוב, אַן אָרימאַן, און אים געבען אַ פּאָר סענט. אָבער איך האָב זיך געמעגט אויף איר פּאַרלאָזען. קיין גרויסע געבערין איז זי ניט. זי ווערט שנעל גערירט פון יענעמ׳ס צרות און זשאַלעוועט ניט קיין טרער, איז לאָז איך זי וויינען און שענקען טרערען די אָרימע. אָבער צו מיר קען קיין קרוב און קיין לאַנדסמאַן ניט צוקומען און איך פּאַר־שפּאָר זיי דורך דעם צייט און מי. ביי מיר וואָלטען זיי ניט געקראָגען ניט קיין געלט און ניט קיין סימפּאַטיע.

אַנומעלט לאָזט מיר וויסען מיין סעקרעטער, אַז מיין קוזינע, וועלכע איז ערשט געקומען פון יוראָפּ, וויל מיט מיר רעדען דורכ׳ן טעלעפאָן, האָב איך אויף מיין סעקרעטער גוט אָנגעשריען און געזאָגט: „ס׳איז שוין די העכסטע צייט, אַז דו זאָלסט וויסען, אַז איך האָב פיינט קרובים, און ספּעציעל גרינע קרובים. זאָג, אז איך בין ניטאָ. איך האָב ניט קיין צייט. גוד באַי!"

אין אַ וואָך אַרום קומט אַריין מיין סעקרעטער און זאָגט: „אײַערע אַ גרינע קוזינע וויל אייך זען; זי זיצט אין אָפּיס און וואַרט".

בין איך געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט. וואָס הייסט זי וואַרט? אויף וועמען וואַרט זי? און פאַרוואָס לאָזט ער זי וואַרטען?

„טרייב זי שנעל אַרויס!" — האָב איך אים באַפוילען.

„איך קען ניט" — האָט ער געזאָגט. — „זי איז אַ פרוי, זי איז אייערע אַ קרובה און — אַ שיינע."

„אַ, אַ שיינע?! — האָב איך אויסגעשריען. „פייגלינג! איך וועל אַליין זי אַרויסטרייבען.

איך האָב געעפענט די טיר מיט דעם באַשלוס צו זאָגען: „אַרויס!" אָבער איך האָב געזאָגט: „קום אַריין."

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע אויגען, וועלכע האָבען מיך דערמאָנט אין מיין פאַרשטאָרבענער שיינער שוועסטער. זי איז מיין טאַטענ׳ס שוועסטער׳ס אַ טאָכטער.

איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין זייער גליקליך זי צו זען און אַז איך בין גרייט אַלעס צו טאָן פאַר איר. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט געבראַכט אַ מאַן מיט זיך, האָב איך איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל געבען איר מאַן אַ דזשאָב. איך האָב איר גלייך געגעבען אַ פּאָר דאָלאַר, זי זאָל פילען גוט. איך האָב זיך אַליין ניט דערקענט. ניט דער־זעלבער מאָטעל קאַליכמאַן, וועלכער האָט אַ נאָמען פאַר אַ ניט־געבער.

מיין סעקרעטאַר האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ פאַרדעכטיגטען שמייכעל, טראַכטענדיג ביי זיך: וואָס אַ שיין וויבעל קען!

„זי איז מיין טאַטענ׳ס שוועסטער׳ס אַ טאָכטער און זעט אויס ווי מיין שוועסטער" — האָב איך אים געזאָגט. אָבער ער האָט אַלץ גע־שמייכעלט.

איך האָב מיין קוזינע׳ס מאַן געגעבען אַ דזשאָב. זי פלעגט אָפט קומען צו מיר מיט אים. אָהן דעם מאַן איז זי ניט געקומען. ווען זי האָט צו מיר געגעבען אַ שמייכעל בין איך געווען גליקליך. אָבער עס איז ניט געווען אַזוי לייכט ביי איר צו קריגען אַ שמייכעל. בלויז ווען איך האָב געלויבט איר מאַן, האָט זי מיר געשענקט אַ וואַרעמען בליק. זי האָט זייער ליב איר מאַן.

איינמאָל קומט זי אַליין אַריין צו מיר. אירע ליפען אָנגעטאָן מיט דעם שענסטען שמייכעל און פאָדערט פון מיר אַ טובה.

זי וויל, זאָגט זי, אַז איך זאָל גיין צו אַ רעליף אונטערנעמונג פון מיינע לאַנדסלייט. זי האָט פאַרשפּראָכען, אַז איך וועל קומען. מען האָט זיך מיט איר געוועט, אַז איך וועל ניט קומען, ווייל איך שעם זיך מיט די לאַנדסלייט, וויל זי וויזען, אַז אַלע האָבען אַ טעות, אַז איך אינטערעסיר

זיך יאָ מיט לאַנדסלייט, און דאָס זאָגענדיג האָט זי מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און מיר געגעבען אַ גלעט אויף מיין פּליך.

קורץ, איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל גיין, און האָב גע־האַלטען וואָרט.

איך בין געקומען צו די לאַנדסלייט מיט מיין ווייב, מיט מיין קוזינע און איר מאַן. מיר זיינען געזעסען אַלע צוזאַמען. איך האָב געזען, אַז די לאַנדסלייט קוקען אויף מיר און שושקען זיך. דערנאָך איז געקומען אַ רעדע פון טשערמאַן, וועלכער האָט אויסגערעכענט אַ קליינע צאָל מענטשען, וועלכע זיינען געבליבען לעבען. אַלע נעמען זיינען מיר באַקאַנט. אַ טייל פון זיי זיינען מיט מיר געגאַנגען אין חדר. און מיין פאַנטאַזיע האָט אין דער מינוט מיך אַוועקגעטראָגען אין יענע צייטען, ווען איך בין נאָך געגאַנגען אין חדר און מיין טאַטע פּלעגט אויף מיר אָנשרייען, אַז פון מיר וועט ניט זיין קיין לייט, ווייל איך וויל ניט לערנען, און די מאַמע פלעגט מיך פאַרטיידיגען און פלעגט זאָגען, אַז עס זיינען פאַראַן גענוג לייטישע אידען, וועלכע קענען ניט לערנען. ניט אַלע אידען קענען לערנען. און איך פיל, אַז איך בין איצט ניט מער מאָטל דער גביר, נאָר איינער פון די לאַנדסלייט, איינער פון זיי, גלייך מיט אַלע.

דער רעדנער דערקלערט, אַז מענטשען דאַרפען זיך איצט אָנטאָן אַ כח און געבען, און געבען און געבען.

איך אַפּלאָדיר מער ווי אַלע. יאָ, זאָג איך צו מיין קוזינע און צו מיין ווייב, מען דאַרף געבען.

מיין ווייב קוקט אויף מיר, צי בין איך ניט משוגע געוואָרען; מיין קוזינע שענקט מיר אַ ליבען שמייכעל.

מען רופט אויס נעמען פון געבער. איינער גיט 10 דאָלאַר, 15 דאָ־לאַר, 20 דאָלאַר.

איך שרייב אָן אַ טשעק, גיב אים מיין קוזינע צו דערלאַנגען צום טשערמאַן, און זאָג צו מיין ווייב:

„מאָטעל גיט היינט! ס'איז ניט דערזעלבער מאָטעל!"

דער טשערמאַן האָט, דערזעענדיג דעם טשעק, אויסגערופען:
„ברידער, אויב עמיצער האָט געהאַט אַ שלעכטע מחשבה וועגען אונזער לאַנדסמאַן מאָטעל קאַליכמאַן, זאָל ער איצט האָבען חרטה; זאָל ער זיך שלאָגען על חטא. ער האָט אונז געגעבען אַ סומע, וואָס איז אויסער־געוועהנליך. מאָטעל קאַליכמאַן האָט אונז געגעבען אַ טשעק פון 5 טויזענט דאָלאַר!"

אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט און לאַנג אַפּלאָדירט.

מיין ווייב האָט מיך אַנגעקוקט און געזאָגט: „יאָ, דו ביזט משוגע געוואָרען!“.

די קוזינע האָט מיר געגעבען אַ קוש. דער קוש האָט מיך ווי צע־טומעלט און איך האָב געזאָגט צו מיין ווייב: „דו קענסט ניט דיין מאַטל׳ען. אַז ער גייט אַרויס פון די כלים, איז גיב מאַטי. איך וועל ערשט געבען!“

האָט מען גענומען פאַרקויפען פעקעדזשעס, האָט איינער געגעבען 5 דאָלאַר; אַ צווייטער, 10 דאָלאַר; אַ דריטער, 12 דאָלאַר. האָב איך זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „איך גיב 300 דאָלאַר!“ מען האָט עס מיר באַלד פאַרקויפט. אַזוי איז געווען מיט׳ן צווייטען פעקעל: „איך גיב 300 דאָלאַר!“ קיינער האָט מיט מיר ניט קאָנקורירט. איך האָב געקויפט איין פעקעל נאָכ׳ן צווייטען. מיין ווייב איז אין כעס געוואָרען און איז, אויס פראָטעסט, אַוועק אין מיטען אָוקשאָן.

ווען איך האָב דערזען, אַז מיין ווייב איז אַוועק, האָב איך געהע־כערט דעם פּרייז פון די פעקעדזשעס, זיי דאַן צוריקגעגעבען אויף צו פאַרקויפען צווישען עולם, און בין צוזאַמען מיט מיין קוזינע און איר מאַן אַוועק אַהיים.

מיין ווייב האָט מיט מיר ניט געוואָלט רעדען און בלויז געזאָגט, אַז מיין קוזינע פירט מיך אַרונטער פון וועג. זי וועט פון מיר מאַכען אַ קבצן, פאַר וועמען מען וועט דאַרפען גיין אין די הייזער מאַכען אַ נדבה, און קיינער וועט ניט וועלען געבען, ווייל מען וועט געדענקען, אַז ווען איך בין געווען אַן עושר, בין איך געווען אַ חזיר.

אָט די פּאָר ווערטער האָט זי מיר געזאָגט אַלס וואָרנונג, און מער וועט זי ניט רעדען מיט מיר, סיידען איך וועל „אָפּ׳גט׳ן“ די קוזינע.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין אָפיס און זיך אַוועקגעזעצט ביי מיין דעסק, און מיין סעקרעטער האָט מיר געלאָזט וויסען, אַז לאַנדסלייט הערען ניט אויף קלינגען און ווילען מיר דאַנקען פאַר מיין גוט־האַרציגקייט, האָב איך גענומען פילען אַזוי ווי נאָך אַ טשאַד און גענומען קלערען, אַז אפשר איז מיין ווייב גערעכט. וואו קריך איך? צווישען שלעפּערס, אָרימע לייט און קבצנים? ווען איך וואָלט אַזוי געהאַנדעלט יונגערהייט, וואָלט איך היינט געווען אַ גרויסער קבצן. אויב איך וועל ווייטער אַזוי האַנדלען, קען איך אין אַ פּאָר יאָר צייט ווערען אַ בעטלער. צו וואָס קריך איך מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקען בעט אַריין? ווער איז אין דעם אַלץ שולדיג? — די גרינע קוזינע. ווען

איך נעם און ווארף זי ארויס, ווער איך פטור פון אלע צרות. האב איך איין מאל גע׳פטר׳ט א פאר טויזענט דאלאר, און גענוג. מער ניט! איך וועל זאגען מיין סעקרעטער, אז אין דער מינוט, וואס מיין קוזינע וועט אריינקומען, זאל ער זי ארויסווארפען. אבער פארוואס דער סעקרעטער? פארוואס ניט איך אליין? איך האב תמיד געהאט מוט ניט צו לאזען אויף מיין שוועל קיין לאנדסלייט און קרובים, דארף איך ווייטער האבען מוט. איין טאג בין איך משוגע געווארען און געגעבען געלט פאר מיינע לאנדסלייט — גענוג! ווען זי וועט אריינקומען וועל איך א געשריי טאן: „ארויס פון דאנען! איך וויל דיך ניט קענען! ארויס!" און אהן הקדמות, וויל טאמער וועל איך איר געבען א געלעגענהייט צו רעדען, בין איך פארלוירען.

„ארויס! ארויס!" — האב איך גע׳חזר׳ט — ארויס! ארויס! מיין קוזינע איז אריינגעקומען.

„מיין טייערער קאזין" — האט זי געזאגט. — „פאר דיין נעכטיגער האנדלונג בין איך דיר שולדיג א קוש."

„באצאל" — האב איך איר געזאגט א צעטומעלטער — „באצאל!" זי האט מיר געגעבען א קוש.

„איז ווען" — האב איך געפרעגט — „האבען די לאנדסלייט נאך אן אונטערנעמונג?"

„געוויינליך האבען זיי בלויז איין מאל א יאר, אבער צוליב דיר, אויף דיין פארלאנג, אויב דו ווענסט הייסען, וועלען זיי האבען צוויי מאל א יאר" — האט זי דערקלערט.

„זאלען זיי זיך צוזאמענקומען פיר מאל א יאר" — האב איך געזאגט. — „אויב איך גיב שוין, זאל זיין גיב מאטעל, פיר מאל א יאר!"

בעני, לואי, הערי און ירחמיאל

מיין נאָמען איז ראובן. מיין ווייב׳ס נאָמען איז פעני. אַי האָב איך ליב מיין פעני׳ן! פאַרוואָס זאָל איך זי ניט ליב האָבן? זי איז שיין, גוט און וואויל. ווען איך זיץ אַ גאַנצען טאָג ביי דער אַרבייט, זיצט זי אין דער היים און זאָרגט זיך וועגען איר ראובנ׳ען, וואַרט אויף אים, קוקט אויפ׳ן זייגער, צי קומט ער באַלד. ווען איך קום אַהיים, באַגעגענט זי מיך מיט דעם ליבליכסטען שמייכעל. טאָמער קום איך אַהיים אַ מידער, טרייסט זי מיך, אַז גאָט וועט מיר העלפען און איך וועל זיך אַרויפאַרבייטען און וועל ניט דאַרפען אַרבייטען אַזוי שווער.

יעדן סענט, וואָס איך פאַרדין, גיב איך איר אַוועק, כדי זי זאָל האָבען פאַר אַלעס, פאַר שיינע, גוטע קליידער. איך האָב זייער הנאה, ווען מיין ווייב גייט שיין אָנגעטאָן. זי איז ביי מיר דאָס טייערסטע פון מיין לעבען. איך האָב קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס אַנדערע מענער האָבען פיינט אַהיימצוגיין צו זייערע ווייבער און האָבען ליב צו פאַרברענגען מיט אַנדערע. ווי קען אַ מאַן זיין אַזוי שלעכט צו זיין אייגען ווייב? הלואי וואָלט איך געהאַט אַזוי פיל צייט, וויפיל איך וואָלט אַוועקגעגעבען צו פאַרברענגען מיט מיין ווייב.

איינמאָל, אַהיימגייענדיג פון דער אַרבייט, האָט מיר אויפ׳ן וועג איינער דערציילט וועגען אַ באַקאַנטער פרוי, וועלכע האָט פאַרראַטען איר מאַן. איך האָב פאַרדאַמט יענע פרוי, און מיין ווייבעל איז מיר נאָך ליבער, חשוב׳ער און טייערער געוואָרען. אַזוי שנעל ווי איך בין אַריין אין הויז האָב איך זיך, ווי געוויינליך, צעקושט מיט איר. נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעטאָן מיין העט און מאַנטעל, האָב איך זי אַרומגעכאַפּט און אַרויפגעזעצט אויף מיין שויס.

„אַ, בעני, דאָנ׳ט" — האָט זי געזאָגט.

„בעני! פון ווען אָן הייס איך שוין בעני?" — האָב איך געקלערט.

זי האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט און געזאָגט:

„ראובן, דאַרלינג".

זי האָט דעם נאָמען ראובן, צוזאַמען מיט „דאַרלינג", ווידערהאָלט עטליכע מאָל. אָבער מיר איז דער נאָמען בעני ניט אַרויס פון קאָפּ. ווער איז דער בעני, ווען זי זאָגט אַזוי האַרציק „דאָנ'ט!" ווי לאַנג קען זי אים? ווי זעט ער אויס? פאַרוואָס זאָגט זי דעם נאָמען בעני אַרויס מיט אַזויפיל וואַרימקייט, און דעם נאָמען ראובן — קאַלט ווי אייז. „ראובן, העלף מיר וואַשען די דישעס! ראובן, גיי אין גראָסערי! ראובן, טראָג אַרויס דעם גאַרבעדזש! ראובן!" — און בעני'ן זאָגט זי „דאָנ'ט" מיט אַזוי פיל ליבע.

אַזוי ווי איך בין אַ שטאָלצער מענטש, האָב איך זיך וועגען דעם געמאַכט ניט־וויסענדיג. אָבער אפשר איז זי ניט שולדיג? אפשר בין איך אומזיסט אייפערזיכטיג? אפשר איז דאָס דער נאָמען פון אַ געליבטען פון נאָך פאַר דער חתונה און איצט באַגעגענט זי אים גאָר ניט? אָבער פאַרוואָס דאַרף זי זיין נאָמען אַרויסזאָגען אַזוי צאַרט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער קעניג פון ענגלאַנד?

עס איז אַוועק אַ צייט און איך האָב זיך באַרוהיגט. מיין ווייב האָט צו מיר זייט דאַן אַרויסגעוויזען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. זי האָט נאָכאַנאַנד באַטאָנט, אַז קיין אַנדערער אויסער מיך אינטערעסירט איר ניט, אַז איך בין דער שענסטער און בעסטער. איך האָב באַשלאָסען, אַז איך בין אומזיסט אייפערזיכטיג. אַי, וואָס זי האָט אויסגערופען דעם נאָמען בעני, איז דאָס געווען אַ טעות, אָדער פון מיין זייט, אָדער פון איר זייט. אָדער דאָס וואָרט האָט זיך אָן אַן אורזאַך אַראָפּגעגליטשט פון איר צונג, אָדער איך האָב ניט ריכטיג געהערט. ווי קען מען אַזאַ גוט, ליב ווייבעל חושד זיין? און פון גרויס סימפּאַטיע און ליבע צו איר, האָב איך זי געגעבען אַ כאַפּ, אַ הויב אין דער לופטען און איר געגעבען אַ קוש. זי האָט אַ זאָג געטאָן: „סטאָפּ איט, לואי!" דער נאָמען לואי איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען נאָך מיט מער ליבליכקייט, ווי אַמאָל דער נאָמען בעני. הייסט עס, אַז זי האָט לואי'ן נאָך מער ליב ווי בעני'ן. זי האָט, זעט אויס, צוויי געליבטע: בעני און לואי. ווער איז בעני? ווער איז לואי? ווי זעען זיי אויס? וואָס פאַר אַ מין מענטשען זיינען זיי? פאַרוואָס געפעלען זיי איר בעסער ווי איר אייגע־נער מאַן? אַזאַ זאַך פאַרדריסט; עס טוט וויי. אָבער פאַראַן אַ שטיקל טרייסט. זי פאַרראַט ניט בלויז מיך אַליין. זי פאַרראַט אויך בעני'ן. זי פאַרראַט אויך לואי'ן. אַי האָב איך אַ נקמה אַן זיי. דו, בעני, דו מיינסט, אַז דו ביזט אַ גרויסער קנאַקער, אַז דיין געליבטע פאַרראַט

איר מאַן צוליב דיר. זי פאַרראַט אויך דיר צוליב דעם פאַסקודניאַק לואי. און דו, לואי, דו מיינסט, אַז דו ביזט אַ גאַנצער העלד, אַז דו ביזט דער איינציגער געליבטער פון מיין ווייבעל. ניין! עס איז פאַראַן נאָך אַ פאַסקודניאַק, וועמען זי ליבט. בעני, הייסט ער. אַי ווען איך טרעף זיי! איך וואָלט זיי אַלעס דערציילט און זאָלען זיי האָבען האַרץ־ווייטאָג. אָבער וואו געפינט מען בעני׳ן? וואו טרעפט מען לואי׳ן?

אַזוי ווי איך בין אַ שטאָלצער מענטש, האָב איך מיין ווייב ניט געזאָגט אַ וואָרט וועגען דעם. איך האָב איר, ווי אַלעמאָל, געגעבען מיינע וועידזשעס און צו איר גערעדט נאָך צערטליכער ווי געוויינליך, אום זי זאָל ניט פאַרדעכטיגען, אַז איך וויים עפּעס, און געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט אַלעס אויפגעדעקט ווערען. איך וועל זיך טרעפען מיט בעני׳ן; איך וועל זיך באַקענען מיט לואי׳ן; איך וועל זיי דער־ציילען, און זיי וועלען מיר דערציילען, און מיר וועלען אַלע וויסען ווער, און וואָס און ווען.

איך בין זייט דאַן אַהיים געגאַנגען פון דער אַרבייט פריער ווי געוויינליך. אָבער איך בין ניט גלייך אַריינגעגאַנגען אין הויז. איך האָב ניט געוואָלט, אַז מיין ווייב זאָל פאַרדעכטיגען, אַז איך פאַרדעכטיג איר. פלעג איך זיך אַוועקשטעלען ביי דער טיר פון מיין אַפּאַרטמענט און וואַרטען, אַז בעני, אָדער לואי, זאָלען אַרויסקומען. אָבער איך האָב אומזיסט געוואַרט. זיי זיינען ניט אַרויסגעקומען.

עס איז אַוועק אַ צייט. איינמאָל, איך גיי אַהיים פון דער אַרבייט מיט עטליכע שעה פריער. איך קום צו דער טיר פון מיין אַפּאַרטמענט, און איך זע, עס קומט אַרויס אַ הויכער מאַן מיט אַ לעדערנעם טאַש אונטער׳ן אָרעם. ער שפּאַנט אַ פרייליכער, שפּאַנט ער. ער איז אין אַ גוטער שטימונג.

„אָט דאָס איז ער!“ — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין. — „דאָס איז אָדער לואי, אָדער בעני“.

ער איז הויך געוואקסען, אין די מיטעלע יאָרען, אין דער צייט, ווען מען ליבט נאָך גאַנץ שטאַרק. ער גייט; איך גיי אים נאָך. ער גייט אַריין אין אַ רעסטאָראַן; איך גיי אים נאָך. ער זעצט זיך אַוועק ביי אַ טישעל; איך קום צו צום טישעל און פרעג אים: „קען איך זיך דאָ זעצען?“ ער דערלויבט מיר. איך דערקלער אים, אַז איך וויל דאָ זיצען צוליב דעם וועיטער, וואָס באַדינט ביי דעם טיש. ער איז אַ גוטער וועיטער. ער דערקלערט, אַז ער איז זייער צופרידען, וואָס איך האָב זיך דאָ אַוועקגעזעצט, ווייל ער האָט ניט ליב צו זיצען אַליין.

ער האָט ליב געזועלשאַפט. איך זאָג אים, אַז איך האָב אויך ליב געזועלשאַפט, אָבער מערסטענס געזעלשאַפט פון פּרויען. ער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און געזאָגט, אַז פּרויען — דאָס איז זיין שוואַכסטער פּונקט. און ער האָט גענומען רעדען און רעדען. ער איז זייער אַ רעדעוודיגער. ער האָט מיר באַלד דערקלערט, אַז ער איז אַן אינשורענס־אַגענט און מיר דערלאַנגט זיין קאַרטעל. איך לייען איבער: „הערי טראַכטענבערג".

— הערי — זאָג איך צו זיך — דער דריטער הייסט הערי.

— עס געפעלט אייך ניט דער נאָמען הערי? — פרעגט ער.

— מיר געפעלט זייער דער נאָמען הערי — זאָג איך אים. — דאָס איז אַ ראָמאַנטישער נאָמען. דאָס איז פיל שענער אַפילו ווי בעני אָדער לואי. ווען איר לייענט ראָמאַנען, וועט איר דעם נאָמען הערי באַגעגענען זייער אָפט אַלס העלד. פרויען האָבען ליב אַזאַ נאָמען.

מיינע ווערטער האָבען אים דערמוטיגט און ער האָט אָנגעהויבען רעדען פאַר פייער און פאַר וואַסער און דערציילען וועגען זיין העלדישקייט ביי פרויען. אַלס אַן אינשורענס־אַגענט מאַכט ער באַקאַנטשאַפטען מיט פילע פרויען, און אָפט פאַרליבען זיי זיך אין אים און ער מאַכט צוליב דעם אַ סך פּאָליסיס.

איך מאַך אים קאָמפּלימענטען, זאָג אים, אַז איך בין אים מקנא מיט זיין העלדישקייט. און ער, זעענדיג, אַז ער מאַכט ביי מיר אַן ערפאָלג, רעדט ער ווייטער און ער דערציילט מיר, אַז ער קומט גראָד איצט פון אַ ווייבעל. „אַי איז דאָס אַ ווייבעל", זאָגט ער, „אַי קען זי ליב האָבען. זי איז אַ באַרג פייער; אירער אַ קוש האָט צו זיך קיין גלייכען ניט". און זי האָט אים צוגעזאָגט, דערקלערט ער, אַז זי וועט שוין זען, אַז איר מאַן זאָל ביי אים נעמען אַ גרויסע פּאָליסי. אָבער אים אינטערעסירט דאָ ניט די פּאָליסי, נאָר די ווייבעל. „אַי, אַ ווייבעל!" צווישען אַלע זיינע באַגעגענישען, זאָגט ער, פּאַסירט עס מיט אים צום ערשטען מאָל, ווען ער פאַרליבט זיך אין אַ פרוי אויף אַן אמת. ער איז פאַרהייראַט, אָבער צוליב איר וואָלט ער איבערגעלאָזט זיין ווייב און קינדער. און ער דענקט, אַז ער וועט עס טאָקע טאָן, כאָטש עס איז זייער שווער איבער־צולאָזען קינדער. אַ ווייב איז ניט שווער איבערצולאָזען, זאָגט ער, אָבער קינדער טוען וויי. אָבער ער קען זיך ניט העלפען. די קינדער וועלען מוזען ליידען. עס ברענט אין אים צום ערשטען מאָל דער אמת'ער פייער פון ליבע. און זי פילט דאָס זעלבע. זיי זיינען ביידע גרייט פאַר די גרעסטע קרבנות. ווען זיי זאָלען אַפילו דאַרפען ליידען הונגער און נויט, אָבי צו זיין צוזאַמען. זיי מוזען זיין צוזאַמען.

הערענדיג אַזעלכע רייד, האָב איך זיך שוין מער ניט געקענט קאָנטראָלירען און איך האָב אַ זאָג געטאָן: „איך ווייס ווער עס איז אייער געליבטע. איך קען זי. דאָס איז די בלאָנדע ווייבעל, מרס. ליפּאָוויץ.״

— ווי אַזוי ווייסט איר? ווי אַזוי קענט איר זי? — האָט ער געפרעגט אָן איבערראַשטער.

— אויב איך קען זי? — האָב איך געזאָגט. — איך קען אַפּילו זייער גוט איר מאַן. ער איז אַ גרויסער יאָלד. אָבער מיינט ניט, אַז איך זיינט איר איינציגער געליבטער. זי האָט צוויי געליבטע, אַ חוץ אייך און אַ חוץ מיר. איך בין משוגע פון ליבע פאַר איר. זי קאָסט מיך אַ סך האַרצווייטאָג. אַי, לייד איך צוליב איר. אָבער זי פאַרראַט אונז אַלע. אַלע, אָן אַן אויסנאַם.

— אונמעגליך! — זאָגט ער — אונמעגליך! ניט זי! עס איז אַ טעות!

— איך האָב אויך אַזוי געמיינט — דערקלער איך אים — ביז איך האָב אויסגעפונען, אַז זי האָט צוויי געליבטע: בעני און לואי. וועגען אייך האָב איך ניט געוואוסט; וועגען אייך האָב איך ערשט איצט אויסגעפונען.

— איז ווי הייסען אירע געליבטע? — פרעגט ער איבער.

— בעני און לואי — דערקלער איך אים.

— און ווי איז אייער נאָמען? — פרעגט ער.

— ירחמיאל — האָב איך אים געענטפערט. מיין אמת׳ען נאָמען האָב איך אים ניט געוואָלט זאָגען.

— בעני, לואי און ירחמיאל — האָט ער זיך גע׳חזר׳ט און, גע׳־חזר׳ט. — איך גיי גלייך אַריבער צו איר און אַלעס אויסגעפינען. אויב זי האָט אַנדערע געליבטע, איז אויס וועלט. אויב זי האָט אַנדערע געליבטע און איך באַגעגען זיי, איז: אָדער זייער לעבען, אָדער מיין לעבען. עס קען ניט זיין! מיין לעבען, אָדער זייער לעבען!

— איך וויל, איר זאָלט וויסען — דערקלער איך אים — אַז איך בין ניט שולדיג. איך האָב זי ביי קיינעם ניט צוגענומען. איך בין געווען איר ערשטער געליבטער.

— איך פאַרלאַנג פון אייך דאָ צו בלייבען ביז איך קום צוריק — האָט ער דערקלערט. — איך וועל שוין דאַן וויסען, ווער דאָ איז שולדיג און ווער עס איז אַ ליגנער, איר צי זי.

ער איז אַוועק און איך בין געזעסן אין רעסטאָראַן און געוואַרט צו הערן דעם רעזולטאַט.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און הערי איז צוריקגעקומען אַ צע־קאָכטער און געזאָגט, אַז ער ווייסט נאָך אַלץ ניט צי זי איז שולדיג, צי איך בין אַ ליגנער. זי האָט זיך מודה געווען, האָט ער געזאָגט, אַז זי האָט צוויי געליבטע: בעני און לואי. אָבער זינט זי האָט זיך מיט אים באַקענט, זעט זי מער יענע ניט, און אַז איר ליבע צו זיי איז געווען פּונקט אַזוי שוואַך, ווי איר ליבע צו איר אייגענעם מאַן. אָבער וועגן מיר, דעם דריטען געליבטען, ירחמיאל, לייקענט זי אין גאַנצען. זי האָט קיינמאָל אַפילו ניט געהערט זיין נאָמען, זאָגט זי. האָט ער איר דער־קלערט, אַז יענער זיצט אין אַ רעסטאָראַן ניט ווייט פון דאַנען, און זאָגט אַז ער איז משוגע פון ליבע, אַז ער ליידט אָן אַ שיעור. זאָל זי אַרונ־טערגיין אין רעסטאָראַן וועט זי אים זען און אים באַגעגענען און אַליין זען ווי ער ברענט פון ליבע. האָט זי דערקלערט, אַז זי קען דאָס ניט טאָן, ווייל זי איז ניט אין דער ריכטיגער שטימונג און ווייל זי איז ניט גענוג אויסגעפּוצט. האָט ער געשריען, אויב יענער איז אַ ליגנער, צו וואָס־זשע דאַרף זי זיך אויספּוצען פאַר אַ ליגנער. האָט זי געזאָגט, אַז ער קען ניט קיין פרויען. אַ פרוי וועט אַזוי־אַ זיך ניט צייגען פאַר אַ פרעמדען מענטשן. הכלל, ער האָט אָפּגעמאַכט, אַז מאָרגען, דינסטאָג, מיטאָגצייט, זאָלען מיר זיך אַלע דריי באַגעגענען דאָ אין דעם רעס־טאָראַן.

דינסטאָג פרי בין איך צוליב דעם אַפּאָינטמענט אין רעסטאָראַן ניט געגאַנגען צו דער אַרבייט. איך האָב דערקלערט מיין פרוי אַז איך פיל ניט גוט. זי האָט אַ גאַנצען פרימאָרגען זיך שטאַרק געפּוצט און אונ־טערגעזונגען.

— מיך פרייט זייער, וואָס דו פילסט גוט און זינגסט — האָב איך גלאַט אַ זאָג געטאָן.

— ווען איך זינג — האָט זי געזאָגט — איז ניט קיין סימן, אַז איך בין פריילין. פּונקט פאַרקערט. איך דאַרף צופאָרען צו מיין שוועסטער, האָב איך פיינט אַהין צו פאָרען, ווייל זי וואוינט אַזוי ווייט. מען דאַרף בייטען צוויי סאַבוועיס און דערנאָך נעמען דעם באַס, און איך פיל ניט אַזוי גוט.

— איז ווער צווינגט דיך צו פאָרען צו איר? — פרעג איך.

— איך האָב שוין מיט איר פון פריער אָפּגעמאַכט, אַז איך וועל קומען — דערקלערט זי — וועט זי וואַרטען אויף מיר, מוז איך שוין

פאָרען. ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז דו וועסט זיין אין דער היים, וואָלט איך זיכער ניט געפאָרען.

— איז רוף־זשע זי אָפּ אויפ׳ן טעלעפאָן, זאָג איר, אַז דו קענסט היינט ניט קומען, דיין מאַן פילט ניט גוט — גיב איך איר אַן עצה.

— איז וואָס טו איך, אַז זי וועט ניט זיין אין דער היים, ווען איך וועל זי רופען? — דערקלערט מיין ווייבעל. — אַ חוץ דעם וויל איך מיין שוועסטער ניט אַנטוישען. זי ריכט זיך אויף מיר. זי וואַרט אויף מיר. ווען דו וואָלסט, חלילה, געווען ערנסט קראַנק, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש. אָבער איך זע, אַז עס פעלט דיר, חלילה, גאָר ניט. דו ביזט אַביסעל מיד.

— אויב אַזוי — זאָג איך — פאָר איך צוזאַמען מיט דיר צו דיין שוועסטער. ס׳איז מיר אומעטיג צו בלייבען אַליין.

— וואָס הייסט, דו פאָרסט? דו ביזט דאָך קראַנק — זאָגט זי.

— דו ווילסט דיך פאַרקילען, דו ווילסט איך זאָל דיך מוזען ניאַנטשען און ניט אַרויסגיין אין גאַס. ניין, איך וועל דיך ניט לאָזען!

— מילא — זאָג איך — פאָר אַליין, אָבער פאַרוואָס פוצסטו זיך אַזוי? פאַר אַ שוועסטער דאַרף מען זיך אַזוי פוצען?

— אַהאַ! דו האָסט ניט ליב, אַז איך פוץ זיך אויס — האָט זי אויסגערופען. — דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל שוין זיין אַן אַלטע אידענע.

— הער אויס, פעני — רוף איך אויס. — איך האָב גאָר פאַרגעסען. יאָ, איך מוז פאָרען צו דיין שוועסטער. איך האָב אַ טייערען שידוך פאַר איר טאָכטער, פאַר איר דזשעני׳ן, שוין איינמאָל אַ שידוך.

— נו, קען איך איר דען ניט זאָגען וועגען דעם? — פרעגט זי.

— ניין! — זאָג איך. — דו קענסט ניט דעם חתן־קאַנדידאַט. איך מוז איר אַליין דערקלערען, אַלעס, און מען דאַרף דאָס מאַכען שנעל. ער איז זייער אַ וואוילער באָי. מען דאַרף אים גלייך איינלאַדען. איך מוז באַלד זען דיין שוועסטער. ווען דו וואָלסט ניט געפאָרען צו איר, וואָלט איך אַליין געפאָרען. ער איז אַ רייכער באָי, אַ פיינער באָי און פון פיינע עלטערן. איך מוז פאָרען!

— מילא — האָט מיין פרוי געזאָגט — אַז עס איז אַזוי וויכטיג, פאָרען מיר.

מיר זיינען ביידע געגאַנגען צו דער סאָבוועי. מיין פרוי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, געוועזן נערוועז, אומרואיג, און איך האָב זיך אונטערגעזונגען אַ לידעל. מיר האָט הנאה געטאָן, וואָס דאָרט, אין רעסטאָראַן, זיצט הערי און וואַרט אויף זיין געליבטער, וועלכע פאָרט אַוועק מיט מיר.

וואַרטענדיג אויף דער טרעין, האָט מיין פעני פּלוצלונג זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויסגערופען: „אוי, ווי, איך האָב גאָר פאַרגעסען!"

— וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב — זאָגט זי — צוגעזאָגט מיין שוועסטער, אַז איך וועל איר ברענגען אַ פּרעזענט אַ „נאַיטגאַון". איך לויף שוין אין אַ סטאָר דאָס קויפען, און דו פאַר דערוויילע. איך וועל אין אַ האַלבע שעה אַרום נאָכקומען און מיר וועלען שוין דאָרט פאַרברענגען דעם גאַנצען טאָג.

איידער איך האָב געהאַט די מעגליכקייט עפּעס צו זאָגען, האָט זי מיך געגעבען אַ שטופּ אַריין אין דער אָנקומענדער טרעין און איך בין אַוועק־געפאָרען.

איך בין אָפּגעפאָרען אַ סטעישאָן, בין צוריקגעפאָרען, בין אַרויס־געגאַנגען פון סאָבוועי, גענומען אַ שפּאַציר, זיך פאַרדריכערט אַ סיגאַרעטעל, זיך ניט געאיילט, און געטראַכט וועגען דעם, ווי מיין ווייבעל האָט זיך ארויסגעדרייט און איז אַוועק צום אַפּאָינטמענט, און ווי אַזוי איך זאָל זי דאָרט באַגעגענען.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין רעסטאָראַן, האָט הערי, ווענדענדיג זיך צו מיין ווייבעל, אויסגערופען:

— אָט דאָס איז ער, דיין געליבטער ירחמיאל!

— עס פרייט מיך דיך צו קענען — האָב איך איר געזאָגט. — איך האָב דיר געבראַכט אַ גרוס פון דיין שוועסטער!

אַ לעקטשורער און זיין ווייב

ווען דער לעקטשורער ירוחם איז געקומען אין דעם שטעטעל ט. האַלטען אַ לעקטשור, איז ער באַגעגענט געוואָרען פון אַ קאָמיטע פון דריי. צוויי האָבען אים גענומען אונטער'ן אָרעם, דער דריטער איז נאָכ־געגאַנגען פון הינטען, און מען האָט אים אַריינגעפירט צום טשערמאַן פון דער אַרענדזשמענט קאָמיטע, מר. בליק.

מרס. בליק, אַ יונגע שיינע פרוי, מיט רויטע בעקעלעך, האָט ברייט געעפענט די טיר, אים דערלאַנגט אַ וואַרימע האַנט, און אים געזאָגט, אַז זי און איר מאַן פילען זיך גליקליך וואָס זיי האָבען דאָס גליק און פאַר־גניגען צו האָבען ביי זיך אין הויז אַזאַ חשוב'ען גאַסט. זי האָט דערציילט, אַז איר מאַן איז איצט אין דעם זאַל, וואו דער לעקטשור וועט פאָרקומען און ער זעט, אַז אַלעס זאָל זיין אין אָרדנונג.

מר. בליק איז געווען אויפ'ן וועג אַהיים. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער זען דעם לעקטשורער. אָבער ער האָט זיך אויפ'ן וועג אָפּגעשטעלט מיט אַ פּאָר באַקאַנטע, זיי דערציילט, אַז ער אײלט זיך אַהיים, וואו ער האָט אַ חשוב'ען גאַסט, אַ גרויסע פּערזענליכקייט, איינעם פון די געלערנ־סטע מענשען און בעסטע לעקטשורערס, פון וועמעס מויל עס רעגענט תורה, חכמה און וויץ. דאָס האָט ער אַלעמען געזאָגט, כאָטש ער האָט דעם לעקטשורער קיינמאָל ניט געזען און ניט געהערט.

ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער געטראָפען דעם לעקטשורער זיצען ביים טיש, רויכערען אַ סיגאַרעטעל, טרינקען טיי און זאָגען וויצען. אַנטקעגען דעם לעקטשורער איז געזעסען זיין ווייבעל און זיך געקאָטשעט פון געלעכטער. די באַקען האָבען געפלאַמט ביי ביידע.

— אַט דאָס איז מיין מאַן — האָט מרס. בליק אים פאָרגעשטעלט. אָבער מר. בליק האָט געפילט, אַז זי האָט אים ניט גענוג פריינדליך פאָרגעשטעלט. פאַר אַזאַ פּערזענליכקייט ווי ירוחם, דעם לעקטשורער,

האָט זי אים געדאַרפט בעסער פאַרשטעלען, ניט אַזוי שוואַך: „דאָס איז מיין מאַן!" און שוין.

מר. בליק האָט זיך אַוועקגעזעצטביים טיש און אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייבעל, מעשה באַלעבאָס: „גיב מיר אויך אַ גלעזעל טיי".

מרס. בליק האָט זיך געפילט באַליידיגט וואָס אין דער אנוועזענהייט פון אַזאַ חשוב'ען מענשען שאַפט ער זיך מיט איר ווי מיט אַ דינסט, האָט זי געענטפערט שטיל און ברוגז'לעך: „נעם זיך אַליין".

מר. בליק האָט פאַרביסען די ליפען, זיך אַליין אָנגעגאָסען טיי און זיך אַוועקגעזעצט טרינקען.

דער לעקטשורער האָט ווידער דערציילט אַ וויץ. מרס. בליק האָט זיך געקאָטשעט פון געלעכטער. מר. בליק האָט צוליב העפליכקייט אויך געמוזט לאַכען, כאָטש ס'האָט אים געשטאָכען. ער האָט באַמערקט, ווי זיין ווייבעל הויבט אויף די אויגען, באַטראַכט דעם לעקטשורער, דערנאָך באַטראַכט זי מיט דיזעלבע אויגען אים, איר מאַן, און דערנאָך קוקט זי ווידער אויפ'ן לעקטשורער און ער פילט ווי זי ציט אַ פאַרגלייך צווישען איר מאַן און דעם לעקטשורער און דער רעזולטאַט איז זיכער זייער ניט קיין גינסטיגער פאַר אים. ווי קען ער קאָנקורירען מיט אַ לעקטשורער? ניט ער האָט געלערענט און ניט ער האָט צייט צו לערנען. און יענער — אַזאַ גדול.

ער זעט נאָכאַנאַנד ווי זיין ווייבעל שלינגט די ווערטער פון דעם לעקטשורער און לאַכט מיט אַזאַ מין האַרציגקייט. ער האָט זי קיינמאָל ניט געזען אַזוי האַרציג לאַכען.

דער לעקטשורער, ירוחם, האָט זיך געפילט זעהר ערמוטיגט פון מרס. בליק'ס פריינדליכקייט און איר ניט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלי־מענטען.

— וואָס וואָלטען אַקטריסעס, די גרעסטע סטאַרס, ניט געגעבען צו האָבען אַזעלכע אויגען ווי אייער ווייב — האָט דער לעקטשורער צו אים געזאָגט. — אייער ווייב'ס אויגען זיינען פאַר דער בינע ווערט מיליאָנען. מיט אַזעלכע אויגען קען מען באַצויבערען אַ וועלט, מיט אַזעלכע אויגען...

נו, ווי קען ער קאָנקורירען מיט אַ לעקטשורער? — האָט מר. בליק געטראַכט. אים וואָלט אַזאַ קאָמפּלימענט גאָר ניט איינגעפאַלען. אויגען, סטאַרס, בינע, באַצויבערן אַ וועלט!

ער האָט געפילט ווי צו נעמען דעם לעקטשורער ירוחם און אים

דערוואַרגען. קיין סך וואָלט דאָס ניט געדויערט. ער איז אַ קליינינקער, אַ דאַרער. איין קוועטש און אויס לעקטשורער. אָבער ווען ער טראַכט זיך אַריין, איז דער ירוחם אין גאַנצען ניט שולדיג. זי זיצט אַנט־קעגען אים און גליעט אים דורך מיט אירע אויגען. אַן אַנדערער אויף זיין פלאַץ וואָלט אפשר ניט בעסער געווען.

מר. בליק האָט געפילט, אַז ווען דער לעקטשורער וואָלט ביי אים געדאַרפט זיין נאָך עטליכע טעג, וואָלט ער זיך ניט געקענט קאָנטראָלירען. אָדער ער וואָלט זיך ערמאָרדעט אָדער דעם לעקטשורער. אָבער אַזוי ווי היינט אָוועט, נאָכ׳ן לעקטשור, פאָרט דער ירוחם צוריק קיין ניו־יאָרק, וועט ער שווייגען, ליידען און שווייגען.

אין אָוונט. מר. בליק, אַלס טשערמאַן, האָט פאָרגעשטעלט דעם לעקטשורער און אים געלויבט אַן אַ שיעור. וואָס אַרט אים? נאָכ׳ן לעק־טשור פאָרט דאָך יענער אַוועק.

נאָכ׳ן לעקטשור, ווען ירוחם האָט זיך געזעגענט מיט אַלעמען און דערלאַנגט די האַנט צו מרס. בליק, זאָגענדיג: „איך דאַנק אייך זעהר, מרס. בליק, פאַר אייער פריינדליכקייט, פאַר —" האָט מרס. בליק אים איבערגעשלאָגען און געזאָגט: „וואַרט, איר פאָרט נאָך ניט. ס׳רעגענט. מיין עצה איז, אַז איר זאָלט ביי מיר איבערנעכטיגען. מאָרגען גאַנץ פרי פאָרט אַן עקספרעס־טריין קיין ניו יאָרק".

— איז ווער קען אייך אָפזאָגען? — האָט ירוחם געענטפערט מיט אַ גליקליכען שמייכעל.

מר. בליק איז געבליבען שטיין אָן לשון. וואָס האָט ער געקענט זאָגען? מען פרעגט אים דען?

ער איז צוזאַמען מיט׳ן לעקטשורער און מיט זיין ווייבעל געגאַנגען אַהיים. דער לעקטשורער און זיין ווייבעל האָבען גערעדט. זיי האָבען אַ סך צו רעדען און ער האָט זיך נאָכגעשלעפט ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען.

ביינאַכט האָט ער ניט געקענט שלאָפען. ער האָט אַלע מאָל געקוקט אויף זיין ווייבעל, צי זי רירט זיך ניט, צי זי טראַכט ניט וועגען לעקטשו־רער.

גאַנץ פרי האָט אים זיין ווייב אויפגעוועקט, אָפצופירען מיט דער מאַשין ירוחם׳ן צום סטיישאַן. ער איז מיט פרייד אויפגעשטאַנען און מיט שמחה אָוועקגעפירט דעם לעקטשורער, ירוחמ׳ען, צו דער באַן.

מר. בליק איז צוריקגעקומען פון סטעישאַן אַ גליקליכער. „שוין, האָט ער געזאָגט, דער לעקטשורער איז אַוועקגעפאָרען".

מרס. בליק האָט אָבער דעם לעקטשורער ניט געקענט פאַרגעסן. זי האָט נאָכאַנאַנד געקרעכצט, זיך באַקלאָגט, אַז עס טוט איר ווי דער קאָפּ, דאָס האַרץ. זי איז געגאַנגען צו דאָקטוירים. מען האָט ניט געקענט טרעפן וואָס איר פעלט. זי האָט ענדליך ערקלערט איר מאַן, אַז זי פאָרט קיין ניו יאָרק צו אַ דאָקטאָר אַ ספּעציאַליסט. דער מאַן האָט איינ־געשטימט. אַ ברירה האָט ער געהאָט?

ווען זי איז געקומען קיין ניו יאָרק האָט זי באַשלאָסן, אַז זי מוז באַזוכן ירוחם׳ן אין זיין היים. זי מוז זען וואָס פאַר אַ מין ווייב ער האָט. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיין ווייב מוז זיך פילן זעהר גליקליך וואָס זי האָט אַזאַ מאַן. זי גיט אים מסתמא אַ סך כבוד. אַליין מוז זי אויך ניט זיין אַבי ווער. מסתמא איז זי זעהר געבילדעט. אפשר לעקטשורט זי אַליין גאָר. זי מוז זיך באַקענען מיט זיין ווייב.

זי האָט טעלעפאָנירט צו דעם לעקטשורער ירוחם און אים ערקלערט, אַז זי וויל אים באַזוכן. ער האָט זיך אַביסעל געקווינקעלט. ער האָט זיך מיט איר געוואָלט טרעפן אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ קאַפע־הויז, אָבער זי האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט, אַז זי וויל זיין ביי אים אין דער היים. זי מוז זיך באַקענען מיט זיין ווייב. דער לעקטשורער האָט ענדליך נאָכגעגעבן.

ווען זי איז אַריינגעקומען צו ירוחם׳ן אין הויז איז זי באַגעגענט געוואָרען פון אַ אידענע, וועלכע זי האָט געמיינט, אַז זי איז דעם לעקטשורער׳ס מאַמע, אָבער דאָס איז געווען זיין ווייב.

— מיין מאַן האָט מיר דערציילט וועגען אייך. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט די גרעסטע שיינהייט, — האָט זיין ווייב איר געזאָגט.

— ער האָט ליב צו איבערטרייבען, — האָט מרס. בליק געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— ניין. ער איז גלאַט ניט קיין מבין, — האָט מרס. ירוחם געזאָגט און געקוקט אויף איר האַלב אומצופרידען.

נאָכדעם ווי זי איז געזעסען אַ ווײַלע האָט מרס. ירוחם געזאָגט צו איר מאַן: — נו, ס׳איז דאָך דיין גאַסט. מאַך איר אַ גלעזעל טיי.

ער האָט געמאַכט טיי.

— נו, וואו זיינען די לעפעלעך? — האָט מרס. ירוחם שטרענג געפרעגט, — יעדע זאַך דאַרף מען אים זאָגען עטליכע מאָל. ער טויג צו גאָר ניט.

— טויג ער דערפאַר צו אַנדערע זאַכען, — האָט מרס. בליק אים געפרואווט פאַרטיידיגען. — ער איז שוין איינמאָל אַ לעקטשורער.

— ער קען דאָס אויך ניט, — האָט מרס. ירוחם ערקלערט. — ער האָלט דעמזעלבען לעקטשור שוין די לעצטע 25 יאָר.

— וואָס רעדט איר! — האָט מרס. בליק געזאָגט. — זיינע וויצען זיינען דאָך אַ גוואַלד!

— יעדער וויץ זיינער איז עלטער פון אים, — האָט מרס. ירוחם ערקלערט.

— אָבער, דאַרלינג, מאַך מיר ניט קאַליע די פּרנסה, — האָט ירוחם זיך געבעטען.

— אויך מיר אַ פּרנסה, — האָט מרס. ירוחם געזאָגט. — מען קען דערפון בלויז גיין באָרוויס.

— איך בעט דיר, מאַך מיך ניט צו קליין געלט פאַר פּרעמדע, — האָט ער זיך געבעטען.

— אַזוי! איך זאָל אָפּנאַרען מענשען! — האָט זי אויסגערופען. — איך האָב ליב צו זאָגען דעם אמת. הערט, ווען ער זעט עפּעס אַן אָנגעפּוידערט יונג דאַמעלע, וויל ער פאַר איר פאַרלייקענען זיינע יאָרען און זיך מאַכען פאַר אַ גאַנצען קנאַקער. איך האָב ליב דעם אמת. ער איז גאָר־ניט ש׳בגאָר־ניט.

ווען מרס. בליק איז אַהיים געקומען האָט זי שוין מער ניט געקרעכצט. זי איז מער ניט געגאַנגען צו קיין דאָקטאָר. דער ניו יאָרקער „ספּעציאַליסט” האָט איר פולשטענדיג אויסקורירט.

זיין פאראיין און זיין ווייב

אַ קייסער אין זיין פֿאַראיין און אַ משרת ביי זיין ווייב — דאָס איז בערל פּימסענהאָלץ.

ווען מען קומט צו אַ מיטינג פון די קריליוועקער סאָסייעטי און מ'זעט ווי זייער פּרעזידענט, בערל פּימסענהאָלץ, פירט די מלוכה, זעט איר פאַר זיך אַ קעניג, אַ קייסער, אַ מעכטיגען קייסער און אפשר נאָך מער. ער האָט מער מאַכט, ווי עס האָט געהאַט אַמאָל אַ צאַר אָדער אַ קייסער, אָדער אַ דיקטאַטאָר.

וואָס ער זאָגט, ווערט געטאָן. קיינער וואָגט ניט צו זיין געגען אים. איר הערט דאָרט אַזעלכע ווערטער: „מיט דער ערלויבעניש פון מר. פּרעזידענט בעט איך דאָס וואָרט".

דער פֿאַראיין האָט אַ קאָנסטיטוציע, אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע. דאָס אַלעס איז פאַרשריבען אין אַ ביכעל. דאָס קאָנסטיטוציע־ביכעל געפינט זיך בלויז ביים פּרעזידענט אין קעשענע, און ער טוט מיט דעם, וואָס ער וועל. אַז ער וויל, זאָגט ער: „דאָס איז ניט קאָנסטיטוציאָנעל, דאָס איז געגען אונזער קאָנסטיטוציע", און אַז ער וויל, זאָגט ער: „אונזער קאָנסטיטושאָן איז שוין צו־אַלט און מען קען זיך ניט האַלטען ביי די אַלטע געזעצען".

ווען איינער מאַכט אַ פֿאַרשלאַג, קוקען אַלע אין די אויגען פון פּרעזי־דענט. אויב ער גיט מיט זיינע אויגען אַ מאַך אויף יאָ — שטימען אַלע פאַר דעם פֿאַרשלאַג. גיט ער אַ מאַך מיט די אויגען אויף ניין — שטימען אַלע דאַגעגען.

ווען אַ פֿאַראיין אַראַנזשירט אַ באַנקעט, באַשטימט דער פּרעזידענט דעם טאָסטמייסטער און דער פּרעזידענט קריגט ביי דעם באַנקעט עטלע־כע מאָל דאָס וואָרט. צוערשט רעדט ער אַלס פּרעזידענט, דערנאָך אַלס פּשוט'ער ברודער און דערנאָך קריגט ער דאָס וואָרט צו ענטפערען אויף די אַלע געהאַלטענע רעדעס. טאָמער געפעלט אים ניט אַ רעדע, איז ווי

צו דעם רעדנער — ער מאַכט אים מיט דער בלאַטע צוגלייך.

ביי די מיטינגען האַלט זיך בערל זייער שטאַלץ. ער רעדט ווייניג מיט די פּשוט׳ע „ברידער״. ער רעדט מיינסטנס מיטן סעקרעטער מענדל, וועלכען ער האַלט פאַר אַ געבילדעטען. מענדל איז זיין רעכטע האַנט. ער איז ביי אים ווי דער סעקרעטערי אָוו סטייט. אַז עמיצער וויל עפּעס פון פּרעזידענט, רעדט ער פריער מיט מענדלען און מענדל גיט עס איבער צום פּרעזידענט. מענדל האָט צוליב דעם שוין אַליין אויך אַ גרויסע מאַכט, ווייל אויב אים געפעלט עפּעס ניט, גיט ער עס אַזוי איבער צום פּרעזידענט, אַז עס זאָל אים אויך ניט געפעלען.

ווען דער פּרעזידענט איז אַמאָל גוט אויפגעלייגט, גיט ער אַ שמייכעל צו אַ פּשוט׳ען ברודער, ניט קיין באַאַמטען, און רעדט מיט אים אַ פּאַר ווערטער. אָבער דאָס טרעפט זעלטען.

אין זיין היים איז בערל פּימסענהאָלץ אַ משרת; אָבער ניט אַ משרת פון היינטיגע צייטען, נאָר אַ משרת פון אַמאָליגע צייטען, ווען אַ משרת האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו רעדען אַ וואָרט און אפילו צו געבען אַ פּינטעל מיט אַן אויג.

ווען בערל פּימסענהאָלץ קומט אַהיים פון דער אַרבעט, נעמט ער זיך אַרבעטען אין הויז. ער טוט אַלעס, וואָס זיין ווייב הייסט אים. אַמאָל דאַרף ער אויפראַמען אין שטוב, אַמאָל דאַרף ער גיין אין גראָסערי, צום בוטשער, איינקויפען פאַר סאַפּער. ער האָט בעסער ליב, ווען זיין פרוי שיקט אים איינקויפען אַנשטאָט צו ראַמען אין הויז, ווייל ווען ער גייט אַרויס אין גאַס, פילט ער זיך פריי. ער געניסט פון דער פרישער לופט. קיינער באַסעוועט אים ניט; קיינער רופט אים ניט אידיאָט. ווען ער בלייבט, אָבער, אין הויז מיט זיין ווייב, מוז ער הערען זידלערייען. צו דעם טיטעל אידיאָט איז ער שוין צוגעוואוינט. „אידיאָט״, זאָגט אים אָפט זיין ווייב, „דו טויגסט ניט צו קיין זאַך. אָט האָסטו אויסגעקערט און איבערגעלאָזען דאָס גאַנצע מיסט אונטערן בעט!״ „אידיאָט״, שרייט זי, „ס׳איז שוין צייט זיך אויסצולערנען ווי צו מאַכען אַ בעט, אַז דאָס קישען זאָל ניט ליגען אין דער זייט, נאָר אין דער מיט, אידיאָט!״

אים אַרט ניט מער, וואָס זי רופט אים אידיאָט. ער האָט בלויז פיינט ווען זי שילט אים.

נאָך סאַפּער טוט ער זיך אַן אַ פאַרטוך און נעמט זיך וואַשען די טעלער מיט די טעפּלאַך. ער איז צו דער אַרבעט גוט צוגעוואוינט, און ער מאַכט עס זייער גוט. אָבער ווען זיין ווייב שטייט און קוקט ווי ער אַרבעט, דעמאָלט פאַלט אים פון די הענט און זיין ווייב שילט אים. אַמאָל

טרעפט, אַז זיין ווייב כאַפּט אַ דרימעל ווען ער וואַשט די טעלער. דעמאָלט זינגט ער זיך אַ לידעל וואַשענדיג די טעפּלאַך און פילט גוט.

איינמאָל, ווען ער איז אַזוי געשטאַנען אַנגעטאָן אין פאַרטוך, גע־וואַשען די טעלער, און זיין ווייב האָט אים געבאָסעוועט און געזידלט, איז אַנגעקומען זיין פריינד, זיין סעקרעטער, זיין מיניסטער, מענדל.

„העלאו, מענדל!" האָט ער געזאָגט וואַשענדיג אַ טעפּעל און ער האָט געפילט ווי זיך צו באַגראָבען פאַר בושה.

„אידיאָט!" האָט אים זיין ווייב געזאָגט, „דו שעמסט זיך! וואָס איז דאָ זיך צו שעמען? דו גגב'עסט? דו באַשווינדעלסט עמיצען? דו וואַשסט די טעלער ביי דיר אין הויז. אידיאָט!"

בערל האָט געפילט ווי צו רעוואָלטירען, צוריק ענטפערען זיין ווייב פאַר דער גאַנצער צייט. אָבער ער האָט זיך באַרעכענט, אַז ער וועט מיט דעם ערגער מאַכען. זיין ווייב איז ניט געוואוינט ער זאָל איר ענטפערען, וועט זי אַרויס פון די כלים און אים נעמען זידלען און שילטען. זי וועט זיך באַנוצען מיט אַזעלכע זידעל־ווערטער, אַז ער וועט פאַר בושה זיך דאַרפען נעמען דאָס לעבען. זיין ווייב, אַז זי ווערט אין כעס, קען מען זי ניט אָפּשטעלען. זי שיסט מיט די שרעקליכסטע קללות. געווינען ביי איר קען מען ניט. האָט ער זיך קאָנטראָלירט מיט אַלע כוחות און איר ניט געענטפערט.

ער האָט דערנאָך וועגען דעם געהאַט אַן אינטימען געשפּרעך מיט זיין סעקרעטאַר. מענדל האָט אים דערציילט, אַז ער איז ביי זיך אין אין הויז אַ פולשטענדיגער באַלעבאָס. זיין ווייב וואַגט אים אפילו ניט צו שיקען אין גראָסעריי. ער האָט איר אַזוי צוגעוואוינט. ער האָט בערלען געראָטען ער זאָל זיין ווייב מיטנעמען צו אַ באַנקעט. זי זאָל הערען ווי פיין ער רעדט, ווי די ברידער גיבען אים אָפּ כבוד, וועט זי זען, אַז איר מאַן איז ניט קיין אַבי־ווער און וועט קריגען פאַר אים דרך־ארץ.

בערל האָט מענדלען ערקלערט, אַז ער האָט תמיד געוואָלט, אַז זיין ווייב זאָל מיט אים גיין צו פאַרזאַמלונגען, צו באַנקעטען, אים הערען רעדען. אָבער זי וויל ניט.

מענדל אַליין האָט דאַן געהאַט אַ געשפּרעך מיט דער בערליכע. ער האָט איר געזאָגט: „איר ווייסט ניט וואָס פאַר אַ וויכטיגער מענש אייער מאַן איז. ווען איר גייט מיט אים צו אַ באַנקעט, הערט ווי מען אַפּלאָדירט אים, וואָלט איר געהאַט נחת". זי האָט אויף דעם געענטפערט קורץ און שאַרף: „איך וויל ניט גיין הערען ווי עס רעדט אַן אידיאָט!"

אַוועק אַ צייט און ענדליך איז מענדלען געלונגען צו ברענגען מרס.

פּימסענהאָלץ צו אַ באַנקעט לכבוד אים, מענדלען. מען האָט געפּייערט זיין זעכציג־יאָריגען יובילעאום. די בערליכע איז געקומען מיטן פּרעזידענט, געזעסען אויבען־אָן. מען האָט געגעסען אַ פּיינעם נאַכטמאָל, געטרונקען אַביסעל משקה. ענדליך האָבען זיך אָנגעפאַנגען די רעדעס. מען שטעלט פאָר דעם פּרעזידענט מיט אַ סך ליוב־געזאַנגען. מען מאַכט אים אַן אָוואַציע. אַלע שטעלען זיך אויף און אַפּלאָדירען אים. דאָס האָט מענדל אַזוי אָראַנזשירט צוליב בערל׳ס ווייב. ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זען, וואָס פאַר אַ כבוד איר מאַן קריגט. אפשר וועט זי קריגען פאַר אים דרך־ארץ.

בערל האָט זיך געפּילט זייער ערמוטיגט פון דער גרויסער אָוואַציע, און ער האָט אָנגעפאַנגען זיין רעדע אַזוי:

„טאָסטמייסטער, ברידער און שוועסטער, לײדיס ענד דזשענטלמען, און מיין ליבע, טײַערע ווייב לאה!״ —

ווען די בערליכע האָט דערהערט, אַז ער דערמאָנט איר נאָמען, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים און אויף אים דערלאַנגט אַ קוק, אַ שלעכטען קוק, און בערל האָט זיך פאַרלאָרען און אָנגעהויבען רעדען ווערטער, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין זינען.

מיין ווייב איז ניט אַזוי שלעכט ווי זי זעט אויס!״ האָט ער געזאָגט.

זי האָט אויף אים ווידער געגעבען אַ קוק, און ער האָט זיך נאָך מער פאַרלאָרען און אויסגערופען: „לאה, טייערע לאה, אין דער היים קענסטו מיר זאָגען, וואָס דו ווילסט. אָבער דאָ, בעט איך דיך, רוף מיך ניט אידיאָט!״

עס האָט אויסגעבראָכען אַ געלעכטער און בערל האָט אָפּגעשטעלט זיין רעדע.

— אַז איך רוף אים אידיאָט, איז דאָס ניט אומזיסט — האָט זיין ווייב געזאָגט.

ער מוז גיין אין שול אַריין

יעדען יום־כפור גייט נייטען קאַרפּאַטשיק אין שול און פילט זיך דאָרט ניט באַקוועם. ער הערט דעם חזן זינגען כל נדרי און ווי דער עולם זינגט נאָך, און אים אַרט עס ניט. ער איז דאָרט ווי אַ צוגעטשעפּעטער.

געוועזן אַמאָל אַ צייט ווען ער פלעגט אין שול זיך פילן גוט. דאָס איז געוועזן מיט יאָרען צוריק, ווען ער איז נאָך געוועזן אָרעם, און ער האָט צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע אָרעמע לייט געבעטען פרנסה. דעמאָלט האָט דאָס דאַווענען געהאַט אַ טעם. די תפילות פון חזן האָבען אים באַגייסטערט. איצט איז ער רייך, זעהר רייך. ער האָט ניט וואָס צו בעטען. וואָס ער פאַרלאַנגט, קריגט ער — פאַר געלט קריגט מען אַלעס.

אַט די אַלע קבצנים, וועלכע שאָקלען זיך און לויבען גאָט, לויבען אויך אים דערפאַר וואָס ער גיט אַ גרויסע נדבה פאַר דער שול.

„איר זיינט דאָך אַליין די שול", האָט אים דער פּרעזידענט פון דער שול געזאָגט. „ווען ניט איר, וואָלטען מיר ניט געקענט אויסהאַלטען די שול".

הייַנט, אַז ער איז די שול, צו וואָס־זשע דאַרף ער דאַווענען? — טראַכט ער. ווען ער וואָלט געקענט אויספירען, וואָלט ער אין שול ניט געגאַנגען. ער וואָלט זיי, די קבצנים, געגעבען נאָך אַ פאַר דאָלער פאַר דער שול, אַבי ער זאָל ניט דאַרפען זיצען אינעווייניג מיט זיי. זיי דערמאָנען אים בלויז אין זיינע אַמאָליגע שלעכטע צייטען. ער וויל דאָס ניט געדענקען. ער וויל אַנטלויפען דערפון. אַלע יום כפור, ווען ער זיצט אין שול און הערט ווי די אידען שלאָגען זיך על חטא, קען ער עס ניט פאַרטראָגען. איינער שרייט: „פאָטער דערבאַרעמדיגער!"; אַ צווייטער געוואָלדעוועט: „פאָטער הארציגער, האָב רחמנות!" דערמאָנט ער זיך אין דער צייט ווען ער פלעגט אויך אַזוי שרייען און וויינען. ער פלעגט זאָגען: „גאָטעניו, וואָס אַרט דיך, אַז איך, אַ איד, זאָל מאַכען אַ לעבען?" ער האָט דאַמאָלס ניט געהאַט צו צאָלען קיין דירה־געלד. ער וויל דאָס

ניט געדענקען. עס ווערט אים קאַלאַמוטנע. ער קריגט זיך אַליין פּיינט, פּונקט ווי ער האָט פּיינט אַלע קבצנים.

ער וואָלט זיך געלאָזען קאָסטען אַ גרויסע סומע ער זאָל ניט מוזען גיין אין שול אַריין. אָבער ער מוז. זיין ווייב באַפעלט. פאַר דער ווייב האָט ער מורא. זי האָט אַ הויכע שטימע. זי ווערט היסטעריש. ער האָט ניט קיין וואָפען צו קעמפען געגען איר.

היינטיגען פאַר יום־כפור, ווען בייטען איז נאָך רייכער געוואָרען, איז פאַר אים דאָס גיין אין שול אַריין אַ גרויס אָפּקומעניש. עס פּאַסט אים פּשוט ניט צו דאַווענען אין אַן אַלט־פרענקישער שול, צווישען לויטער קבצנים. אויב שוין גיין דאַווענען — זאָל כאָטש זיין אין אַ טעמפּעל. אָבער זיין ווייב זאָגט: ניין, איר געפעלט נאָר די אַלטע שול.

„איך האָב פּיינט אַ טעמפּעל מיט אַ קאַנטאָר. איך האָב ליב אַ פּשוט׳ן חזן מיט אַ באָרד״, זאָגט זי.

„נו, גוט״, זאָגט צו איר בייטען, „דו גיי דיר דאַווענען אין שול און איך וועל נעמען די מאַשין און צופאָרען אין אַ טעמפּעל, אָדער צום ים״.

„דאָס וועסטו ביי מיר ניט אויספירען!״ זאָגט זי.

„אָבער פאַרוואָס זאָל איך גיין אין שול אַריין?״ אַרגומענטירט ער, „וואָס זאָל איך דאָרט בעטען צוזאַמען מיט די קבצנים?״

„דו זאָלסט זיך שלאָגען על־חטא פאַר דיינע זינד״, זאָגט זי.

„וואָס פאַר אַ זינד?״ פרעגט ער „אַז איך האָב ניט קיין זינד. אַ רייכער מענש האָט ניט קיין זינד. אַז פאַר אַלעס וואָס איך טו, באַצאָל איך און קריג אַ מצוה״.

„טאָ פרעג דיין לאַנדסמאַן לואי״, ערקלערט זי אים, „וועט ער דיר באַווייזען אַז דו האָסט אַ סך זינד. ער זאָגט, אַז ווען ער האָט ביי דיר גע־אַרבייט, האָסטו אים שרעקליך אויסגענוצט און אַז ער אַרבייט איצט ביי אַ פרעמדען, ניט קיין לאַנדסמאַן, קריגט ער פיל מער. דו האָסט אים באַראַבעוועט, זאָגט ער״.

„נאַרישקייטען״, ענטפערט איר בייטען. „ער איז איצט דערזעלבער קבצן ווי געווען. ער פאַרדינט מער, גיט ער אויס מער. וואָס וואָלט ער געהאַט ווען איך צאָל אים מער, אַז ער גיט עס אַוועק? איך האָב פּיינט צו געבען צו אַן אויסברענגער״.

„און וואָס איז מיט די מענשען, ביי וועמען דו האָסט צוגענומען די הייזער, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט צו צאָלען די מאָרטגעדזשעס?״ פרעגט זי. „איז דאָס ניט קיין זינד?״

ווען איך וואָלט ביי זיי ניט צוגענומען די הייזער היינטיגס יאָר, וואָלט איך זיי געדאַרפט בעמען קומענדען יאָר און זיי וואָלטען געזונקען נאָך טיפער און חובות" ערקלערט איר נייטען. „ווען מען נעמט צו ביי אַ אידען אַ הויז טוט מען אים אַ טובה, האָט מען אַ מצוה, מען באַפרייט אים פון אַ האַרב אויף די פּלייצעס. אַוועקצונעמען ביי איינעם אַ הויז איז אַ גרויסע מצוה".

„און וואָס איז מיט דער ווייבעל וואָס דו פלעגסט מיטנעמען אויף דיין מאַשין? איר מאַן האָט דערפון געליטען, זי איז אָפּגענאַרט געוואָרען און מיך האָט פאַרדראָסען. איז דאָס ניט קיין זינד?"

„ניין, באַוויינזט איר ווייטער נייטען. „דאָט וואָס איך האָב זי אַרומגעפירט אויף אַ מאַשין, איז געווען פאַר דער ווייבעל אַ גרויס פאַרגעניגען. עס איז געווען אַ מצוה. ווען קען זי ביי איר מאַן, דעם שלעפער, פאָרען אין אַ מאַשין? פאַר דעם מאַן איז דאָס אויך געווען אַ טובה. ער האָט געגלויבט אין איר. נאָך דעם ווי ער איז געוואָר געוואָרען, אַז זי פאָרט אַרום מיט מיר, האָבען זיך געעפענט זיינע אויגען און ער האָט איינגעזען, אַז מען טאָר אַ פרוי צופיל ניט גלויבען. איך האָב דורך דעם אויך פאַרדינט אַ מצוה".

„און דאָס וואָס מיך האָט פאַרדראָסען; וואָס איך בין צעפּיקעט געוואָרען זעענדיג ווי דו שלעפּסט זיך אַרום מיט אַ פרעמד ווייבעל — איז דאָס ניט געווען קיין זינד?" פרעגט זי.

„ניין", זאָגט ער. „אַ פרוי ווי דו, וואָס ס'גייט איר אַזוי גוט, אַז זי דאַרף ניט אַרבייטען, זי דאַרף זיך ניט זאָרגען, ווען זי וואָלט ניט געקראָגען אַביסעל פאַרדרוס, וואָלט זי אַרונטער פון זינען. עס איז דערפאַר געווען גוט פאַר דיר וואָס איך האָב דיר פאַרשאַפט אַ ביסעל ערגערניש. איך האָב דורך דעם פאַרדינט אַ מצוה".

„אויב אַזוי", זאָגט זי, „קומט אויס, אַז ווען דו פאָרסט אַרום מיט יענעמס ווייבעל אין דיין מאַשין פאַרדינסטו אַ מצוה".

„געוויס", זאָגט ער, „איך בין פול מיט מצוות און איך דאַרף ניט גיין אין שול אַריין".

„דיינע טענות וועלען דיר ניט העלפען", ערקלערט אים זיין ווייב, „דו וועסט מוזען גיין מיט מיר אין שול אַריין".

„איך וועל גיין", זאָגט ער איר, „אַ ברירה האָב איך? אָבער איך פאַרזיכער דיר, אַז דורך דעם וואָס דו צווינגסט מיך צו גיין דאַוונען האָסטו אַ גרויסע עבירה".

אַ העלד

מיין לאַנדסמאַן מעשיל איז אַ קליינינקער, אַ דאַרער, אַ שוואַכינ־קער, אַ שטילער. זיין ווייב שרה איז אַ הויכע, אַ דיקע, אַ שטאַרקע און אַ שרייערקע. אַז זי גיט אויף אים אַ געשריי, ציטערט ער ווי אַ פיש אין וואַסער.

ער האָט ליב צו לייענען געשיכטעס וועגן העלדען, וועגן מענשען, וואָס קעמפען, וועלכע האָבען פאַר קיינעם קיין מורא נישט. ספּעציעל וועגן מענער, וועלכע לאָזען זיך נישט באַהערשען פון זייערע ווייבער.

ער האָט אַמאָל געזען אין טעאַטער אַ סצענע ווי איינער אַ קליינינ־קער, אַ דאַרינקער, האָט זיך נישט געשראָקען פאַר זיין הויכער דיקער ווייב און ער האָט אַ טופּע געטאָן מיט זיין קליינעם פּיסעל און אויס־געשריען: „שאַ, שטיל!״ האָט זי אָנגעהויבען ציטערען און איז אים אַלץ נאָכגעגעבען. איז דאָס מעשלען שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער האָט שטורמיש אַפּלאָדירט.

יענע סצענע קען ער קיינמאָל נישט פאַרגעסען, אַי, ווען ער קען ווערען ווי יענער העלד! ווען ער קען זיך אָננעמען מיט מוט און אויסרופען צו זיין ווייב: „שאַ, שטיל!״

ער האָט גע׳חלומ׳ט, אַז אַמאָל וועט ער עס טאָן; אָבער דערווייל זיינען אַוועק יאָרען און ער האָט עס נישט געקענט דורכפירען.

זי האָט גערעדט און ער האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

זי האָט געזידעלט און ער האָט נישט געענטפערט.

זי האָט געיאָדעט און ער האָט געשוויגען.

אַזוי זיינען אַוועק פילע יאָרען, ביז זיינע אַ טאָכטער איז אויפ־געוואַקסען און עס האָבען אויף אים געשריען אי זיין ווייב, אי זיין טאָכטער.

ווען ער האָט עפּעס פאַרלאַנגט, האָבען צוויי ווייבערשע שטימען געענטפערט מיט איינמאָל: „ניין!״

ער האָט שוין אויפגעהערט חלומ׳ען וועגן ווערען אַ העלד. ווי קען ער, איינער אַליין, קעמפען געגען צוויי!

ווען זיין טאַכטער האָט אים פאַרגעשטעלט איר צוקונפטיגען מאַן, דוד׳ל, אויך אַ קליינינקער און אַ דאַרער, האָט ער אויף אים געקוקט מיט גרויס סימפּאַטיע, און וועגען אים געטראַכט: „דוד׳ל, דוד׳ל דו מעגסט זיך שוין געזעגענען מיט דיין פרייהייט!” ער האָט גוט געקענט זיין טאַכטער און געוואוסט, אַז זי וועט האָבען די דעה און דער מאַן וועט ביי איר ניט קריגען דאָס וואָרט.

נאָך דער חתונה האָט זיין ווייב בישט אַנדערש געוואָלט. ווי וואוינען צוזאַמען מיט דער טאַכטער. זיי זיינען נאָך יונג, האָט זי געזאָגט, און מען דאַרף אויף זיי אַכטונג געבען.

ער האָט געוואָלט זיין אײדעם ראַטעווען פון זיין אונטער דער הערשאַפט פון צוויי ווייבער. „מענער האָבען ניט ליב צו וואוינען מיט אַ שוויגער”, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פּאָר ווערטער. זי האָט אים דערפאַר גוט אַנגעזידעלט. ער האָט ווידער געשוויגען, און זיין ווייב האָט אויסגעפירט.

דוד׳ל האָט זיך דאַן געפונען אין דערזעלבער לאַגע ווי זיין שווער מעשיל. צוויי ווייבער פלעגען אויך אים צוזאַמען ענטפערען: „ניין!”

ווען מאַמע, טאַכטער, שווער און אײדעם זיינען געזעסען ביים טיש, האָבען די צוויי ווייבער גערעדט און די צוויי מענער האָבען געשוויגען און געקוקט מיט סימפּאַטיע איינער אויפ׳ן צווייטען.

איינמאָל זיינען די צוויי ווייבער געגאַנגען אין די מואוויס, און די צוויי מענער, מעשיל און דוד׳ל, זיינען געבליבען אין הויז און זיך געפילט גוט. ס׳איז געווען שטיל. קיינער האָט ניט געשריען. מעשיל האָט געלייענט אַ ראָמאַן; דוד׳ל האָט געלייענט אַ צייטונג, אוןביידע האָבען געטראַכט: ווי גוט ס׳איז ווען ווייבער גייען אַוועק אין די מואוויס!

פּלוצלינג האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. מען האָט גערופען דוד׳לען. אַ פריינד זיינער דערציילט אים, אַז ער איז ביי זיינעם אַ פריינד און מען דאַרף אַ „דריטע האַנט” צו פּינאַקל. מען בעט אים אַריבערצוקומען.

דוד׳ל הייסט וואַרטען ביים וואַיער און ער באַראַט זיך וועגען דעם מיט׳ן שווער.

— דענקט איר ניט, אַז מיין ווייב וועט זיין שטאַרק ברוגז, ווען איך וועל גיין שפּילען פּינאַקל? — פרעגט ער אים.

— זי וועט זיכער זיין ברוגז — זאָגט מעשיל — זי וועט זיכער מאַכען געוואַלדען.

— ראָט איר מיך ניט צו גיין? — פרעגט דוד׳ל.

— איך האָב ניט קיין מיינונג וועגען דעם — ענטפערט מעשיל. — איך האָב זיך אָפּגעוועהנט פון זאָגען אַ מיינונג.

— פאַרט? — פרעגט דוד׳ל — איך חלש צו שפּילען אַ פּינאַקל. זינט איך בין פאַרהייראַט, שוין איבער דריי מאָנאַטען, האָב איך ניט געזען קיין קאָרט.

— איך פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט — זאָגט מעשיל — אויב דו קענסט זיין אַ העלד, שטעל איין. די פראַגע איז, צו דו קענסט.

— איך קום באַלד — האָט דוד׳ל געענטפערט דורכ׳ן טעלעפאָן.

מעשיל האָט אויף אים געקוקט מיט באַוואונדערונג, און דוד׳ל האָט פאַר׳ן אוועקגייען אים געבעטען, אַז אויב עס וועט זיין צרות, זאָל ער נעמען זיין צד.

— אויף מיר קענסטו זיך ניט פאַרלאָזען — זאָגט מעשיל. — איך האָב שטאַרק מורא. סימפּאַטיע און עצות וועסטו פון מיר קריגען, אָבער די ווייבער טאָרען דערפון ניט וויסען. — און ער האָט אים איבערגעגעבען די סצענע, וואָס ער האָט אַמאָל געזען און אַ פּיעסע: „שאַ, שטיל!" — אַט אַזוי זאָלסטו אויך האַנדלען. אַ טופּע מיט׳ן פיסעל און אויסשרייען: „שאַ, שטיל!"

— גוד־באַי! — האָט דער אײדעם געזאָגט.

— דו זאָלסט באַגליקט ווערען ביי די קאָרטען און אַהיים קומען אַ העלד — האָט מעשיל אים געוואונשען.

וועןביידע ווייבער זיינען צוריקגעקומען, האָבען זיי באַלד גע־פרעגט:

— וואו איז דוד׳ל?

— ער איז אַוועק שפּילען פּינאַקל.

— וואָס! — האָבען ביידע ווייבער אויסגעשריען און זיך ניט געגלויבט.

— ער איז געגאַנגען שפּילען פּינאַקל — האָט מעשיל ווידערהאָלט.

— און דו האָסט אים געלאָזט? — האָט זיין ווייב אויסגעשריען.

— איך האָב אים געוואָרענט — האָט מעשיל זיך פאַרטיידיגט. — ער איז ניט דערזעלבער דוד׳ל. ער האָט מיר שאַרף געענטפערט: „איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט".

— מיר וועלען אים געבען! — האָבען ביידע ווייבער אויסגערופען.

— איך האָב אים געזאָגט, אַז עס וועט זיך טאָן חושך — האָט מעשיל ווידער ערקלערט. — אָבער ער האָט מיר געענטפערט מיט כעס, אַז ער וועט זיך ניט לאָזען באַפעלען פון צוויי ווייבער. ווען מען אים עפעס

זאָגען, ווען ער מאַכען אַ זיברח און ווען פריי ווערען פון צווי ווייבער מיטאַמאָל!

די שוויגער האָט זיך דערשראָקען און געזאָגט, אַז מ׳דאַרף מיט אים רעדען מיט גוטען. אָבער די טאָכטער האָט אויסגערופען:

— איך וועל אים זאָגען, אַז אויב עס געפעלט אים ניט, זאָל ער גיין!

— ניין, — האָט שרה געזאָגט — מען טאָר אַזעלכע ווערטער ניט רעדען צו אַ מאַן! ער קען אַמאָל פאָלגען!

מוטער און טאָכטער האָבען זיך צוקריגט וועגען דער פראַגע ווי מען זאָל האַנדלען מיט אים.

דערווייל איז געוואָרען צוועלף אַזייגער, איינס אַזייגער, צווי אַזייגער, און דוד׳ל איז ניטאָ.

די צווי ווייבער האָבען זיך גענומען זאָרגען. די מעשליכע האָט מורא געהאַט טאָמער איז ער אַוועק און ער וועט מער ניט צוריקקומען; די טאָכטער האָט זיך געזאָרגט טאָמער האָט געטראָפען מיט אים אַן עקסידענט.ביידע ווייבער האָבען שוין באַשטימט אים ניט צו מאַכען קיינע פאָרווירפע, אַבי ער זאָל קומען.

דער איינציגער וואָס האָט זיך ניט געזאָרגט אין געוועזן מעשיל. ער האָט געוואוסט, אַז פון פינאָקל קומט מען ניט אַהיים פרי.

אַרום דריי אַזייגער, מ׳קלאַפּט אין טיר — דוד׳ל האָט פאַרגעסען מיטצונעמען מיט זיך אַ שליסעל. מעשיל האָט געעפענט די טיר און אים געזאָגט שטילערהייט:

— האַלט דיך פעסט, זיי אַ העלד, טופע מיט׳ן פיסעל!

ווען דוד׳ל איז אַריינגעקומען האָבען ביידע ווייבער זיך ניט געקענט קאָנטראָלירען און אויסגערופען:

— זייער שיין! געשפּילט אין קאָרטען ביז דריי אַזייגער!

דוד׳ל האָט אַ טופּע געטאָן מיט׳ן פוס:

— שאַ! ס׳זאָל זיין שטיל! איך בין מיד. איך וויל שלאָפען! שטיל!

די צווי ווייבער האָבען זיך דערשראָקען. צו הערען דוד׳לען שרייען זיינען זיי ניט געווען געוואוינט, און ביידע זיינען מיטאַמאָל שטיל געוואָרען.

— בראַוואָ! — האָט מעשיל שטיל אויסגערופען — בראַוואָ! ער זיגט דער העלד, ער זיגט!

תירוצים

בעני און עני זיינען געווען פֿאַרליבט איינע אין די אַנדערע אַ לאַנגע צייט. זיי זיינען געזעסען אין די פּאַרקס האַלבע נעכט און פֿאַרבראַכט ביז פֿאַרטאָג ביי די טרעפּ פֿון איר הויז. אָבער צו קיין חתונה איז דאָס ניט געקומען. זיי זיינען זיך איבער אַ קלייניגקייט פֿאַנאַנדערגעגאַנגען און זיך ניט געזען אַ צייט פֿון יאָרען.

איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט טרעפֿען זיי זיך פּלוצלונג אויף 5טע עוועניו. ער איז געגאַנגען פֿון דער אַרבייט. זי איז געגאַנגען פֿון די דעפּאַרטמענט־סטאָרס, וואו זי האָט געזוכט מציאות.

— העלאָו ענעלע!

— העלאָו בעני.

— דו זעסט דאָך אויס נאָך שענער ווי געווען — האָט ער געזאָגט.

— און דו האָסט דאָך זיך גאָרניט געענדערט — האָט זי געזאָגט — בלויז אַביסעל עלטער געוואָרען.

— וואָס מאַכסטו?

— וואָס טוסטו?

— איך בין פֿאַרהייראַט — זאָגט ער — און דו?

— איך בין אויך פֿאַרהייראַט — ענטפֿערט זי.

— אויב אַזוי — זאָגט ער — לאָמיר אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן און רעדען אַביסעל.

— עס איז אפילו שוין שפּעט. מיין מאַן וועט וואַרטען אויף מיר פֿאַר נאַכטמאָל — האָט זי געזאָגט — אָבער איך וועל גיין מיט דיר פֿאַר אַ קורצע צייט. איך וועל מיין מאַן זאָגען דעם אמת. איך האָב געטראָפֿען מיין אַמאָליגען פֿריינד. די בעסטע זאָך איז דער אמת.

זיי זיינען אַריין אין אַ רעסטאָראַן, און עסענדיג האָט עני אים געשטעלט פֿראַגען און ער האָט געענטפֿערט.

זי: — איז וואָס פאַר אַ פרוי האָסטו? אַ שיינע?

ער: — זעהר אַ שיינע.

זי: — איז זי אַ גוטע?

ער: — זעהר אַ גוטע.

זי: — דער עיקר איז צי איז זי גוט צו דיר. איז זי דיר געטריי?

ער: — זעהר געטריי.

זי — דאָס פרייט מיך זעהר. איך האָב תמיד פאַר דיר גאָט געבעטען, אַז דו זאָלסט ניט אַריינפאַלען אין שלעכטע הענט.

זיי האָבען אַ ווײַלע געשוויגען, זיך געקוקט אין די אויגען אַריין, און ער האָט איר אָנגעהויבען שטעלען פראַגען.

ער: — ווי איז דײַן מאַן? אַ גוטער? ער באַהאַנדעלט דיך גוט?

זי: — וואָס הייסט צי ער באַהאַנדעלט מיך גוט? איך גיב אים אויף קאַר־פעיר אָדער אויף סיגאַרעטס. מער ווי 50 סענט אַ טאָג קריגט ער ביי מיר ניט. איך בין אים זעהר געטריי. איך וויל ער זאָל שפּאָרען.

ער: — איז ער דיר געטריי?

זי: — געוויס. ער טוט קיין זאַך אָן מיר. ער מוז צו אַלעס האָבען מיין עצה. ווען איך זאָג ביין, איז ביין. ער גייט אין ערגעץ ניט אָן מיר. ער קען אָן מיר ניט זיין אַ מינוט.

אַזוי האָבען זיי גערעדט אַ לאַנגע צייט ביז בעני האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ס'איז שפּעט.

— ענעלע — האָט ער געזאָגט — עס טוט מיר זעהר באַנג זיך צו שיידען פון דיר. אָבער ס'איז שוין שפּעט. מיין ווייב וועט וואַרטען, זיך ערגערען.

— ס'מאַכט ניט אויס. מיר האָבען זיך אַזאַ לאַנגע צייט ניט געזען. מיט דיין ווייב האָסטו חתונה געהאַט. זי האָט דיך פאַר אימער, מעג זי אַמאָל וואַרטען אַביסעל. מיין מאַן וועט אויך וואַרטען היינט.

— גערעכט ביזטו, — זאָגט ער — אָבער ווען איך וואָלט געהאַט אַ תירוץ פאַר איר. איך קען דאָך איר ניט זאָגען, אַז איך האָב זיך געטראָפען מיט מיין געליבטע. ווען איך האָב עפּעס אַ גוטען תירוץ, וואָלט איך זי גערופען דורכ'ן טעלעפאָן, איר געזאָגט דעם תירוץ און געזעסען מיט דיר.

— זאָג איר — זאָגט זי — אַז דיין ברודער אָדער שוועסטער איז קראַנק, זי אָדער ער האָבען דיך גערופען פון שאָפּ און דו האָסט געמוזט גיין. זי וועט זיכער אָנערקענען, אַז דאָס איז אַ גערעכטע אורזאַך.

— דעם תירוץ האָב איך שוין גענוצט — זאָגט ער — אי וועגען מיין ברודער, אי וועגען מיין שוועסטער.

— טאַ נעם־זשע עפּעס אַן אַנדערען קרוב — זאָגט זי אים.

— איך האָב שוין גענוצט אַלע קרובים. זיי זייַנען שוין ביי מיר אַלע קראַנק געווען. איינער פון זיי איז שוין אפילו ביי מיר געשטאָרבען צוליב אַ תירוץ.

— אויב אַזוי — זאָגט זי אים נאָכקלערענדיג — האָב איך אַן אַנדערען תירוץ. זאָג איר, אַז אַהיים גייענדיג צוזאַמען מיט דיין באָס פון דער אַרבייט איז מען אים איבערגעפאָרען, האָסטו אים אָפּגעפירט אין האָספּיטאָל. איצט פילט ער שוין בעסער. אָבער דו מוזט אים אָפּפירען אַהיים. דו קענסט אים ניט איבערלאָזען. דו ווייסט ניט ווען דו וועסט קענען אַהיים קומען. טאָמער קומסטו שפּעט, זאָל זי זיך ניט זאָרגען.

דער תירוץ איז בעני׳ן געפעלען געוואָרען. ער האָט זיך אויפגעהויבען, זיך אַנטשולדיגט פאַר איר און איז גלייך אַוועק טעלעפאָנירען זיין ווייב.

ער איז געקומען צוריק אַ גליקליכער.

— דיין תירוץ — האָט ער איר געזאָגט — האָט געהאַט גרויס ערפאָלג. מיין ווייב האָט געזאָגט איך זאָל זיך ניט איילען. איצט קען איך שוין מיט דיר פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער זאָג מיר ווי אַזוי איז דיר איינגעפאַלען אַזאַ תירוץ? דו האָסט דאָך עפּעס אַ מיניסטער־קאָפּ.

— דער תירוץ — האָט זי אים ערקלערט — איז ניט פון מיין קאָפּ, נאָר פון מיין מאַנ׳ס קאָפּ. ער האָט אים אַמאָל מיר געזאָגט דורכ׳ן טעלעפאָן ווען ער האָט געוואָלט אַהיים קומען שפּעט.

— און דו האָסט דעם תירוץ געגלויבט? — האָט ער געפרעגט.

— ניין — האָט זי געענטפערט — אָבער איך האָב געטראַכט, נאָר מיך אָפּ. ס׳איז בעסער ווען אַ מאַן לאָזט פריער וויסען, אַז ער קומט שפּעט מיט אַ ליגען, איידער ער לאָזט גאָרניט וויסען.

— און וואָס פאַר אַ תירוץ וועסטו זאָגען דיין מאַן פאַר קומען אַהיים שפּעט? — האָט ער געפרעגט.

— איך גיי אים שוין רופען — האָט זי געזאָגט. — וואָס פאַר אַ תירוץ איך וועל אים זאָגען ווייס איך נאָך ניט. איך וועל הערען ווי אַזוי ער רעדט. איך וועל זיך מיט אים אַביסעל רייצען. כ׳וועל זאָגען, אַז איך זיץ מיט אַ יונגען מאַן, וועט ער דאָך מיר זיכער ניט גלויבען. איך וועל זעהן ווי אַזוי ער וועט האַנדלען. אַמאָל איז בעסער צו זאָגען דעם אמת, ער גלויבט סיי ווי ניט.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק אָפּרופען איר מאַן.

זי איז צוריקגעקומען אַ ניט־צופרידענע.

— וואָס איז געשען? — האָט ער זי געפרעגט — ער האָט ניט געגלויבט דיין תירוץ?

— איך האָב גאָרניט געדאַרפט קיין תירוץ. ער איז נאָך ניטאָ אין דער היים — האָט זי געזאָגט.

— איז דאָך גוט — האָט ער געזאָגט.

— יאָ. אָבער איצט מוז איך אַהיים גיין. איך וויל ער זאָל דאַרפען מיר געבען אַ תירוץ פאַרוואָס ער איז געקומען שפעט — האָט זי געזאָגט — איך בין נייגעריק צו הערען זיין נייעם תירוץ.

ווען זיי האָבען זיך געזעגענט אָוועקצוגיין, האָט זי אים געזאָגט: — הער אויס, דאַרלינג, לאָמיר זיך אָפּט טרעפען. קיין תירוץ פאַר דיין ווייב וועט דיר ניט פעלען. איך וועל דיר געבען מיין מאַנ׳ס תירוצים.

דער דיקטאַטאָר משה

פאַראַן מענשען, וועלכע האָבען מורא פאַר זייערע ווייבער. ניט איך! איך בין ביי מיר אין דער היים דער פולשטענדיגער באַלעבאָס. וואָס איך זאָג, וואָס איך באַפעל, מוז געטאָן ווערען! איך בין אַ פול־שטענדיגער דיקטאַטאָר! איך רוף זיך: דער דיקטאַטאָר משה (איך הייס משה).

איך ברייננ אַהיים אַלע וואָך מיינע ווידזשעס, און זאָג צו מיין ווייב: באַשיע, האַלט מיין געלד! אַזוי וויל איך! און איך פיר אויס. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געוואגט צו זאָגען, אַז זי וויל ניט האַלטען מיין געלד. אַיי איז זי אַ טייערע פרוי! זי נעמט מיינע ווידזשעס מיט ליבע!

איך האַלט זעהר פון דער קאַונטרי. איך האָב ליב בוימער, וועלדער, פעלדער, טייכען. אבער אַזוי ווי איך בין אַ פאַרנומענער מענש, איך האָב ניט קיין צייט, שיק איך מיין ווייב אין קאַונטרי, און זי אַמוזירט זיך דאָרט פאַר מיר. ווען זי קומט צוריק דערציילט זי מיר, אַז ווען זי האָט זיך געבאָדען, האָט זי געטראַכט פון מיר; ווען זי איז געגאַנגען אין וואַלד, האָט זי געדענקט וועגן מיר; ווען זי האָט געהאַט אַ „גוד־טיים", האָט זיך מיך געהאַט אין זינען. איז דערפאַר, יעדען זומער, זאָג איך איר: באַשיע, פאָר אין קאַונטרי! פאָר! און איך פיר אויס. זי פאָרט.

איין זומער האָב איך באַשלאָסען אַליין צו פאָרען אין קאָונטרי, איז מיין ווייב געווען דאַגעגען, און געזאָגט: „צו וואָס טויג דיר קאַונטרי?" האָב איך געענטפערט: „איך האָב ליב לופט". האָט זי געזאָגט: „וואָס טויג דיר לופט? די בראָנקס האָט שלעכטע לופט?" האָב איך געזאָגט: „איך וויל זיך דאָרט אַמוזירען". האָט זי געזאָגט: „מיט וועמען וועסטו זיך דאָרט אַמוזירען? מיט נאַרישע, ווילדע ווייבער?" האָב איך געזאָגט, אַז מיר געפעלען ווייבער ווען זיי זיינען נאַריש, און איך וויל פאָרען. האָט זי אָנגעהויבען ווייגען מיט ביטערע טרערען: „דו ווילסט מיך מאַכען

דזשעלאָס? דו ווילסט פּירען ליבעס אין קאַונטרי?" בין איך דאָך אַ דיקטאַטאָר, וואָס קאָן ניט זען קיין טרערען, האָב איך געזאָגט: משה, דו פאָרסט ניט! און בין ניט געפאָרען.

איך האָב פיינט דזשולערי. מיין ווייב האָט ליב דזשולערי. אַלע מאָל קומט זי אַהיים מיט אַ נייעם בראַסלעט, און אוירינגלאַך. פיל איך אָפּט ווי אַוועקצוכאַפּען אַ בראַסלעט מיט אַן אוירינגעל, און אַרויסוואַרפען דורכ'ן פענסטער. אָבער איך בין דאָך אַן איבערגעלעגטער מענש. אידער איך טו אַ זאַך, טראַכט איך נאָך. טראַכט איך אַזוי: און אַז איך וועל שוין האָבען אַרויסגעוואָרפען דעם בראַסלעט, וועט זי גיין און קויפען אַן אַנדערען. געלד האָט זי דאָך. איז וואָס איז די אַיילעניש? איך וועל קיינמאָל ניט פאַרזאַמען אַרויסצוואַרפען איר דזשולערי. איך בין דאָך באַלעבאָס. זאָל זי קויפען, און איך וועל דאָס אַרויסוואַרפען מיט אַ מאָל. אָבער ביז איך וועל דאָס טאָן דאַרף איך דאָך ניט צושטערען קיין שלום בית. גיי איך צו צו איר, און זאָג אַזוי: „באַשי, באַשעלע, די נייע דזשולערי פּאַסט דיר אויסגעצייכענט! טראָג עס געזונטערהייט!"

קומט אַמאָל צו מיר מיינער אַ פריינד, וואָס האָט מיר שוין געטאָן אַ סך טובות, און בעט מיך איך זאָל אים לייען אַ צוויי הונדערט דאָלאַר. באַשליס איך אים גלייך צו לייען. אָבער איך מוז דאָך וועגען דעם זאָגען מיין ווייב. ערשטענס, איז זי אַ ווייב; צווייטענס, האַלט זי דאָך מיין געלד. זאָג איך איר: „באַשיעלע, מיין בעסטער פריינד וויל פון מיר אַ הלואה. ער פלעגט מיר אָפט לייען. קיין בעסערן פריינד האָב איך ניט. ער וויל צוויי הונדערט דאָלאַר, דאַרף מען גיין אין די בענק, אַרויסנעמען דאָס געלד, און אים גיבען מיט כבוד".

מיין ווייב האָט אַ ווײַלע געשוויגען, אַביסעל נאָכגעטראַכט. איך האָב געמיינט, אַז אַט גייט זי מיר נאָכגעבען מיין באַפעל. אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. זי האָט געשוויגען און אין דערזעלבער צייט מיך אָפּ־געמאָסטען מיט אירע קלוגע אויגען, און וואַרשיינליך געקלערט, צי מיר אָפּזאָגען מיט גוטען, צי מיט שלעכטען. זי האָט לויט איר האַנדלונג באַשלאָסען צו געברויכעןביידע מיטלען. זי האָט געזאָגט אַזוי: „לעמישקע, בהמה, פערד און אידיאָט!" זי האָט זיך אָפּגערוט אַביסעל, און געזאָגט זעהר ווייך: „משה'לע, די האָרעוועסט אַזוי שווער אויף דיין געלד. ווילסטו נעמען, און אַוועקלייען דיין פריינד. וואָס טוסטו, אַז ער גיט דיר ניט אָפּ? האָב שכל, משה'לע!"

זי האָט זיך ווידער אָפּגערוט, און געזאָגט אַזוי: „אידיאָט, גאָר

ניט, שלומיאל! איך הער דיך ווי דעם קאָטער! דאָס געלד איז אויף מיין נאָמען אין די בענק, און איך וועל דיר געבען אַ מכה, ניט קיין געלד!״

האָב איך געטראַכט אַזוי: ווען איך וויל, גיב איך אַ געשריי: „איך בין באַלעבאָס! ס׳איז מיין געלד! איך וויל לייען מיין פריינד, און מיין באַפעל מוז אויסגעפירט ווערען!״ און דאָס זאָגענדיג, צעברעך איך אַ גלאָז. וואָלט דאָך מיין ווייב ניט געשוויגען. זי האָט אַ שטאַרקען טעמפּער. זי וואָלט מיר געוואָרפען אַ טעלער אין קאָפּ אַריין. וואָלט איך דאָך געוואָלט ווייזען אַז ביי מיר קען קיין ווייב ניט אויספירען, וואָלט איך איר געוואָרפען אַ בענקעל אין קאָפּ אַריין, און עס וואָלט אויסגעבראָכען אַ מלחמה, מיט מיין מעבעל אַלס קרבנות. האָב איך געזאָגט צו זיך אַזוי: „דיקטאַטאָר משה, זיי ניט ווי דער דיקטאַטאָר מוסאָליני, אָדער היטלער, וואָס האָבען מיט זייער עקשנות געפירט צו אַ וועלט־מלחמה. ניין, דיקטאַטאָר משה, דערלאָז ניט צו קיין קריג. מאַך שלום! און איך האָב אויסגעפירט. איך בין צוגעגאַנגען צו מיין ווייב, און געזאָגט: „באַשיע, באַשיעלע, גיב אַהער דאָס פּיסקעלע, לאָמיר זיך צעקושען. זאָל זיין שלום! שלום!״

ניט פֿאַרהייראַט



אַ 70 יעריגער חתן

איך בין אַ איד פון אַ יאָר זיבעציק און קיין עין־הרע גאַנץ געזונט און מיט אַ גוטען אַפּעטיט. אָבער מיינע פיס זיינען לעצטענס עלטער געוואָרען און ווילען מער ניט גיין אַזוי שנעל ווי איך בין געוואוינט. (איך בין אַ מענש, וואָס כ'האָב ליב צו גיין שנעל.)

מיין ווייב איז מיר תמיד געווען געטריי. זי האָט ניט געטאָן קיין זאַך אָן ביי מיר צו פרעגען. אָבער מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק האָט זי אָן פראַגעס, אָן אפילו מיר צו זאָגען אַ וואָרט, גענומען און אָוועקגע־שטאָרבען. גאַנץ פרי, איך שטיי אויף, מיין גיטעל שלאָפט. איך וועק זי: „שטיי־אויף, גיטעל, מאַך פרישטיק!" זי ענטפערט ניט. איך ווער אין כעס: „גיטעל! גיטעל! גיטעל!" אָבער זי איז געבליבען פאַר'עקשנ'ט און ניט געענטפערט. האָב איך גערופען אַ דאָקטאָר און ער האָט געזאָגט, אַז זי איז ניט שולדיג וואָס זי ענטפערט ניט. זי איז טויט.

מילא, וואָס האָב איך געקענט טאָן? קריגען זיך מיט אַ טויטער פרוי קען מען ניט. האָב איך זיך געזעצט שבעה. איך האָב אָפּגעוואָרט שלשים, דרייסיג טעג, און זיך באַרעכענט, אַז ס'איז ניט גוט פאַר אַ מאַן צו זיין אַליין. זי, דאָרט, האָט זיך געטראָפען מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, פריינד; איך דאָ בין עלענד. האָב איך באַשלאָסען חתונה צו האָבען.

געזאָגט, געטראַכט און געטאָן. אַזוי ווי איך וואוין אין קוני־איי־לאַנד, האָב איך זיך אַרויסגעלאָזען אויפ'ן באָרדוואָק זוכען אַן אַלמנה. גרושות האָב איך פיינט. ווען אַ פרוי האָט שוין אָפּגעג'גט איין מאַן, וועט זי זיכער מאַכען צרות אַ צווייטען מאַן. אַן אַלמנה איז דאָך ניט שולדיג וואָס איר מאַן איז געשטאָרבען, פּונקט ווי איך בין ניט

שולדיג וואָס מיינע איז געשטאָרבען. צווי אומשולדיגע מענטשען — זיינען מיר אַ זיווג.

גיי איך מיר אַזוי פּאַוואָליע אויפ׳ן באָרדוואָק (שנעל קען איך ניט גיין). זע איך עס זיצט אויף אַ באַנק אַ ווייבעל, איינע אַליין, און קוקט אויפ׳ן ים. טראַכט איך מיר: וואָס קוקט זי אויפ׳ן ים? זי קען דאָך שוין דעם ים. מסתמא איז איר אומעטיג. זי איז עלענד, אָן אַ מאַן. זעץ איך זיך אַוועק כמעט לעבען איר און מיר פאַרפירען באַלד אַ שמועס. זי פרעגט מיך ווי שפּעט ס׳איז. נעם איך אַרויס מיין זייגערל, צייג איר און רוק זיך צו אַביסעל נאָענטער צו איר. איך פאַררויכער זיך אַ סיגאַרעטעל און הוסט אַביסעל. זאָגט זי: אַ מענש וואָס הוסט, דאַרף ניט סמוקען. זאָג איך איר, אַז איך רויכער כדי צו הוסטען, וואָרים הער איך אויף רויכערן, הער איך אויף הוסטען. הכלל, מיר רעדען ווייטער, ביז איך זאָג איר, אַז איך בין אַן אַלמן, אַ טאָג נאָך שלשים. זי זאָגט מיר, אַז זי איז שוין פינף יאָר אַן אלמנה. זי זוכט אַ חתן און קען זיך ניט צוקלייבען. איך זאָג איר, אַז איך בין 65 יאָר אַלט — איך האָב אַרונטערגע׳גנב׳עט 5 יאָר. זיי זיינען מיינע יאָרען, מעג איך פון זיי גנב׳ענען. זי האָט געזאָגט, אַז זי איז פופציג יאָר. זי האָט מסתמא אַדונטערגע׳גנב׳עט פון אירע יאָרען מער ווי איך. אַלס פרוי איז זי באַרעכטיקט דערצו. קורץ, איך זע, אַז ס׳קען זיין אַ שידוך.

זאָג איך איר, אַז אויב זי וואָלט איינגעשטימט, וואָלט איך געשטעלט אַ חופּה, זי געפעלט מיר. פרעגט זי וויפיל איך פאַרדין אַ וואָך. זאָג איך איר, אַז איך האָב אַן אינקאַם פון אַ פופציג דאָלער אַ וואָך. פרעגט זי מיך וויפיל איך וועל אַפשרייבען אויף איר נאָך מיין טויט. זאָג איך איר, אַז איך האָב וועגען דעם נאָך ניט געקלערט. איך האָב ניט געהאַט קיין צייט דערפאַר, מיין ווייב איז ערשט געשטאָרבען, אָבער אויב מיר וועלען זיין פאַרהייראַט, און אין אַ יאָרצייט, ווען איך וועל זען, אַז זי איז מיר געטריי, וועל איך זי שוין פאַרזאָרגן. זאָגט זי „און וואָס וועט זיין, אַז איר וועט שטאַרבען פריער?" זאָג איך איר: „וועט זיין מיין גליק. דאָס איז אַ מזל־זאַך". זאָגט זי, אַז זי וויל ניט געמבלען. זי מוז וויסען פריער. זאָג איך איר: „אויב אַזוי, מוז איך וועגען דעם פריער נאָכטראַכטען". איך האָב זיך מיט איר געזעגענט און זיך געלאָזען ווייטער גיין.

אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר גאַסען, איך זע עס זיצט ווידער אַ ווייבעל און קוקט אויפ׳ן ים. אויך נישקשה פון אַ ווייבעל. איך זעץ זיך אַוועק לעבען איר און עס קומט־פאָר דערזעלבער געשפּרעך. זי פרעגט מיך ווי שפּעט

עס איז. איך זאָג איר, אַז איך בין 65 יאָר אַלט. זי זאָגט, אַז זי איז פופציג. זי ראָט מיר, אַז איך זאָל צוליב מיין הוסט אויפהערען רויכערן. איך זאָג איר, אַז איך רויכער כדי צו הוסטען. זי פרעגט מיר וויפיל איך פאַרדין אַ וואָך. איך זאָג איר וויפיל. זי איז צופרידען. זי פרעגט מיך ניט ווי יענע וויפיל איך וועל אויף איר אַפשרייבען נאָך מיין טויט. טראַכט איך, אַז די ווייבעל איז פיינער ווי יענע און מען דאַרף מיט איר שטעלען אַ חופה.

אונזער געשפרעך ווערט אַלץ אינטימער. זי לאָזט אַרונטער איר פאַקעט־בוק. איך הויב אים אויף. זי דאַנקט מיר מיט אַ וואַרימען שמייכעל. פּלוצלונג קומט־אָן די ערשטע אַלמנה. זי גייט גלייך צו און זאָגט צו דער צווייטער אַלמנה:

— איך וויל אייך וואָרענען, אַז איר זאָלט מיט דעם מאַן ניט רעדען. ער האָט אַ שלעכטען נאָמען. ער האָט אַלע מאָל חתונה מיט אַ צווייטער פרוי און ער איז אַ גרויסער ליגנער. יעדער איינער זאָגט ער, אַז ער איז אַ טאָג נאָך שלשים. איר זעט אויס צו זיין אַ באַלעבאַטישע פרוי. איר האָט מסתמא קינדער. איר וועט דורך אים ברענגען שאַנדע פאַר אייך און פאַר אייערע קינדער!

איך האָב עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער די פרוי, די צווייטע אַלמנה, האָט שנעל זיך אויפגעהויבן, געדאַנקט דער ערשטער אַלמנה פאַר איר וואָרנונג, און אָן מיך צו לאָזען רעדען אַ וואָרט, איז זי אַוועק.

איך בין געבליבען מיט דער ערשטער אַלמנה, וועלכע האָט אויף מיר געפעפענט אַ מויל:

— וואָס הייסט איר האַנדעלט מיט מיר און האַנדעלט שוין מיט אַ צווייטער? איך האָב זיך אַביסעל געדונגען מיט אייך, איז וואָס? איר האָט ערשט געמאַכט מיר אַ פאָרשלאָג מיך צו הייראַטען און איר רעדט שוין מיט אַ צווייטער. מען טוט ניט אַזוי! שעים יורסעלף!

איך האָב זיך געפילט אַביסעל שולדיג און אַרונטערגעלאָזען די אויגען, און די אַלמנה נומער 1 האָט מיך גענומען פאַרטיידיגען און רופען „דו". „מסתמא — האָט זי געזאָגט — האָסטו מיך געוואָלט מאַכען דזשעלעס. קענסטו מיך ניט. איך וועל קיינמאָל ניט זיין אייפערזיכטיג. אַביסעל האָט מיך פאַרדראָסען, אָבער אייפערזיכטיג בין איך ניט".

אַזוי רעדענדיג איז צוגעקומען אַ פרוי מיט אַ בייבי־קערידזש. זי האָט פאַר מיר די פרוי פאַרגעשטעלט אַלס איר טאָכטער און מיך — אַלס איר חתן.

די טאָכטער האָט געשמייכעלט גליקליך, האָט אַרויסגענומען איר בעיבי פון קערידזש און געזאָגט:

— משה׳לע, דאָס איז דיין גרענפּאַ, גיב אים אַ קוש.

משה׳לע האָט מיר דערלאַנגט אַ גראַבעל אין פּנים און פון מיר האָט אָנגעהויבן רינען בלוט.

— דאָס איז אַ סימן, אַז ער האָט דיך שוין ליב״, — האָט די באָבע ערקלערט.

די צוויי ווייבער האָבען מיך אָפּגעפירט אַ היים און באַטראַכט מיין אַפּאַרטמענט.

די טאָכטער האָט געזאָגט, אַז דער אַפּאַרטמענט געפעלט איר און האָט מיך געפרעגט צי מען גיט דאָ סטים.

— ווען איך וועל דאָ וואוינען, וועט דער לענדלאָרד שוין מוזען געבען סטים — האָט די מוטער ערקלערט.

זיי האָבן זיך געזעגענט מיט מיר. דאָס אייניקעל האָט מיר געוואָלט נאָך אַ גראַבעל טאָן, אָבער איך האָב ניט געלאָזען.

די באָבע האָט ערקלערט, אַז זי וועט מאָרגען פרי מיר ברענגען אַ סוועטער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. זי האָט דעם סוועטער אָפּגעהיט און געהאַלטען פאַר איר צוקונפטיגען מאַן.

איר טאָכטער האָט זיך צוריקגעקערט פון מיטן וועג און מיך געפרעגט ווען איך דענק צו שטעלען אַ חופּה.

— איך ווייס ניט. איך האָב נאָך גאָרניט באַשלאָסען. — האָב איך איר געזאָגט.

— מאַכט עס וואָס שנעלער. — האָט זי ערקלערט — ווייל מיין מאַן וויל מער מיין מאַמען ניט האַלטען.

ווי איך זע, וועט מיר דאָ קיין שום טענות ניט העלפן. צוויי ווייבער קעמפען געגען מיר. מוטער און טאָכטער. איך וועל מוזען חתונה האָבען.

ווען איך וואָלט געווען אינגער, וואָלט איך איצט אײַנגעפּאַקט מיינע זאַכען און אַנטלאָפען פון קוני־אײַלאַנד, כדי ניט צו באַגעגענען מער די צוויי ווייבער. אָבער איך בין שוין עלטער. מיינע פיס קענען שוין ניט לויפען. קעמפען געגען צוויי ווייבער בין איך ניט בכח. זיי וועלען דאָך צום שלוס סאַ־ווי געווינען.

מאָרגען פרי וועט אַלמנה נומער 1 מיר ברענגען אַ סוועטער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. זי וועט מיר גלאַט אַזוי קיין סוועטער ניט

ברענגען. זי וועט מיך מסתמא רופען צום רב שטעלען אַ חופה, זאָגען ניין, וועט מיר ניט העלפען. די בעסטע זאַך איז איך זאָל גלייך גיין צו דער חופה און טאָן אַלץ וואָס זי הייסט, וועט ניט זיין קיין מחלוקת. אַז מען פאָלגט אַ ווייב איז זי מיט דיר איינשטימיג. איך וועל בלויז זיך היטען פאַר מיין אייניקעל ער זאָל מיך ניט צעגראַבלען. געגען אים קען איך זיך נאָך פאַרטיידיגען...

אַ טאָג־בוך פון אַן אלמנה

ערשטער טאָג שבעה

מיין מאַן, מיין זלמן, איז געווען זייער אַ גוטער מענטש, אָבער צו זיין ווייב איז ער ניט געווען אַזוי גוט. אַי, איז ער געווען אייפערזיכטיג! ווען ער האָט מיך געזען רעדען מיט מיין שכן מאַקס, איז ער געוואָרען אַן אויפגעקאָכטער. „וואָס איז דאָ אַזוי פיל צו רעדען מיט אַ שכן!" — האָט ער געשריען. „ווען דו דערזעסט אים שטעלסטו זיך אַוועק מיט אים טענה'ען און ער, דער אידיאָט, רעדט פאַר פייער און וואַסער!" האָט מיין מאַן גע'טענה'ט.

ער מיט זיין קוזינע, דאָרע, האָט געמעגט מאַכען אַפּוינטמענטס. איך אַליין ווייס פון צוויי מאָל וואָס ער האָט זי גענומען אין די מואוויס. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָס געטאָן בלויז דערפאַר וואָס זי איז אַ קוזינע. גיי גלויב אים!

ביי דער לויה האָט זיין קוזינע דאָרע שטאַרק געוויינט. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען מיר און קאָנקורירט מיט'ן וויינען... אַזאַ חצופה!

ווען זלמן מיינער וואָלט איצט געלעבט, וואָלט איך אים געזאָגט, אַז ער וועט מיר ניט איינרעדען, אַז זי האָט אַזוי שטאַרק געוויינט, ווייל זי איז אַ קוזינע. פאַרוואָס האָבען די אַנדערע קוזינעס ניט אַזוי געוויינט?...

צווייטער טאָג שבעה

איך ריכט זיך היינט אויף געסט. נעכטען זיינען ביי מיר געווען זיינע קרובים און מיינע קרובים. איך האָב געמוזט נאָכאַנאַנד וויינען. איך האָב שוין ניט קיין כח צו וויינען. נאָך אַלעמען וועלען מיר דאָך אַלע שטאַרבען. צו וואָס אַזוי פיל וויינען?

איך דערוואַרט, אַז היינט זאָל אַריינקומען מיין שכן מאַקס. דעם ערשטען טאָג האָט ער ניט געוואָלט אַריינקומען. ס'איז צו פרי. איך דערוואַרט אויך מיין מאַנ'ס שותף לואי. איך וואָלט געוואָלט, אַז זיי זאָלען ניט קומען צוזאַמען. זאָלען זיי קומען איינציגווייז און מיר וועלען קענען ריידען פריי. מיין מאַן איז אייפערזיכטיג געווען בלויז אויף מאַקס'ען. זיין שותף לואי האָט ער ניט חושד געווען. אין אמת'ן איז לואי געווען פיל געפערליכער ווי מאַקס. ביידע האָבען מיך ליב, אָבער לואי האָט מער אָפען זיך אַרויסגערעדט. „איך וואָלט געוואָלט", האָט לואי איינמאָל געזאָגט, „אַז אייער מאַן זאָל אַוועק־פאָרען אויף אַ לאַנגע צייט ערגעץ ווייט און איך זאָל קענען מיט אייך פאַרברענגען. אָבער ער וויל אין ערגעץ ניט פאָרען". מאַקס האָט בלויז געגעבען אָנצוהערען, אַז ער האָט מיך ליב. „פאַרוואָס?" — האָט ער איינמאָל זיך באַקלאָגט, „האָב איך אייך ניט געקענט איידער איר האָט זיך באַקענט מיט אייער מאַן?"

דריטער טאָג שבעה

ניט לואי און ניט מאַקס זיינען געקומען. זיי מיינען וואַרשיינליך, אַז איך בין אַזוי געערגערט פון מיין זלמנ'ס טויט, אַז איך וועל ניט קענען מיט זיי רעדען. הלואי קומען זיי היינט. איך בענק נאָך זיי ביידע. אָבער זאָלען זיי קומען איינציגווייז, נאָר איינציגווייז.

פערטער טאָג שבעה

די בלאָנדע דאַרע איז היינט געווען ביי מיר, און נאָר זי האָט גע־זיפצט. מיין מאַן איז געשטאָרבען און זי זיפצט. עס האָט מיך זייער פאַרדראָסען, אָבער איך האָב איר גאָרניט געזאָגט. ס'האָט מיר ניט געפאַסט צו ווייזען, אַז איך בין אייפערזיכטיג אויף אַ טויטען מאַן. ס'איז דאָך טאַקע נאַריש. וואָס קען זי מיר טאָן? זי וועט ביי מיר צונעמען דעם מאַן? ער איז געווען אַ גאָלדענער מענש, האָט זי געזאָגט. איך האָב צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ער איז געווען אַזאַ ליבער מענטש, האָט זי אויסגערופען. איך האָב נאָכגעבאָמקעט. וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך וועל זיך גיין שפּאַרען מיט איר וועגען אַ טויטען. נאָר דאָס זיפצען איר'ס האָט מיך געשטאָכען אין דער זיבעטער ריפּ. זי זיפצט אַזוי ווי זי וואָלט געווען די אלמנה, ניט איך.

פינפטער טאָג שבעה

מײַן שכן מאַקס איז הײַנט אַרײַנגעקומען צו מיר.

אַי, איז דאָס אַ קאַלטער מענטש און אַן אידיאָט!

אַז מײַן מאַן האָט געלעבט פלעגט ער רעדן געגען מײַן מאַן. אײער מאַן, פלעגט ער זאָגן, איז ניט זײער קײן קלוגער, און איך פלעג מײַן מאַן פאַרטײדיקן. אײער מאַן, פלעגט ער אַרײַנוואַרפן אַ וואָרט, איז ניט קײן דזשענטעלמאַן. ער באַהאַנדלט אײַך ניט אַזוי װי איר פאַרדינט. און איך פלעג זיך מיט אים קריגן און באַװײַזן, אַז ער קען ניט מײַן מאַן. איצט האָט ער געהאַלטן אין אײן לױבן מײַן טױטן מאַן. ער איז געװען גוט, קלוג און פײַן, האָט ער געזאָגט. עס איז אַ גרױסער שאָד, װאָס אַזאַ יונגער מענטש האָט געדאַרפט פאַרלאָזן די לעבעדיקע װעלט, האָט ער באַדױערט. איך װיל אָביסעל פאַרגעסן, אַז איך האָב געהאַט אַ מאַן, דערמאָנט ער מיך אָן אים. מײַן מאַן האָט געהאַט רעכט װאָס ער פלעגט אים רופן אידיאָט.

לואי איז שוין גאָר אַן אַנדערער סאָרט. לואי, מײַן מאַנ׳ס שותף, װעט שוין אַזױ ניט רעדן. ער האָט לאַנג געװאָרט אויף דער געלעגנהײט װען מײַן מאַן װעט אַװעקפאָרן װײַט און ער װעט מיך אױסנעמען. איצט איז מײַן מאַן אַװעקגעפאָרן װײַט און װעט קײנמאָל מער ניט צוריקקומען. איצט האָט ער ניט מורא פאַר מײַן מאַן, זײַן שותף. איצט איז ער פרײַ.

איך האָב תמיד טאַקע געהאַלטן מער פון לואי׳ן װי פון מאַקס׳ן. װען מײַן מאַן איז געװען אײפערזיכטיק אויף מאַקס׳ן האָב איך מיט רעכט געקענט זאָגן, אַז ער איז אײפערזיכטיק אומזיסט. מײַן האַרץ איז געװען אײַנגאַנצן פאַרנומען מיט לואי׳ן. אַי, װאָלט איך אים שוין געװאָלט זען! איך האָב אַזױ פיל צו רעדן מיט אים. אָבער פאַרװאָס קומט ער ניט? פאַרװאָס קומט ער מיך ניט טרײסטען? פאַרװאָס?

זעקסטער טאָג שבעה

לואי האָט אָפּגערופן, אַז ער קומט הײַנט. איך װאָלט זיך אױסגעפוצט, טאָר מען אָבער ניט. איך װאָלט זיך צוגעפודערט, פאַסט ניט — ס׳איז דאָך שבעה. נאַדיר אַ שבעה אויף מײַן קאָפּ! אָבער אַביסעלע, אַ קלײן ביסעלע פודער װעל איך דאָך נוצן. פון ליפּסטיק איז אָפּגערעדט, װי קען מען זיך באַגײן אָן ליפּסטיק? נאָכאַלעמען איז דאָך

שוין דער זעקסטער טאָג שבעה. וויפיל איז דער שיעור צו טרויערען? זעקס טעג איז גאַנץ גענוג.

אַ קלוגער מענטש דער לואי. ער קומט ווען די שבעה ענדיגט זיך שוין באַלד. ווי וואָלט געווען ווען ער וויל מיט מיר היינט ערגיץ גיין? זאָל איך אים זאָגען, אַז ער מוז נאָך וואַרטען אַ טאָג צוויי? ניין! צו וואָס וואַרטען? זעקס טאָג איז ווייניג? טאָמער וועט עס מיינע שכנ'טעס ניט געפעלען, זאָלען זיי פּיקען. אָדער אפשר האַנדלען דיפּלאָ־מאַטיש? מען דאַרף לואי'ן ניט ווייזען, אַז איך האָב אַזוי שנעל פאַרגעסען אַן מיין מאַן. ניין, איך וועל אים אָפּזאָגען. זאָל ער מיך לענגער בעטען און זאָל ער וואַרטען אַ צוויי טעג, וועט עס ביי אים זיין חשוב'ער. און אפשר, צוריקגערעדט, איז בעסער, אַז איך זאָל גלייך אָננעמען די איינ־לאַדונג און ניט אָפּלייגען אַפילו אויף אַ מינוט. נאָכאַלעמען ווייסט דאָך לואי, אַז איך בין ניט געווען אַזוי איבערגעגעבען צו מיין מאַן. אויב איך האָב זיך מיט אים געקושט, ווען מיין מאַן האָט געלעבט, היינט פאַרוואָס זאָל איך ענדערען מיין שטעלונג צו אים, ווען מיין מאַן איז טויט, ווען ער ליגט שוין דעם זעקסטען טאָג אין דער ערד? איך וועל אָננעמען די איינלאַדונג. אַבסאָלוט יאָ, פּאָזיטיוו יאָ, און ווען עס געפעלט ניט, זאָל ער פּראָטעסטירען.

זיבעטער טאָג שבעה

איך פיל אַזוי ווי נאָך אַמאָל זיך צו זעצען שבעה נאָך מיין ליבען, טייערען מאַן. אַן אַ מאַן האָט דאָס לעבען ניט קיין ווערט!

לואי איז נעכטען געווען. אַזאַ גאָרניט! ווי קען איך אים פאַר־גלייכען צו מיין מאַן, זכרונו לברכה. ער זאָגט מיר, אַז איצט דאַרף איך זיך ניט אינטערעסירען מיט קיין אַנדערע מענער; אַז מען פאַר־לירט אַזאַ גוטען, פיינעם מאַן קען מען שוין קיין אַנדערע מענער ניט ליבען, זאָגט ער. עס איז זיין טאַטענ'ס עסק צי איך וועל ליבען אַן אַנדערען מאַן, צי ניט. אַ מאָראַל־פּרעדיגער געוואָרען!

ווי איז איצט צו מיר און צו מיינע יאָרען, וואָס איך בין אַזוי יונג געוואָרען אַן אלמנה! ווען ער האָט געלעבט האָבען אַנדערע זיך איינ־טערעסירט מיט מיר. איך האָב געהאַט אַ מאַן און געהאַט געליבטע. איצט האָב איך ניט קיין מאַן און ניט קיין געליבטע. זלמן, זלמן, פאַר־וואָס ביסטו געשטאָרבען?!

משה קנייפּער

משה קנייפער — אַזוי האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבען אין מיין שטעטעל, און ווען אַ שטעטעל גיט אימיצען אַ נאָמען, איז דאָס ניט אָן אַן אורזאַך. פון קליינוויז אויף פלעג איך ליב האָבען מיידלאַך. ווען איך האָב געזען אַ מיידעל, האָב איך איר געגעבען אַ קניפּ. די מיידלאַך זיינען אויף מיר צוליב דעם ניט ברוגז געווען. פאַרקערט, פילע פון זיי פלעגען אַפּט קומען באַזוכען מיינע שוועסטער, כדי פון מיר צו כאַפּען אַ קניפּ.

ווען איך בין אונטערגעוואַקסען איז מיין ליבע צום שוואַכען געשלעכט נאָך גרעסער געוואָרען, און מיינע קניפּ זיינען געווען אָן ערפאָלג.

מיט מיין אייגען ווייב האָב איך זיך אויך באַקאַנט דורך אַ קניפּ.

ווען איך בין געווען אַ גרינער, איז אין הויז, וואו איך האָב גע־וואוינט, אַריינגעקומען אַ מיידעל. איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט און, ווי מיין טבע — האָב איך איר באַלד געגעבן אַ קניפּ. זי איז אַוועק אַ ברוגז'ע און מיר געשריבען אַ בריף און מיך אויסגע'מוסר'ט פאַר דעם קניפּ. איך האָב איר געענטפערט און פאַרטיידיגט דעם קניפּ. זי האָט זיך מיט מיר איבערגעבעטען און מיר זיינען אַרומגעגאַנגען אַ קורצע צייט. אַ קניפּ אַהער און אַ קניפּ אַהין. מיר זיינען פאַרקניפּט געוואָרען און חתונה געהאַט.

נאָך דער חתונה האָב איך געקניפּען מיין ווייב'ס פריינדינס. אַז אַ פרוי האָט עפּעס געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגען מיין ווייב, האָב איך איר געזאָגט: „פאַר לויבען מיין ווייב זייט איר ווערט אַ קניפּ".

אַלע מיינע באַקאַנטע פרויען האָבען שוין געוואוסט, אַז ווען זיי זאָגען עפּעס אַ חכמה, אַ גוט וואָרט, וועלען זיי דערפאַר פון מיר באַלוינט ווערען מיט אַ קניפּ. ביי מיר איז דאָס שוין געוואָרען אַ מין געוואוינהייט, ווי איינער וואָס איז געוואוינט צו רויכערן.

ווען מיין זוהן איז אויפגעוואָקסען, האָב איך פּלוצלינג דערזען, אַז מיין זוהן איז געראָטען אין טאַטען. איך קום איינמאָל אַרויס אין גאַס, זע איך ווי ער שטייט אין גאַס מיט דריי מיידלאַך און קנייפּט אַלע מאָל

אַן אַנדערע באַק פון אַן אַנדער מיידעל. האָב איך זיך אָנגעהויבען אָפּגע־וואוינען פון קנייפּען. איך האָב שוין אַ שטעלפאַרטרעטער, האָב איך געטראַכט, איז גענוג.

עס איז אַוועק אַ צייט. מיין פרוי איז געשטאָרבען. מיין זוהן איז אַוועק אין דער אַרמיי. איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דער צייט, ווען איך בין געווען יונג. אַיי איז דאָס געווען אַ צייט! אַ צייט פון קנייפּען! אָבער איצט? וועלכע פרוי וועט זיך לאָזען פון מיר קנייפען? איך בין שוין איבער פופציג. עס פּאַסט מער ניט.

איינמאָל אין אַ וואַרימען ווינטערטאָג, איך גיי שפּאַצירען אויפ׳ן באַרדוואָק און טראַכט וועגען יענער צייט. עס פליען פאַרביי מיינע אויגען מיידלאַך, ווייבלאַך: בלאָנדע, ברונעטקעס, שאַטינקעס — און איך קנייפּ. „ניין, ניין, טוט דאָס ניט!" — פּראָטעסטירט איינע און טוליעט זיך צו מיר. „דאָנ׳ט!" — שרייט אַן אַנדערע און נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און לאָזט מיך ניט אָפּ. אַ דריטע גיט מיר אַ פּאַטש און זוכט מיך דערנאָך, בעט מיך איבער און קושט מיך דערפאַר. ווי מאָדנע די פרויען זיינען, ווי פאַרשידען און אינטערעסאַנט! ווי נעמט מען יענע צייט!

און אַזוי גייענדיג פאַרטראַכט גייט פאַרביי אַ יונגע, שיינע מיידעל, קוקט מיך אָן און שענקט מיר אַ וואַרימען שמייכעל.

עס הויבט מיר אָן טאַנצען אין קאָפּ. האָט זי מיך טאַקע געמיינט מיט איר שמייכעל? ניין, ס׳איז אַ טעות. זי האָט געמיינט, אַז זי קען מיך. און אפשר געפעלט איך איר? פאַראַן יונגע מיידלאַך וואָס האָבען ליב בלויז עלטערע. אוי, בין איך אַן אידיאָט! זי איז 20 און איך בין 50. וועט זי זיך פאַרליבען אין מיר — אידיאָט! אָבער וואָס אַרט מיך, אַז איך וועל אויסגעפינען. איך גיי שנעל. איך יאָג זי אָן. זי שענקט מיר ווידער אַ ליבען שמייכעל. יאָ, זי מיינט מיך. צוויי מאָל וועט זי דאָך ניט מאַכען קיין טעות. איך דערנענטער זיך צו איר.

זי זאָגט מיר: „העלאָו!" איך ענפער איר „העלאָו!"

איך האָב זיך קיינמאָל פאַר מיידלאַך ניט דערשראָקען. אָבער דאָס מאָל ציטערען מיר די פיס. „דו קענסט מיך?" פרעג איך. „אודאי", זאָגט זי, „איר זיינט דאָך מר. מאַנדעל. איך האָב פיל געהערט וועגען אייך".

„אַודאי געהערט וועגען מיר שלעכטס", — זאָג איך, און כ׳מיין אַז זי האָט געמוזט הערען וועגען מיר, אַז איך בין אַ מאַנסביל וואָס האָט ליב צו געבען אַמאָל אַ פרוי אַ קניפּ.

„איך האָב געהערט בלויז גוטס וועגן אייך", זאָגט זי, „אַז איר זיינט זעהר אַ פיינער מענש. און אַז איר זיינט אַ שיינער זע איך דאָך".

„יאָ, אָבער איך בין שוין אַן אַלטער, נאָענט צו 40", זאָג איך.

„אָבער איר זעט אויס יונג", זאָגט זי.

איך האָב איר גלייך געגעבן אַ קניפּ. אויב איך זע אויס יונג, מעג איך דאָך.

זי האָט ניט פּראָטעסטירט געגען דעם קניפּ, נאָר, פאַרקערט, זיס געשמייכעלט.

„דו ביסט אַן אמת שיין מיידעל", זאָג איך און גיב איר אַ קניפּ.

זי פּראָטעסטירט ווידער ניט. זי ווערט ניט רויט דערפון. זי מאַכט זיך דערפון גאָרניט. אַזוי ווי גאָרניט האָט פּאַסירט.

נעם איך זי אָן ביי דער האַנט און בעט זי זיך אַוועקצוזעצן מיט מיר אויף אַ באַנק, זעצט זי זיך.

וואָס איז דאָס? — קלער איך — געפעל איך איר? איך 50, זי 20 און איך געפעל איר! אפשר איז זי גלאַט פּראַקטיש. זי וויל חתונה האָבען מיט אַן אַלטען, כדי צו קריגען ירושה אָדער אַלימאָני; איינע פון יענע, וועלכע כאַפּען אין נעץ אַלטע מענער. אָבער וואָס אַרט עס מיך? איך גיב דאָך איר ניט קיין ירושה, ניט קיין אַלימאָני. איך בין גאָר ניט רייך. זי וועט אין מיר קיין מציאה ניט כאַפּען. מעג איך זיך דאָך דערווייל אַמוזירען.

„ווי איז דיין נאָמען?" — פרעג איך זי.

„מיני", זאָגט זי.

„מיני, מיני", חזר איך זיך. „אַ שיינער נאָמען, אַ טייערער נאָמען, מיני, מינעלע".

„איך געפעל אייך?" — פרעגט זי.

„זייער", זאָג איך.

„איך בין גליקליך", זאָגט זי און גיט מיר אַ קוש.

איך בין אין דער מינוט געווען גרייט איר שוין צו געבען ירושה און אַלימאָני מיט אַלדאָס גוטס, הלואי האָב איך נאָר.

„פירט מיך אַהיים", זאָגט זי.

איך בין געגאַנגען זי האַלטענדיג אונטער'ן אָרעם און זי צוגעפירט צו דער טיר פון איר היים.

ביי דער טיר זאָגט זי: „קומט אַריין. איך וויל אייך פאָרשטעלען פאַר מיין טאַטע־מאַמע".

איך בין אַריינגעגאַנגען. וואָס האָב איך דאָ צו פאַרלירען?
זי האָט אַנאָנסירט: „דאָס איר מר. מאַנדעל!"

אירע עלטערען האָבען מיר וואַרעם געדריקט די האַנט און מיך אַריינגעפירט אין פאָדער־צימער, מיך געבעטען זיצען אויבען־אָן. מיני האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען מיר און מיך געגלעט ביי דער האַנט. אירע עלטערען האָבען אַריינגעבראַכט משקה: „וויין, שנאַפּס, מעד און פאַר־בייסען, שטראָדעל מיט לעקאַך.

וואָס איז דאָ? וואָס האָבען זיי אויף מיר דערזען? פאַרוואָס געפעל איך זיי אַזוי? אפשר איז טאַקע דאָ אין מיר אַזוינס וואָס איך אַליין ווייס ניט, און אפשר האָבען זיי אַ טעות, מיינען, אַז איך בין אַ רייכער מאַן. אָבער וואָס אַרט עס מיך? איך קען זיך מיט זיי צעטיילען מיט מיין פאַר־מעגען. איך האָב בלויז חובות. איז וואָס דאָ וועט ניט זיין, טראַכט איך, לאָ׳מיך דערוויל טרינקען אַ שנאַפּס. האָב איך זיך אָנגעגאָסען אַ גלעזעל און אויסגעטרונקען. האָט מיני אַליין מיר אָנגעגאָסען אַ גלעזעל וויין, האָב איך אויסגעטרונקען אַ גלעזעל וויין. מיני און אירע עלטערען האָבען אויך געטרונקען. איך האָב זיך דערפילט היימישער. איך טו אַ קוק אויף מיני׳ס מאַמע. זי איז גאָר ניט קיין מיאוס׳ע. איר טאָכטער האָט אין ווען געראָטען צו זיין. גיב איך איר אַ קניפּ און זאָג איר: „איר האָט אַ שיינע טאָכטער!"

„זי איז ווערט אַ קניפּ פאַר איר טאָכטער", רופט אויס איר מאַן. „און איר מעגט איר דערפאַר געבען אַ קוש אויך. איך דערלויב אייך".

איך האָב זיך ניט געלאָזט בעטען און איר געגעבען אַ קוש. מיני האָט דערפאַר מיר געגעבען אַ קוש.

איך האָב פון פרייד אויסגעטרונקען נאָך אַ גלעזעל וויין, געוואָרען אַביסעל בגלופינ׳דיג און אויסגערופען: „לעבען זאָל מיין כלה מיני!"
אַלע האָבען מיך געכאַפּט קושען.

איך האָב געענטפערט מיט געבענדיג מיני׳ן אַ קוש און אַ קניפּ.

„מחותן, איר זיינט פּונקט אַזוי ליבליך ווי אייער זוהן. ער האָט אויך ליב צו קנייפּען", האָט אויסגערופען די מאַמע.

„מחותן!" — האָט אויסגערופען דער פאָטער.

„טאַטע!" — האָט אויסגעשריען מיני, — „איך האָב ליב אייער בעני׳ן!"

ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דעם גאַנצען כבוד מיט די קושען האָב איך געקראָגען צוליב מיין זוהן, דעם קנייפּער־בן־קנייפּער.

אַ טאָג־בוך פון אַ כלה מיידעל

1טער יאַנואַר

סעם! מיט אים וועל איך חתונה האָבען. איך האָב היינט זיך באַקענט מיט אים צום ערשטען מאָל און איך האָב באַשלאָסען, אַז איך וועל ניט רוען ביז ער וועט ווערען מיין חתן. פאַרוואָס? ערשטענס, ווייל ער געפעלט מיין פריינדין עני׳ן. זי איז אַ מבין אויף אַ באַי. זי וועט שוין אַנווענדען אַלע טריקס אים צו קריגען. אָבער עס וועט איר ניט העלפען. ער וועט זיין מיין חתן. צווייטענס, האָב איך געזען, אַז ער איז אַ גוטער און ניט קיין עקשן. ער וועט פאָלגען וואָס די ווייב וועט הייסען. ער איז איינער פון די, וואָס אַ טאָג נאָך דער חתונה, שטייען זיי שוין אָנגעטאָן אין אַ פאַרטוך און וואַשען טעלער. ער מוז ווערען מיין חתן.

15טער יאַנואַר

סעם האַלט זיך פאַר אַ חכם. ער האָט געזאָגט, אַז ער היט זיך פון מיידלעך, וואָס זוכען חתנים. איך האָב אים געזאָגט, אַז מיין פריינדין עני איז איינע פון די מיידלעך, וואָס אַז זי רעדט מיט אַ באַי איז דאָס בלויז צוליב אַ תכלית, אַ חופה. איך, האָב אים געזאָגט, אַז כ׳האָב אפילו פיינט צו רעדען וועגען חתונה האָבען. איך וויל זיין פריי, אומאָבהענ־גיג. איך האָב דאָס זאָגענדיג, געגעבען קאָקעטיש אַ דריי מיט מיינע שוואַרצע אייגעלעך און דערפילט, אַז איך מאַך אַ „היט". ער האָט מיך געגעסען מיט זיינע אויגען. ער וועט ביי מיר ניט זיין קיין חכם.

1טער פעברואַר

אוי איז סעם אייפערזיכטיג. אַז איך לויב אָן אַנדערען באַי פאַר־דריסט עס אים. איך וועל שוין זען, אַז ס׳זאָל אים ניט פעלען קיין פאַר־

דרוס. איך האָב זיך פאַר אים מודה געווען, אַז איך האָב געלאַדען בעני'ן צו זיך אין הויז. מיך אינטערעסירט ניט בעני, האָב איך אים געזאָגט, ווייל ער זוכט אַ תכלית. ער וויל מיט מיר חתונה האָבען און איך האָב פיינט אפילו וועגן דעם צו רעדען. אָבער אַזוי ווי ער איז אַ וואוילער באַי, אַ שטילער און אַ פיינער, האָב איך אים ניט געקענט אָפּזאָגען. איך האָב געזען, אַז מיינע רייד האָבען אויף סעם'ען געמאַכט אַ שווערען איינדרוק. ער וועט שוין ניט שלאָפען היינטיקע נאַכט.

15טער פעברואַר

בעני און סעם זיינען צוזאַמען ביי מיר אין הויז. בעני כאַפּט מיך אַלע מאָל אָן ביי דער האַנט (ער האָט אַזאַ טבע). סעמ'ען פאַרדריסט עס. איך רעד צו בעני'ן זעהר פריינדליך. סעמ'ען ערגערט עס. איך נעם אָן בעני'ס אַן איינלאַדונג צו זיין מיט אים צו אַ באָל. סעמ'ען טוט עס וויי. עס וועט אים נאָך מער ווי טאָן. וואָס הייסט ער זאָגט, אַז ער האָלט ניט פון חתונה האָבען? ער וועט נאָך ביי מיר ווייגען!

1טער מערץ

סעם איז ברוגז פאַרוואָס איך האָב אָנגענומען בעני'ס איינלאַדונג צו גייען מיט אים צו אַ באָל. „סטייטש", טענה איך צו אים, „ס'איז דאָך אויף בעני'ן אַ גרויס רחמנות. ער איז אין מיר שטערבליך פאַרליבט. ער מאַכט מיר יעדען טאָג אַ הייראַטס־פאַרשלאָג. (ס'הויבט זיך ניט אָן. בעני האָלט בלויז פון ליבע, ניט פון חתונה האָבען), ווי קען איך יענעם אָפּזאָגען? דער מענש וואָלט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד (אַ נעכטיגער טאָג! ער וואָלט גלייך געגאַנגען מיט אַן אַנדער מיידעל). זאָגט סעם צו מיר, אַז אין אַזעלכע זאַכען איז ניטאָ קיין רחמנות. די וועלט קען לעבען אָן בעני'ן.

איי האָט ער האַרץ־ווייטאָג! אַז אַ באַי האָט האַרץ־ווייטאָג איז גוט!

14טער מערץ

מזל־טוב! איך האָב שוין געזען טרערען אין סעם'ס אויגען. „איך, אָדער בעני!" — זאָגט ער. אויב ער וועט מיך נאָך אַמאָל זען רעדען מיט בעני'ן, זאָגט ער, וועט ער באַגיין אַ מאָרד. אַזעלכע רייד האָב איך ליב!

ער וועט ביי מיר ווייגען און חתונה האָבן! אַ באַי דאַרף ווייגען!

1טער אַפּריל

ער איז אַ טייערער באַי, מיין סעם. ער וויינט. איי וויינט ער. ער מאַכט מיר אַ היראַט־פאַרשלאַג און פאָדערט אַ שנעלען ענטפער. איך זאָג אים, אַז איך קען אים ניט געבן קיין שנעלען ענטפער. כ׳וויל זיך פריער באַראַטען מיט מיין מאַמע (מיין מאַמע דאַרף מען בעטען? זי וועט זאָגען יאָ זעהר שנעל). ער וויינט שטאַרק. איך בעט זיך ביי אים ער זאָל מיר געבען אַ מאָנאַט צייט. ער הערט ניט אויף וויינען. איך בעט ביי אים צוויי וואָכען צייט. ער כליפּעט. איך האָב זיך קוים ביי אים אָפּגעבעטען אויף דריי טעג צייט. איך וויים ניט צי איך האָב גוט געטאָן וואָס איך האָב אים אָפּגעלעגט אויף אַזאַ קורצע צייט. דריי טעג לידען איז ניט גענוג פאַר אים. מען האָט אים געדאַרפט מוטשען אַ ביסעל לענגער.

4טען אַפּריל

סעם איז געקומען צו מיר אַן אויסגעפּוצטער, מיט טרערען אין די אויגען צו הערן דעם באַשלוס.

— זעץ זיך אַוועק — האָב איך אים געזאָגט. די מאַמע האָב איך אַוועקגעשיקט כדי עס זאָל קיינער ניט זיין דערביי ווען איך וועל אים ערגערען.

— ווי קען איך זיצען — מאַכט ער — איך וויל שוין הערן דעם באַשלוס.

— זיץ און טרינק אַ גלעזעל טיי — זאָג איך אים.

— ווי קען איך טרינקען? — זאָגט ער — און טרערען רינען פון זיינע אויגען.

— טרינק! — האָב איך שנעל באַפוילען.

ער האָט אָנגעהויבען טרינקען.

— און עס קעיק — האָב איך אים געזאָגט — איך וויל דו זאָלסט האָבען כח צו הערען וואָס איך וועל דיר זאָגען.

ער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול.

איך האָב אויף אים געקראָגען רחמנות, אים געגעבען אַ קוש און געזאָגט: „אָלרייט, סעמעלע, איך ווער דיין כלה!״

ער האָט דאָן געוויינט פון פרייד.

ער וועט נאָך ביי מיר גענוג וויינען ביז ער וועט ביי מיר פועל׳ן אַז איך זאָל מאַכען וואָס שנעלער די חתונה. ווייל איך וויל די חתונה האָבען וואָס פריער. ווער האָט עס דען כח צו אַרבייטען אין אַ שאָפּ?

קראַנקע ליבע

איך בין אַ רייכער איד פון אַ יאָר זיבעציג און האָב אַ געליבטע פון אַ יאָר פינף און דרייסיג. איך זיבעציג — זי פינף און דרייסיג. וועט איר פרעגען וי קום איך צו איר? ליבע! וועט איר דאָך ניט וועלען גלויבען, וועל איך אייך דערציילען וי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט.

עס איז געווען אַזוי. איך ליג אין האָספּיטאַל נאָך אַ קידני־אָפּע־רעישאָן. איך פיל, אַז מיינע כחות לאָזען זיך אויס. אַ קידני־אָפּערעישאָן איז גוט פאַר אַ יונגען מאַן, ניט פאַר אַ זיבעציג יאָריגען. און איך טראַכט פון יענער וועלט און איך שטעל זיך פאָר, אַז דאָרט מוז זיין גאָר ניט שלעכט. מיין ערשטע ווייב, וועלכע געפינט זיך שוין דאָרט 20 יאָר, האָט געמוזט ווערען גאָר אַן אַנדער מענש. זי שרייט ניט מער. זי יאָדעט ניט, און זי גיט מיר אַלע פרייהייטען. איך וויל גיין זען מיין מאַמען, מיין שוועסטער (ביידע זיינען שוין אויף דער אמת'ער וועלט), לאָזט זי. וויל איך גיין שפּילען אַ פּינאָקעל מיט מיינע פריינט (זיי זיינען שוין אַלע אויף דער אמת'ער ועלט), זאָגט זי ניט אַ וואָרט. וויל איך זען מיין צווייטע ווייב (זי איז שוין אַ זעקס יאָר טויט), שטערט זי ניט.

מיין צווייטע ווייב, טראַכט איך, האָט אין די פּאָר יאָר אויף יענער וועלט געמוזט ווערען אַ צדקת. זי וויל ניט מער קיין בייע דרעסעס אַלע טאָג. זי וויל ניט פאָרען קיין פלאָרידאַ אַלע ווינטער, שפּילען אויף די דאָגרעיסעס. זי וויל ניט אויסברייינגען קיין געלט. אַלע מענשען דאָרט זיינען אַזעלכע גוטע, פיינע. מען בלאָפט ניט, מען חנפה'עט ניט איינער דעם צווייטען. מען ליגט זיך אויסגעשטרעקט און מען רוהט.

און איך קלער, אַז דער טויט איז אַ טייערע זאַך, איבערהויפּט פאַר אַ מענשען וואָס די כוחות לאָזען זיך שוין ביי אים אויס. וואָס קען אַ מענש טאָן אויף דער וועלט אָן כוחות? דאָרטען דאַרף מען ניט קיין געלט

און ניט קיין כח. כ׳האָב שוין געוואָלט וואָס שנעלער שטאַרבען און זען ווי אַזוי עס זעט אויס די אמת׳ע וועלט. איך בין געוואָרען נייגעריג.

פלוצלינג טוט זיך אָן עפען־אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ שיין ווייבעלע, דערלאַנגט מיר בלומען און גיט אַ שמייכעל וואָס מאַכט מיך באַלד פאַרגעסען, צי ס׳איז דאָ אַ יענע וועלט. אֵי, טראַכט איך, ווען איך בין אינגער און בין ניט קראַנק, לאָז איך די פרוי ניט אַרויס פון האָס־פּיטאַל! מיט מיר וואָלט זי דאָ געמוזט בלייבען!

„ווי פילט איר זיך?" פרעגט זי און שמייכעלט און ציינט אַ רייע ווייסע ציינדלעך.

„איך פיל", זאָג איך, „ווי אַן אַלטער מענש וואָס איז קראַנק געוואָרען. אָבער אַז איך קוק אויף אייך, אַז מען זעט, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע ווייבלעך מיט אַזעלכע ציין, ווילט זיך ניט פאַרלאָזען די וועלט".

„איך וועל צו אייך אָפט אַריינקומען ביז איר וועט געזונט ווערען", זאָגט זי און גיט מיר אַ גלעט.

פון איר גלעט איז מיר געוואָרען וואַרעם אין מיינע אַלע קאַלטע אברים, און איך טראַכט: וואָס איז דאָס פאַר אַ מין ווייבעל? וואָס האָט זי אויף מיר אַזוינס דערזען וואָס זי אינטערעסירט זיך אין מיר?

„איר וועט מוזען געזונט ווערען", זאָגט זי, „צו שטאַרבען האָט איר נאָך צייט" און נעמט מיך אָן ביי דער האַנט.

„אַז איר וועט מיר האַלטען ביי דער האַנט", זאָג איך, „וועל איך זיכער זיך ניט איילען צו שטאַרבען. אָבער ווי אַזוי קומט איר צו מיר? פון וואַנען קענט איר מיך? און פאַרוואָס אינטערעסירט איר זיך אין מיר?"

„קענען קען איך אייך, ווייל איר זייט אַ רייכער מענש", זאָגט זי. „רייכע מענשען קענען אַלע. ווען כ׳האָב געהערט אַז איר זענט קראַנק, האָב איך באַשלאָסען אייך צו גיין זען און אייך מאַכען געזונט. עס איז אַ שאָד אַז אַ רייכער מענש זאָל שטאַרבען. אַן אָרימאַן מעג שטאַרבען, אַן אָרימאַן האָט ניט וואָס צו פאַרלירען. אָבער אַ רייכער מענש קען אַ סך אויפטאָן און ער דאַרף לעבען. און ווען איך בין אַריינגעקומען און אייך געזען, זייט איר מיר געפעלען. איר האָט אין זיך חן. ווי קראַנק און אַלט איר זייט האָט איר אין זיך עפּעס אַזוינס וואָס קען געפעלען אַ פרוי".

איך האָב איר געדאַנקט פאַר די גוטע ווערטער און זי האָט אָנגע־הויבען אַריינקומען יעדען טאָג אין האָספּיטאַל, און — איך בין געזונט געוואָרען. זי האָט זיך אַריינגעצויגען צו מיר. זי איז געוואָרען מיין נוירס און געליבטע.

איך האָב אויפגעלעבט. די איינציגע שווערינקייט איז געווען מיט׳ן שפּאַצירען. זי האָט ליב אַ סך צו שפּאַצירען. און איך, אי נאָך אַן אָפּע־רעישאַן, אי מיט אַלטע פיס, איז מיר געווען שווער. ווען זי האָט מיך געפרעגט, צי איך בין שוין מיד, פלעג איך ענטפערען: „ניין!" איך האָב איר געוואָלט באַווייזען, אַז איך בין ניט אַלט. האָט זי ניט אויפ־געהערט מיט מיר צו שפּאַצירען.

מיר האָבען אַזוי שפּאַצירט אַ יאָר צייט. איך האָב איר געקויפט אַ קאַר, אָבער זי האָט אַלץ ליב געהאַט צו גיין. איך האָב אויף איר אָפּגעשריבען אַ טייל פון מיין פאַרמעגען און זי האָט מיך געליבט און מיט מיר שפּאַצירט.

איינמאָל זאָג איך איר, אַז איך גיי באַזוכען מייגעם אַ פריינד אין האָספּיטאַל, אויך אַ רייכער מענטש און אויך אַן אַלטער מאַן. זאָגט זי, אַז זי וויל גיין מיט מיר. זאָג איך: אַלרייט, פאַרוואָס ניט? אַ קראַנקען איז אַ מצוה צו באַזוכען. קויפט זי אויפ׳ן וועג גייענדיג בלומען פאַר׳ן קראַנ־קען. זעהר שיין.

מיר קומען אַריין אין האָספּיטאַל. זי גיט אים די בלומען. מיר באַטראַכטען דעם קראַנקען. ער זעט אויס ווי אַ מינוט פאַר׳ן טויט.

מיינע האָט צו אים געשמייכעלט, אים געצייגט אירע ווייסע צייג־דעלעך און אים אנגענומען ביי דער האַנט. ער איז געוואָרען ווי אַן איבערגעביטענער. „איך וויל ניט שטאַרבען! איך וויל לעבען!" האָט ער געשריען מיט די לעצטע כוחות.

מיינע האָט געזאָגט, אַז זי וועט אים באַזוכען אָפט און אים פרוואווען געזונט מאַכען. איך האָב איינגעשטימט. ווער קען זיין געגען געזונט מאַכען אַ מענשען? אייפערזיכטיג האָב איך ניט געקענט זיין, אַז יענער האָט אפילו ניט קיין כח זיך צו שלאָגען מיט אַ פליג.

אַלע טאָג איז זי געקומען פון האָספּיטאַל און מיר דערציילט, אַז מיין פריינד פילט שוין בעסער. זי האָט אים, זאָגט זי, געגעבען אַ קוש, איז ער אַרונטער פון בעט און שוין געוואָלט אַהיים גיין. האָט זי אים ניט געלאָזען. ווייל לויט איר מיינונג איז ער נאָך גוט קראַנק.

אין אַ פּאָר וואָכען איז מיין פריינד אַרויס פון האָספּיטאַל און זי איז אַרויס פון מיר. זי האָט זיך אַריינגעצויגען צו מיין פריינד.

איך האָב זי ניט געקענט פאַרשטיין. וואָלט ער כאָטש געווען אינגער פון מיר. ניין, ער איז מיט צוויי יאָר עלטער. וואָלט ער כאָטש געווען געזינטער פאַר מיר. ניין. ער איז דאָך ערשט אַרויס פון האָספּיטאַל.

איך האָב אים געטראָפען שפּאַצירען מיט איר און איך האָב זיך דערלעבט אַ נקמה אָן אים. „וואַק, ברודער!" האָב איך געטראַכט וועגען אים. „וואַק, זי וועט פון דיר אַרויסוואַקען די נשמה!" און איך האָב געפילט גוט וואָס איך מוז ניט אַזוי פיל שפּאַנען. איצט קען איך בייטאָג זיך צולעגען און כאַפּען אַ דרימעל. איך דאַרף זיך ניט שעמען צו זיין שלעפעריג און מיד. איך דאַרף פאַר איר ניט באַווייזען, אַז איך בין יונג. אַביסעל געבענקט האָב איך נאָך איר. אָבער ווען אַ מענש קען אַנטלויפען פון אַן אַלטען צו אַן עלטערען, פון אַ קראַנקען צו אַ מער קראַנקען, איז זי דאָך אַ קרענק.

דערווייל העלפט גאָט. איך פאַרקיל זיך, קריג אַ שטאַרקע גריפּ. איז אָנפאַנג האָט מען גערעכענט, אַז ס'איז ניומאָניע. און איך ליג ווידער אין האָספּיטאַל.

אין אַ שיינעם פרימאָרגען איז זי דאָ מיט בלומען.

זי האָט מיר געקושט די האַנט און געזאָגט, אַז ס'טוט איר באַנק וואָס זי האָט מיך פאַרלאָזען. ווען זי וואָלט געווען מיט מיר, וואָלט איך ניט קראַנק געוואָרען.

איך בין אַרויס פון האָספּיטאַל און זי האָט זיך אַריינגעצויגען צו מיר. איך שפּאַציר שוין ווידער מיט איר.

איך האָב געטראָפען מיין פריינט פון וועמען מיין ווייבעל איז ערשט אַוועק, איז ער געווען זייער אייפערזיכטיג און גערעדט מיט כעס:

„דו מיינסט", האָט ער געזאָגט, „אַז מיך אַרט וואָס דו האָסט ביי מיר אויסגעכאַפּט די מציאה. פאַרקערט, איך בין צופרידען. דו וועסט מיט איר שפּאַצירענדיג, פאַרלירען די כוחות".

„דו דאַרפסט ניט זיין ברוגז", האָב איך אים געזאָגט, „דו האָסט זי דאָך ביי מיר פריער צוגענומען, מעג איך דאָך זי צוריקנעמען".

„מיין ניט!" האָט ער געזאָגט מיט צאַרן, „אַז זי וועט זיך לאַנג ביי דיר האַלטען. זאָל זי געוואָר ווערען פון אַן אַנדער רייכען מאַן, וואָס איז מער קראַנק, וועט זי לויפען צו אים. זי זוכט בלויז אַן אַלטען וואָס איז מער קראַנק. ווען דו וועסט ווערען פולשטענדיג געזונט, וועט זי דיך איבערלאָזען. זי האָט ניט קיין געדולד צו וואַרטען אויף אונזער טויט. מיר איילען זיך ניט צו שטאַרבען".

אַזוי האָט ער גערעדט, דער דזשעלאַסניק, און איך גלויב אים ניט אַ וואָרט. זי איז אַ זייער טייער ווייבעל, אַ געטריי ווייבעל. זי האָט בלויז איין חסרון, אַז זי זעט אַ קראַנקען מענשען וויל זי אים געזונט

מאַכען. דערנאָך אַז זי האָט אים געזונט געמאַכט, קען זי אים שוין ניט איבערלאָזען.

איך דאַרף איצט בלויז זיין אויף דער וואַך און זי אָפּהיטען פון אַלטע קראַנקע. פאַר יונגע געזונטע האָב איך ניט קיין מורא. אָבער אַלטע קראַנקע זיינען פאַר מיר אַ געפאַר. זיי זיינען מיינע גרעסטע קאָנקורענטען!

אַ געטרייַע פרוי

מיין מאַן, זאָל אַ גוטען זכות טראָגען, איז שוין זעקס חדשים אין גן עדן.

ווען ער איז געשטאָרבען, האָב איך צוויי וואָכען צייט געוויינט. דערנאָך האָב איך זיך באַרעכענט: ער, דער צדיק, איז אין גן עדן און אַמוזירט זיך דאָרט, און איך וויין? איך האָב זיך אויסגעווישט די טרערען, אָנגעטאָן מיין נייע שוואַרצע דרעס און אָנגעהויבען קלערען וועגען זיך: יונג בין איך, שיינע אויגען האָב איך, שמייכלען קען איך, איז פאַרוואָס זאָל איך ניט קריגען אַ יונגען מאַן, אַ שיינעם, אַ פיינעם, אַ גוטען, אַן ערליכען, אַ רייכען, מיט אַן אָטאָמאָביל, אַזוי, אַז מיין מאַן דאָרט אין גן עדן זאָל זיך קענען באַרימען פאַר די אַנדערע צדיקים: — אַך, וואָס פאַר אַ גוטען שידוך מיין ווייבעל האָט מיט זיך געטאָן!

האָב איך אָנגעהויבען גייען אויף בעלער, קאָנצערטען, און אַנדערע אונטערנעמונגען.

אויף איין באָל האָב איך עטליכע מאָל געטאַנצט מיט אַ יונגען מאַן, און ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן: „קען איך אייך אַהיים פירען מיט מיין אָטאָמאָביל?” דערהערענדיג, אַז ער האָט אַן אָטאָמאָביל, האָב איך שנעל געענטפערט: „יעס!”

דער יונגערמאַן איז געווען אַ שנעלער ליבהאָבער. ער האָט שנעל מיר זיך ערקלערט אין ליבע און גערעדט פייערדיג: „דער טאָג וואָס איך האָב זיך מיט אייך באַקאַנט, איז ביי מיר דער גליקליכסטער. אייער שטימע איז מוזיק. אייערע ליפּן זיינען צוקער און אייערע אויגן זיינען פייער!”

דוכט זיך אַלעס איז פיין און וואויל. בין איך אָבער באַלד געוואָר געוואָרען, אַז דער מאַן האָט אַ ווייב מיט קינדער. איך האָב אים באַלד געגעבען דעם וועג. איך וועל מיין מאַן אין גן עדן ניט פאַרשעמען.

איך האָב זיך באַקענט מיט אַנדערע יונגע לייט, אַלץ דיזעלבע צרה. זיי זיינען שנעלע ליבהאָבער און האָבען ווייבער.

טאָ וואָס טוט מען? איז מיר איינגעפאַלען אַ פּלאַן. איך וועל גיין צו לוויות און זיך באַקענען מיט פיינע, גוטע, פרישע, ערשט געוואָרענע אַלמן׳ס, ביז איך וועל קריגען איינעם וואָס וועט זיין אַ כבוד פאַר מיין מאַן אין גן עדן.

געזאָגט און געטאָן. מיין טרויער־דרעס פּאַסט זיך זעהר פאַר לוויות. אויב דער טויטער איז געווען אַ מאַן, האָב איך זיך באַלד צוריק־געקערט אַהיים. אויב דער מת איז געווען אַ פרוי, בין איך שוין געגאַנגען ביז צו דער סעמעטערי, צו זען פּערזענליך דעם אַלמן.

איך בין שוין געגאַנגען צו פילע לוויות, און עס האָט זיך געענדיגט מיט גאָרנים. איין מאָל איז דער אַלמן געווען אַ קרומער. איינער איז געווען א הייזעריגער. איינער האָט געהאָם אַ לאַנגע נאָז. איינער האָט ניט גוט באַווייגט זיין ווייב. איך האָב געזוכט נאָר אַזעלכען וואָס זאָל געפעלען מיין מאַן אין גן עדן.

ענדליך, נאָך שווערער מי, האָב איך ביי אַ לויה דערזען אַן אַלמן, אַ קראַסאַוועץ. ער האָט געהאָט אַ נאָז, ניט קורץ און ניט לאַנג — אַזוי ווי איך האָב ליב. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און געזיפצט. מען האָט געזען, אַז דער טויט פון זיין ווייב טוט אים וויי. אויף דעם בית־עולם האָט ער זיך געשלאָגען אין קאָפּ און געשריען: „צנועה מיינע, צדקת מיינע, גוטע נשמה מיינע!"

איך האָב אים געהאָלפען וויינען און געשריען נאָך העכער: „גאַטעניו, וואָס האָסטו געהאַט צו איר? וואָס וואָלט דיר געאַרט, ווען די יונגע, גוטע פרוי וואָלט נאָך געלעבט?"

דער אַלמן, הערנדיג ווי איך העלף אים וויינען, האָט מיך אַ פרעג געטאָן:

— איר זייט געווען באַפריינדעט מיט מיין ווייב?

— זי איז געווען מיין בעסטע און טייערסטע פריינדין — האָב איך אים געענטפערט.

ער האָט דאַן אָנגעהויבען קומען צו מיר. ער האָט מיר דערציילט וועגען זיין גוטער פאַרשטאָרבענער פרוי. און איך האָב אים דערציילט וועגען מיין גוטען כשר׳ען מאַן וואָס איז אין גן עדן.

איך בין געווען זיכער, אַז איצט קריג איך שוין דעם אידיאַלען מאַן. איך האָב דאָך אַליין געזען ווי ער האָט באַגראָבען זיין ווייב.

אַנומעלט מען קלאַפּט ביי מיר אין טיר.

— קאָם אין! — רוף איך אויס.

ס׳קומט אַריין אַ פרוי.

— איר זיינט עס די אלמנה, מרס. פּייטעל?

— יאָ — זאָג איך.

— איר גייט עס אַרום מיט מר. קלאַרק?

— יאָ, איך! — זאָג איך מיט שטאָלץ.

— איר זאָלט וויסען, אַז איך בין זיין ווייב און אויב איר וועט מיט אים ווייטער אַרומגיין, וועל איך אַייך אויסבּרענען אייערע פייערדיגע אויגען, וואָס פאַרפירען מיין מאַן!

— אָבער, סטייטש? איך האָב דאָך אַליין געזען ווי ער האָט באַגראָבען זיין ווייב.

— דאָס איז געווען זיין לינקע ווייב — האָט זי מיר ערקלערט — מיט מיר האָט ער געזעצליך חתונה געהאַט. מיט מיר האָט ער געהאַט קינדער, און זי האָט ער געליבט.

איך בין געבליבען זיצען אַ דער׳הרג׳עטע. אַז גיין צו לויות העלפט שוין אויך נישט. טאָ, ווי אַזוי קריגט מען עפּעס אַ פיינעם מאַן, וואָס זאָל פּאַסען פאַר מיין מאַן אין גן עדן? ווי אַזוי?

ער בענקט נאָך זיין ווייב׳ס קולות

איך בין אַ איד אַן אַלמן. איך בין געווען געטריי מיין ווייב ווען זי האָט געלעבט און בין איר געטריי נאָך איר טויט. אַי, בענק איך נאָך איר! באַזונדערס בענק איך נאָך איר שטימע, נאָך איר קול. אַי, האָט זי געהאַט אַ שטימע! אַז זי האָט אַ געשריי געטאָן, האָבען די ווענט געציטערט. דורך אירע געשרייען האָט זי מיך געהאַלטען פעסט אין אירע הענט. איך האָב געמוזט טאָן אַלץ וואָס זי הייסט. איך האָב צוליב איר ניט געקענט אַרונטערגיין פון דרך־הישר. אַי, פעלען מיר איצט אירע קולות!

ווען איך קום איצט אַהיים שפעט ביינאַכט, פאַרשנאַשקעט (איך האָב ליב אָפט זיך אַריינצוכאַפּען אין אַ סאַלון), און קיינער שרייט אויף מיר ניט, פיל איך זעהר ניט גוט. איך טראַכט: „אַי, ווען מיין לאַה שטייט איצט אויף פון קבר און גיט אירען אַ געשריי: „אַ שלאַק זאָל דיך טרעפען! אַ קרענק דיר אין די ביינער, דו שיכור! פון דיר וועט שוין קיין לייט ניט זיין!" וואָלט איך זיך מחיה געווען. אירע געשרייען פלעגען מיך שנעל אויסניכטערען. אָבער אַז קיינער שרייט ניט אויף מיר פיל איך, אַז איך וועל אונטערגיין. איך וועל שוין קיין לייט ניט זיין.

אירע געשרייען זיינען געווען וואַרימע, האַרציגע. איך האָב געוואוסט, אַז יעדע קללה וואָס זי גיט מיר איז פון מיין טובה וועגען. זי וויל מיך אויסמענשלען. איך וועל שוין אַזאַ ווייב ניט קריגען.

גיי איך אָפט צו מיין טאָכטער (איך האָב אַן איינציגע טאָכטער). זי זעט אויס פונקט ווי איר מאַמע ווען זי איז יונג געווען. דערזעלבער בליק, דערזעלבער שמייכעל. אָך — טראַכט איך — ווען זי וואָלט נאָך דערצו געקענט טאָן אַ געשריי ווי איר מאַמע, וואָלט איך זיך געפילט ווי אין דערהיים. אָבער זי שרייט קיינמאָל ניט. איך קום אַמאָל צו איר שיכור ווי לוט, לעגט זי מיך אַוועק אויף אַ בעטעל, דעקט מיך איין און שווייגט.

בעט איך איר „טאָכטער מיינע, זאָג עפּעס, שריי אויף׳ן טאַטען, רוף אים שיכור, זידעל אים". זאָגט זי: „פאַרוואָס קומט דיך זידלען? ס׳איז דיר ניט גוט אויף׳ן האַרצען, דו ביזט איינזאַם, דו בענקסט נאָך דער מאַמען, פאַר׳שיכור׳סטו זיך".

איך ווייס דאָך אָבער, אַז ס׳איז ניט אמת. ווען איר מאַמע האָט געלעבט פלעג איך זיך אויך אַריינכאַפּן אין אַ סאַלון און מ׳האָט מיך שוין פון דאָרט געדאַרפט אַהיים פירען. אָבער דאַמאָלס! וואו נעמט מען יענע צייטען? דאַמאָלס האָט איר מאַמע מיך מכבד געווען מיט אַ פּאַרציע קללות און אַ לאַנגע צייט האָב איך מורא געהאַט צו קוקען אויף אַ סאַלון, ביז איך האָב זיך פאַרגעסען און ווידער זיך אָנגע׳שיכור׳ט און ווידער געקראַגען מיין ווייב׳ס זידלערייען.

וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדען? ס׳איז מיר ניט גוט. מיין טאָכטער קען ניט פאַרנעמען מיין ווייב׳ס פּלאַץ. אַפילו אויף איר אייגענעם מאַן שרייט זי ניט. ס׳איז ביי איר אין הויז שטיל ווי אויף אַ בית־עולם.

ווען זי ווערט ברוגז מיט׳ן מאַן, הערט זי אויף מיט אים רעדען, ביז זי בעט אים איבער. איך קען דאָס ניט צוקוקען.

איינמאָל קום איך אַריין צו איר, זע איך, אַז דער מאַן דרייט זיך אַרום אַ ברוגז׳ער און בורטשעט. ריידען רעדט ער ניט.

זאָג איך צו מיין טאָכטער: „וואָס איז געשען?" זאָגט זי: „מיין מאַן איז אויף מיר ברוגז און איך ווייס ניט פאַרוואָס". זאָג איך: „וואָס הייסט, דו ווייסט ניט? געפינען אויס, שווייג ניט. גאָט האָט דער פרוי געגעבען אַ קול כדי זי זאָל שרייען. דאָס איז דער פרוי׳ס שטאַרקסטע וואָפע. דיין מאַמע, עליה השלום, פלעגט שוין ביי מיר אויסגעפינען אַלץ וואָס איך טראַכט. און ניט נאָר אויסגעפינען, נאָר כ׳האָב געמוזט טראַכטען וואָס זי הייסט. איך האָב געמוזט טראָגען איר קאָפּ אויף מיינע פּלייצעס. געזאָרגט פאַר פרנסה האָב איך מיט מיין קאָפּ, נאָר געטאָן האָב איך אַלץ לויט איר קאָפּ; ווי געטאָן האָט מיר מיין קאָפּ, אָבער נאָכגייען האָב איך געמוזט נאָך איר קאָפּ. „אַז דו ביזט גאָרניט געראָטען אין דיין מאַמען". זאָגט זי: „ניט אַלע מענער זיינען ווי דו. מיין מאַן איז גאָר אַן אַנדערער". האָב איך איר געזאָגט, אַז ס׳איז ניט אמת. אַלע מענער זיינען דיזעלבע. זיי האָבען מורא פאַר די ווייבער. נאָר אַז זיי קריגען אַ ווייב וואָס האָט פאַר זיי מורא, רייטען זיי אויף׳ן פערד.

מיין טאַכטער האָט געשוויגען. אָבער אַביסעל האָבען מיינע רייד אויף איר געווירקט. איך האָב געזען, אַז זי האָט זיך פאַרטראַכט.

איינמאָל קום איך אַריין, זע איך, אַז איר מאַן איז ווידער ברוגז. פרעג איך איר: „וואָס איז געשען?״ זאָגט זי: איר מאַן איז גערעכט. זי האָט דערלאַנגט דאָס עסען, האָט זי אויסגעגאָסען די זופּ און פאַרפלעקט זיין וועסט. האָב איך זיך צולאַכט. „וואָס הייסט — האָב איך געזאָגט — דער מאַן איז גערעכט? אַ מאַן איז קיינמאָל ניט גערעכט. ווען דיין מאַמע האָט אויסגעגאָסען אַ פעטע זופּ אויף מיין נייעם סוט, האָט זי מיר גע־שאָלטען מיט טויטע קללות. זי האָט געזאָגט, אַז עס איז מיין שולד, איך האָב איר געגעבען אַן עין־הרע. דיין מאַמע האָט אַמאָל צובראָכען אַ טעלער, האָב איך איר געבעטען זי זאָל מיר מוחל זיין, איך האָב אויף זיך גלייך גענומען די שולד, איידער זי האָט נאָך אָנגעהויבען שרייען. דיין מאַמע איז אַמאָל געפאַלען און זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין פוס, האָט זי מיך אַ וואָך צייט באַשולדיגט פאַר דעם וואָס אין גאַס איז אַ גליטש. איך האָב מיין שולד צוגעגעבען. וואָס הייסט, אַ מאַן איז גערעכט?״

מיין טאַכטער האָט מיך אויסגעהערט און געשוויגען. איך האָב געזען, אַז מיינע רייד האָבען געהאַט אַ שטיקעל ווירקונג.

איינמאָל קום איך אַריין צו מיין טאַכטער, זע איך, אַז מיין אידעם איז שוין ווידער ברוגז, בורטשעט, רעדט ניט, גייט אַריין אין צווייטען צימער און פאַרמאַכט זיך. זאָג איך צו איר: טאָכטער מיינע! אַי, פעלט דיר איצט דיין מאַמע! איך שטעל זיך פאָר וואָס איצט וואָלט געווען ווען דיין מאַמע לעבט און זי איז דאָ איצט מיט דיר. זי וואָלט געטאָן אַן עפען אויף די טיר און געזאָגט צו דיין מאַן: „איך האָב פיינט, אַז מען פאַר־מאַכט זיך! זאָל די טיר זיין אָפען! מען פאַרמאַכט ניט די טיר פאַר אַ ווייב!״ וואָלט ער דאָך געזאָגט: „וואָס איז אייערע ביזנעס?״ וואָלט זי אים געענטפערט: „ס׳איז שוין גאַר מיינע ביזנעס. ס׳איז מיין טאָכטער. זי קאָסט מיך גענוג בלוט און מי. קומט צו גיין אַ פרעמדער רוח און זאָגט מיר, אַז ס׳איז ניט מיינע ביזנעס! איך וועל מיין טאָכטער ניט לאָזען אַזוי באַהאַנדלען!״ וואָלט ער דאָך געזאָגט: „שאַראַפּ! איך וויל ניט איר זאָלט זיך מישען אין מיין פאַרהייראַט לעבען!״ וואָלט זי געזאָגט: „עס געפעלט דיר ניט? נעמט מען און מען טוט אָן העט און קאָוט און מען גייט און מען קומט ניט צוריק״. וואָלט ער געוואָרען שטיל ווי אַ קעצעלע. דיין מאַמע וואָלט אַריינגעקומען צו דיר יעדען טאָג און דיך און אים אויסגע־מענשעלט. דו וואָלסט געשריען און ער וואָלט זיך אונטערגעגעבען. ער

וואָלט געוואָרען אַ מאַן ווי אַלע מענער, וועלכע האָבען מורא פאַר זייערע ווייבער. אַי, ווען דיין מאַמע וואָלט דאָ געווען!״

מיין טאָכטער האָט אַ זיפץ געטאָן. זי האָט וואַרשיינליך זיך פאַר־בענקט נאָך דער מאַמען. זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ בליק וואָס זאָגט: דו ביזט פולשטענדיג גערעכט. זי האָט געקוקט אַ ווייל אויף דער טיר, וועלכע איר מאַן האָט פאַרמאַכט. זי האָט געקוקט מיט דיזעלבע בליקען מיט וועלכע מיין ווייב פלעגט אויף מיר קוקען ווען זי האָט צובראָכען אַ טעלער. איך האָב געפילט, אַז דאָס איז ערב אַ שטורעם.

מיין טאָכטער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, אָנגענומען ביי דער קליאַמקע, און זי צוריק אָפּגעלאָזען. זי איז אַוועקגעגאַנגען פון דער טיר עטליכע מאָל און איז צוריקגעגאַנגען.

איך האָב גאָרניט געזאָגט. איך האָב געזען, אַז מיין טאָכטער זעט איצט אויס מער ענליך צו איר מאַמען ווי ווען עס איז פריער און אַז מען קען זיך אויף איר פאַרלאָזען.

ענדליך האָט זי מיט שטורעם געעפענט די טיר.

מיין אײדעם האָט מיט אַן ענליכען שטורעם צוריק פאַרמאַכט די טיר.

זי האָט ווידער געעפענט.

ער האָט ווידער פאַרמאַכט.

זי האָט ווידער געעפענט און אויסגעשריען: „איך וויל די טיר זאָל זיין אָפען!״

„און איך וויל די טיר זאָל זיין פאַרמאַכט!״ — האָט ער געענטפערט און די טיר געלאָזען שטיין אָפען.

„איך האָב אויף דער טיר פונקט אַזאַ דעה ווי דו!״ — האָט זי געשריען מיט איר מאַמע׳ס שטימע.

„ווי דו שרייסט! עפּעס ביזטו דאָך געוואָרען גאָר אַן אַנדערע!״ — האָט ער אויסגערופען.

„איך האָב ערשט איצט אָנגעהויבען שרייען! — האָט זי אויס־גערופען — איך וועל שרייען יעדען טאָג. איך וועל דיך ניט לאָזען מיך טיראַניזירען!״

„בראַוואָ!״ — האָב איך שטילערהייט אויסגערופען.

„דו האָסט ניט געטראָפען דעם ריכטיגען מאָן אויף וועמען צו שרייען!״ — האָט ער אויסגערופען — „אויף מיר שרייט מען ניט״.

„אַז ס׳געפעלט דיר ניט, האָסטו אַ ברירה. מען בעמט דעם מאַנטעל

און הוט, מען טוט זיך אָן און מען גייט!״ — האָט מיין טאַטער אויס־גערופען.

אַ ווײלע איז געווען שטיל. איך האָב געמיינט, אַז מיין אײדעם האָט זיך אונטערגעגעבען. אָבער באַלד איז ער אַרויסגעקומען אין העמ און קאָוט און איז אָן אַ גוד־באַי אַוועק.

עס איז שוין זייט דאַן אַ יאָר צייט און ער איז נאָך ניט צוריק־געקומען.

אויף די בערג



משה׳לע

(אַ טאָגבוך)

זונטאָג

בין איך שוין אָנגעקומען אין קאַונטרי, בין איך. איך האָב דען געדאַרפט פאָרען אין קאַונטרי? עס פעלט מיר דען חלילה עפּעס? נאָר מיין מאַן האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז איך מוז פאָרען, ווייל איך זע אויס שלעכט. ער איז מיר געטריי, איז ער מיר. האָב איך גע׳טענה׳ט, אַז איך וויל ניט אוועקפאָרען און אים לאָזען אַליין אַן עלענדען, ער זאָל ניט האָבען ווער עס זאָל אויף אים אויפפּאַסען, אָפּהיטען. ווייל איך ביך דאָך אים אַזוי געטריי. האָט ער געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו ליידען און זיך מוטשען, אַבי איך זאָל האָבען פּלעזשור.

אָבער פאַרוואָס האָט ער מיר מיטגעגעבען משה׳לען, מיין 5־יעריגען זוהנדעלע. דאַרף איך דען משה׳לען אין קאַונטרי? ער האָט מיר נאָכגעשיקט אַ שומר, האָט ער מיר. ער האָט מורא טאָמער וועל איך אויפהויבען פריי דעם קאָפּ, האָט ער מורא. אָט דאָס זיינען זיי די מענער; ער אַליין וועט דאָרט אָן מיר לעבען אַ טאָג מיט אַלע זיינע אַמאָליגע געליבטע און איך וועל דאַרפען דאָ אָפּפּינסטערען די טעג און די נעכט, ווייל איך וועל דאַרפען היטען זיין משה׳לען. אָבער עס וועט אים ניט העלפען. פּלעזשור איז פּלעזשור. זיבען אַזייגער אין אָוועגד וועט משה׳לע ביי מיר שוין מוזען גיין שלאָפען. פינף מינוט נאָך זיבען וועט משה׳לע ביי מיר שוין כאַליען אין בעט.

מאָנטאָג

נאָ דיר אַ משה׳לע אויף מיין קאָפּ. ס׳איז דען אַ קינד? אַ רוח איז דאָס, ניט קיין קינד. פאַראַן דאָ אַזעלכע פיינע יונגע לייט, אַז ס׳איז אַ

פאַרגעניגען, מיט זיי צו רעדען. פונקט דעמאָלט ווען איך הויב אָן מיט איינעם צו רעדען, און דערצייל אים ווי געטריי מיין מאַן איז מיר, איך לויב מיין מאַן און איך שמייכעל, איך קוועל ווי זיין האַרץ ווערט צוזעצט, פאַרוואָס איך לויב מיין מאַן. איז אינמיטען בעסטען געשפּרעך — מיין משה׳לע צוואויינט זיך. אָן אונגליק איז עס, ניט קיין קינד. זיבען אַזייגער אין אָוועגד האָב איך אים געלייגט שלאָפען. נו, האָט ער דען געוואָלט איינשלאָפען? „מאַמע, זיץ לעבען מיר", שרייט ער, „מאַמע, דערצייל מיר אַ מעשה". באַר מאַמע און מאַמע. איך וויל גיין, שעפּען דאָס ביסעלע פרישע לופט און ער לאָזט ניט. איי האָט מיך מיין מאַן דאָ פאַרשפּאַרט מיט זיין זיהנדעל! ווי אין אַ תפיסה בין איך. ער דאַרטען גייט וואו ער וויל. ער מיינט, אַז איך, שרה, וועל לאַנג דאָ זיך מוטשען מיט משה׳לען און ער וועט דאַרט זיין אַ פרייער פויגעל. ניט ביי שרה׳ן! שרה קען מאָרגען כאַפּען די טרעין און אַהיים לויפען! פאַרוואָס זאָל אים דאַרטען זיין אַזוי גוט, פאַרוואָס?

דינסטאָג

ס׳איז אַ פיינע קאַונטרי. אַלע די וואָס ווינשען מיר גוטס, זאָלען קומען אַהער. וואָס פאַר אַ לופט און וואָס פאַר אַ טייערער וואַלד און וואָס פאַר אַ גוטע יונגעלייט דאָ זיינען פאַראַן! גיי איך מיר אַזוי אין אָוועגד שפּאַצירען אין וואַלד, האַלט משה׳לען ביים הענטעל און גיב אַ טיפען זיפץ וואָס מיינט: אי, משה׳לע, וואָס ווילסטו פון מיין יונג לעבען, וואָס שלעפּסטו זיך מיר נאָך, אונגליק מיינס?!" פּלוצלונג איך זע ווי אַ יונגערמאַן גייט מיר נאָך פון הינטען. גיי איך שוין פּאַוואָליע און רעד צו משה׳לען: „מאָרגען וועט אָנקומען אַ בריוועלע פון פּאַפּאַן. פּאַפּאַ דיך ליב, פּאַפּאַ".

דער יונגערמאַן קומט צו. גיט אַ גלעט משה׳לען און זאָגט: „אַ וואויל קינד".

— יאָ, ער איז וואויל ווען ער שלאָפט — זאָג איך.

— אַ גאָלדען קינד, אַ שיין קינד — טענה׳ט דער יונגערמאַן בעגייסטערט און קוקט מיר אין די אויגען אַריין.

איך לאָז אַראָפּ די אויגען.

— און דאָס איז אייער קינד? — פרעגט דער יונגערמאַן. — איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז איר זייט פאַרהייראַט און האָט שוין אַזאַ קינד. איר זעט דאָך אויס ווי אַ מיידעלע פון 17 יאָר.

— וויפיל מיינט איר בין איך אינגאַנצען אַלט?

— אַ יאָר 20.
— מיט פיער יאָר עלטער.
— איר זעט ניט אויס מער ווי אַ יאָר 20 — זאָגט ער און גלעט מיין משה׳לען.
איך קער זיך צוריק אַהיים. דער יונגערמאַן גייט מיר נאָך.
— אַ גוטע נאַכט — זאָג איך אים — איך מוז דאָס קינד גיין לעגען שלאָפען.
— אַ גוטע נאַכט — זאָגט ער טרויעריג — אַ גוטע נאַכט.
אַ וואוילער יונגערמאַן!

מיטוואָך

שלאָף ניט משה׳לע, שלאָף ניט. קום, וועלען מיר גיין אין וואַלד. קום, וועלען מיר טרעפען דעם אָנקעל. דער אָנקעל איז אַ גוטער אָנקעל, אַ יאָ?

דאָנערשטאָג

איך האָב היינט געקראָגען אַ בריעף פון מיין מאַן. ער בענקט נאָך מיר, שרייבט ער. פונדעסטוועגען, שרייבט ער ווייטער, מעג איך דאָ זיין אַ פּאָר וואָכען. ער וויל איך זאָל אַהיים קומען געזונד און שיין. איך וויים, אַז ער בלאָפט. איך וויים, אַז ער וויל דאָרט לעבען אַ טאָג מיט דער בלאָנדער חוה׳ק. כ׳וויים.

מיין משה׳לע איז אַ טייער קינד. ער קומט מיר דאָ זעהר צוניץ. נעכטען אָוועגד גיי איך מיט אים אַזוי, קומט באַלד אָן מר. בערג, דער מאַן וואָס האָט זיך באַקענט מיט מיר דורך משה׳לען אין וואַלד און דער־פרייט זיך מיט מיין משה׳לען. „איי, איך האָב אים שוין לאַנג ניט געזען״, זאָגט ער. „ווי איך האָב אים ליב״ טענה׳ט ער. און איך פיר משה׳לען ביי איין האַנד און ער פירט אים ביי דער צווייטער האַנד.

מיר גייען אָפּ אַ שטיקעל וועג בעט ער מיך זיך זעצען. משה׳לע איז שוין מיד, זאָגט ער. זעצען מיר זיך אויף אַ שטיין, אַ זעהר ראָמאַנטיש פּלאַץ. נעמט ער משה׳לען אויף די הענט און גיט אים אַ קוש. „איך קוש ניט קיין קינדער״, זאָגט ער, „אָבער אייער משה׳לען מוז מען קושען. מען מוז״.

פרייטאָג

ער איז זעהר אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן, דער מר. בערג. זעהר נאַאיוו און הארציג. נעכטען איז ער ארויס פון די כלים. אַ קוש משה׳לען און אַ קוש מיר. אַז מען איז די מאַמע פון אַזאַ שיין קינד איז מען ווערט אַ קוש — האָט ער געזאָגט, און מיר שוין טאַקע געגעבען. איך האָב ניט פּראָטעסטירט, ווייל ער האָט אָנגעגעבען אַן אורזאַך פאַרוואָס ער קושט מיך. ער טוט עס ניט צוליב זינדיגע מחשבות. עס איז אַ רייגער קוש. אַ קוש צו אַ מוטער דערפאַר וואָס זי האָט אַזאַ שיין קינד. אין אַ מינוט אַרום האָט ער ווידער געגעבען משה׳לען אַ קוש און מיר אַ קוש אַן צו זאָגען אַ תירוץ. אַ מינוט שפּעטער משה׳לען צוויי קושען און מיר צוויי קושען — גלייך אויף גלייך. האָב איך אַלץ געשוויגען. ווייל איך האָב אין דעם ניט געזען קיין שלעכטס. באַלד אָבער איז ער ארונטער פון חשבון. ער קושט אָן חשבון. משה׳לען איין קוש און מיר דריי. האָב איך אים געזאָגט: „מר. בערג, איך האָב דאָס פון אייך ניט ערוואַרטעט. איר האָט אויסגעזען אַזאַ פיינער, שטילער, גוטער מענש, און צום סוף... איך בין אַ פאַרהייראַטע פרוי, איך האָב ליב מיין מאַן".

„ענטשולדיגט", האָט ער געזאָגט, „ענטשולדיגט, איך האָב זיך פאַרגעסען. מער טו איך דאָס ניט. אייער משה׳לע האָט מיר אַזוי באַגייסטערט, אַז איך האָב זיך פאַרגעסען אַן חשבון. אָבער מער ניט, מער ניט". און מיט אַ גוטע נאַכט צו מיר און מיט אַ קוש צו משה׳לען האָט ער זיך מיט מיר געזעגענט.

שבת

„קום, משה׳לע, קום זיהנדעלע, קום, ווועלען מיר טרעפען דעם אָנקעל. דער אָנקעל האָט דיך ליב. אַ גוטער אָנקעל, אַ יאָ? ער האָט דיר נעכטען געגעבען טשאָקאָלאַד. ער וועט דיר היינט אויך געבען. קום, זיהנדעלע, קום אוצר מיינער, קדיש מיינער, גליק מיינס, קום!"

זונטאָג

אַיי איז ער אַ טייערער מענש, דער מר. בערג. קען ער ליבען! ער ווערט דאָך משוגע פון ליבע! וואָס דען, מיין מאַן האָט דען ליבע? מיין מאַן איז מיר נאָר אונגעטריי, אַ פאַלשע קאַץ. האָט נאָר ליב פרעמדע ווייבלעך און דאָס אַלעס. אָט דער מר. בערג איז אַ ליבער מענש, האָט

ער נעכטען מיר געשוואָרען ליבע מיט אַזעלכע פייערדיגע ווערטער וואָס איך האָב ביי מיין לעבען ניט געהערט. ער האָט אַ פרוי, איז זי ביי אים גאָרניט געגען מיין מינדסטען נאָגעל. ער האָט קינדער, זיינען זיי ביי אים גאָרניט געגען משה׳לעס אַ פינטל מיט׳ן אויג. ער איז גרייט פאַר מיר צו לויפען, פליען, שפּרינגען, גע׳הרג׳עט ווערען. מייגער אַ קוש איז ביי אים מער ווי זיין גאַנץ לעבען. איך האָב פון מיין מאַן נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזעלכע ווערטער און וועל קיינמאָל ניט הערען. אָבער פאַרוואָס האָב איך אים דערציילט, אַז איך האָב ליב מיין מאַן און אים געערגערט? האָב איך דען איצט ליב מיין מאַן? פאַרוואָס קומט אים צו פלאָגען? יעדעס מאָל וואָס איך האָב געלויבט מיין מאַן האָב איך געפילט ווי איך שטעך אים מיט אַ נאָדעל. פאַרדינט דען מיין מאַן איך זאָל אים ליבען? ער איז דאָך מיר פאַלש זייט דעם ערשטען טאָג נאָך דער חתונה. אַלע מענער זיינען פאַלש! אָבער מיר פרויען זיינען שוין אַזוי. מיר ליבען אונזערע מענער אפילו ווען מיר פאַרראַטען זיי.

מאָנטאָג

מר. בערג זאָגט, אַז ער מוז מאָרגען אַהיים פאָרען. זיין פרוי, זיין שלעכטע פרוי, פאָדערט אים אויף אַהיים צו קומען. צייג איך אים דעם בריעף פון מיין מאַן וואָס שרייבט מיר, אַז ער בענקט נאָך מיר און הייסט מיר בלייבען נאָך דאָ לאַנג צוליב מיין פלעזשור וועגען. איך גיב אַ קוש דעם בריעף פון מיין מאַן אַלעס אָנערקענונג פאַר מיין מאַנ׳ס ליבע צו מיר.

— זע אַ חילוק פון מיין מאַן ביז אייער פרוי, — זאָג איך אים.

מר. בערג האָט אַ זיפץ געטאָן.

— זיפצט ניט — זאָג איך אים — ווייל איך קען ניט ליידען ווען איר זיפצט.

— טאָ ווי זיפצט מען ניט, אַז מען מוז מאָרגען צוריקפאָרען צו דעם איגענעם ווייב? — זאָגט ער.

— איר וועט ניט פאָרען, — זאָג איך.

— איך מוז פאָרען, — זאָגט ער, — די פליכטען צו פרוי און קינדער רופען מיך אַהיים.

— איר וועט ניט פאָרען, — זאָג איך.

ער שווייגט.

— וועלען מיר זען ווער ס׳וועט אויספירען — די ליבע צו זיין —

דינסטאָג

ניטאָ קיין ליבע. אַלץ איז בלאָף. ער איז אַהיים געפאָרען, דער מר. בערג, צו זיין ווייב, וועלכע ער האָט באַרעדט, און מיך מיט משה'לען האָט ער איבערגעלאָזען.

מיטוואָך

מיר פאָרען אַהיים, משה'לע. ניטאָ דער אָנקעל, ס'איז אומעטיג. מיר פאָרען אַהיים צו פּאַפּאַ. דער פּאַפּאַ וועט דיך ניט איבערלאָזען. דער פּאַפּאַ איז ניט אַזאַ ליגנער ווי דער אָנקעל!...

אַזאַ געמיינהייט!

פאַראַן אַ סך מענער, וועלכע באַגייען געמיינהייטען געגען זייערע ווייבער, אָבער קיינער קען זיך ניט פאַרמעסטען מיט מיין מאַן. זיינע געמיינהייטען זיינען די שוידערליכסטע.

אמת, אַז מיין מאַן גייט פאַר מיר יעדען טאָג איינקויפען אין גראָסערי און אין בוטשער סטאָר. אין דער פרי לאָזט ער מיך שלאָפען שפּעט, טראָגט אַרונטער דעם גאַרבעדזש און מאַכט זיך אַליין פרישטיק, אמת.

ס'איז אויך אמת, אַז ווען ער קומט אַהיים פון דער אַרבייט און טרעפט ניט קיין נאַכטמאל, שרייט ער ניט ווי אַנדערע, נאַר גייט אַרונטער אין דעליקאַטעסען סטאָר און ברענגט זיך אַרויף אַ קאָרנביף־סענוויטש מיט אַ פּיקעל און איז צופרידען. ער וואַשט די טעלער; ער ראַמט אויף אין הויז, אויב ער וויל אַז ס'זאָל זיין אויפגעראַמט, און דאָך באַגייט ער די גרעסטע געמיינהייטען.

אמת, יעדן אָוונט קומט מיין מאַן אַהיים אַ מידער פון דער אַרבייט. לעגט זיך שלאָפען און איך גיי האָבען אַ „גוד־טאַים". איך בין דאָך ניט מיד פון דער אַרבייט. איז ווען איך קום אַהיים שפּעט, אַרום דריי אַזייגער ביינאַכט, כאַפּט ער זיך באַלד אויף, טוט אַ קוק אויפ'ן זייגער און פרעגט מיך „וואו ביזטו געוועזן ביז דריי אַזייגער?"

אָט פאַר אַזאַ געמיינהייט ווער איך אַן אַנגעצונדענע. וואָס אַרט אים אַז איך קום אַהיים שפּעט? ליגסט אין בעט און שלאָפסט, שלאָף ווייטער און באַדער מיך ניט. ענטפער איך באַלד בייז: „איך בין גע־גאַנגען מיט אַ געליבטען."

לאַכט ער (ער קען אויף מיר אַזעלכע זאַכען ניט גלויבען) און זאָגט: „איך ווייס אַז דו גייסט ניט מיט קיין געליבטע. אָבער איך בין נייגעריג צו וויסען, וואו שלעפּט זיך אַרום אַ פרוי אַזוי שפּעט?" — גיב איך אַ געשריי: „אַז דו געטרויסט מיר ניט פאַרוואָס פרעגסטו!" און איך

וויל מיט אים מער ניט ריידען אַ וואָרט, ווייל איך האָב פיינט אויף אַזעלכע פראַגען צו ענטפערען. ווארים אין דער אמת'ען בין איך דאָך טאַקע יאָ אַרומגעגאַנגען מיט אַ געליבטען. מיט וועמען דען וועל איך אַרומגיין אַזוי שפּעט ביינאַכט? — מיט אַ שכנ'טע?

אָבער דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע. ער באַגייט גרעסערע געמיינהייטען.

יעדעס יאָר שיקט ער מיך אין קאַונטרי. דוכט זיך פיין. אַ מאַן וויל אַז זיין ווייב זאָל זומער גוט פאַרברענגען. און איך קען זיך ניט באַקלאָגען, איך פאַרברענג טאַקע זייער גוט. איך בין אַ פרוי וואָס באַקען זיך שנעל מיט מענער; און דאָרט וואו איך בין דאָ וועט אַ מאַן זיך ניט לאַנגווייליגען. איך קלייב זיך שנעל אויס דעם מאַן וואָס געפעלט מיר, און מיר זעען, אַז דער זומער זאָל זיך אויף אונז ניט באַקלאָגען, אַז מיר פטר'ן אים אַוועק אָן ליבע.

אָבער וואָס־זשע קומט אַרויס, אַז ענדע וואָך קומט מיין מאַן צופאָרען אויף שבת און זונטאָג, און צעשטערט מיר צוויי טעג פלעזשור? דער גאַנצער זומער איז צוויי־דריי מאָנאַטען, און אַז מען נעמט דערפון אַרונטער צוויי טעג, יעדע וואָך, וואָס־זשע בלייבט דאָ?

אַזאַ געמיינהייט!

אָבער דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע!

לעצטען זומער האָט ער מיר אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס אפילו ווען מען וועט מיר לייגען שערבעלאַך אויף די אויגען, וועל איך עס ניט פאַרגעסען.

דעם ערשטען טאָג וואָס איך קום אַרויס אין קאַונטרי באַקען איך זיך מיט אַ יונגענמאַן, וועלכער ווערט מיר באַלד ליבער און טייערער פון אַלע מיינע געליבטע, וועלכע איך האָב געקענט מיין גאַנץ לעבען. איך באַשליס, אַז דאָס מאָל וועל איך שוין ניט דערלאָזען אַז מיין מאַן זאָל קומען ענדע וואָך און ביי מיר אַוועקרייסען צוויי טעג ליבע.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבען מיין מאַן אַ וואַרעמען בריף און אים געבעטען, אַז ער זאָל היינטיגען וויק־ענד ניט קומען. איך האָב אים דערקלערט, אַז די רום מיינע איז צו־ענג, אַז מען טומעלט צופיל און מען וועט אים ניט לאָזען שלאָפען; און איך וויל טאַקע ניט אַז ער זאָל זיך פלאָגען. ער אַרבעט שווער אַ גאַנצע וואָך. איך וויל אַז איין סוף־וואָך זאָל ער פאַרברענגען אַליין ביים ים. איך דערלויב אים איין סוף־וואָך צו זיין אַ פרייער מענש. איך בין ניט ווי אַנדערע ווייבער וואָס פאַרשקלאַפען זייערע מענער פאַר תמיד. איך וויל אַז איין פולע וואָך

זאָל ער זיין אינגאַנצען פריי. איך האָב אים באַשוואוירען ביי אונזער טרייער ליבע, אַז היינטיגע וואָך פאָרט ער ניט אין קאָונטרי.

איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט מיך פאָלגען.

פרייטאָג אָוונט, נאָך נאָכטמאָל, גיי איך מיט מיין געליבטען טשאַר־לי שפּאַצירען אין וואַלד, און מיר פילען זיך ווי די פויגעל אין וואַלד. פּלוצלינג הער איך פון דער ווייטענס אַ הוסט. איך האָב אין דעם הוסטען דערקענט אַז דאָס איז מיין מאַן. (ער האָט אַ ספּעציעלען סיגאַרעט־הוסט).

„טשאַרלי"! זאָג איך צו מיין געליבטען, „וואָס טוט מען? מיין מאַן גייט! ס'איז זיין הוסט!"

„ניט געזאָרגט", האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן, מיך אָנגענומען אונטערן אָרעם און מיך אַרויסגעפירט דורך אַ זייטיגען וועג, אַ קירצערען וועג, אַ „שאָרט־קאַט" (ער האָט אַפּנים ערפאַרונג אין אַזעלכע זאַכען).

קומענדיג אַהיים האָב איך זיך אָוועקגעזעצט מיט אַ צייטונג, און זיך געמאַכט ווי איך ווייס פון גאָרניט.

איך האָב, וואַרטענדיג אויף מיין מאַן באַשלאָסען ביי זיך ווי איך זאָל אים באַגריסען ווען ער וועט אַריינקומען: „דאַרלינג", וועל איך צו אים זאָגען, „איך בין אַזוי גליקליך וואָס דו ביזט געקומען. איך האָב געהאַט גרויס חרטה וואָס איך האָב דיר געשריבען, אַז דו זאָלסט ניט קומען. איך האָב דיך ערשט גערופען דורכן טעלעפאָן, אַז דו זאָלסט גלייך אַהער קומען. איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר; ס'איז מיר דאָ אַזוי לאַנגווייליג, דאַרלינג, לעבען מיינס!"

איך האָב אַ לאַנגע צייט גע'חזר'ט ווי אַזוי צו רעדען צו מיין מאַן, אַז ער זאָל ניט פאַרדעכטיגען אַז איך האָב אַ געליבטען.

איך וואַרט אויף מיין מאַן אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי שעה און ער איז ניטאָ.

וואָס קען דאָ זיין?

איך באַשליס ביי זיך, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות. איך בין אומ־זיסט אַנטלאָפען פון וואַלד, און דער מאַן וואָס האָט געהוסט איז גאָר ניט געווען מיין מאַן. פאַראַן נאָך מענער וואָס רויכערען און הוסטען.

איך לאָז זיך גיין צוריק צו מיין געליבטען, אים זאָגען די בשורה, אַז מיר האָבען זיך אומזיסט געשראָקען.

איך קום אַרויס אויפן פאָרטש. וועמען, מיינט איר, טרעף איך דאָרט? ס'וועט איך קיינמאָל ניט איינפאַלען. מיין מאַן צוזאַמען מיט מיין גע־ליבטען טשאַרלי און נאָך אַ יונגערמאַן זיצען און שפּילען פּינאָקעל. זיי האָבען זיך ערשט באַקענט, און זיי שפּילען שוין פּינאָקעל.

„טייערער!״ רוף איך אויס צו מיין מאַן און וויל זיך מיט אים אַרומ־כאַפּען. אָבער ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, איך זאָל אים ניט באַדערן, אויסרופענדיג: „350!״

דעם גאַנצען וויק־ענד האָבען מיין מאַן און מיין געליבטער געשפּילט פינאָקעל און איך בין געווען אָהן אַ מאַן און אָהן אַ געליבטען.

אַזאַ געמיינהייט!

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס.

מיין מאַן איז פאַרבליבען נאָך אַ פּאָר טעג און ווייטער נאָכאַנאַנד גע־שפּילט.

ווען איך האָב מיין געליבטען געכאַפּט אין אַ ווינקעל און אים געזאָגט: „גוואַלד, טשאַרלי, וואָס טוסטו? מיט דיין שפּילען אין קאָרטען מאַכסטו דאָך מיך אומגליקליך; ער וויל דאָך גאָר ניט אַהיים פאָרען!״ האָט ער געענטפערט: „איך קען זיך ניט העלפען. איך האָב ביי אייער מאַן אַ סך פאַרלאָרען. איך מוז אָפּגעווינען״.

אָט אַזעלכע געמיינהייטען באַגייט מיין מאַן! נעמט ער נאָך צו מיין געליבטען און געווינט נאָך ביי אים געלט אין פינאָקעל!

אַזאַ געמיינהייט!

בּיים ים



פלעזשור אין קוני אײלאַנד

אין אַ הײסען זומער־טאָג האָט חיים יאָסעל, דער סקוירט אָפּערײטאָר, גענומען זײן װײב שרה און זײנע זעקס קינדער, זײ אָװעקגעפירט קײן קוני אײלענד צום ברעג ים, זײ אָװעקגעזעצט און געזאָגט:

„האָט פלעזשור!״

זײן װײב שרה האָט מיטגענומען אַ היבש ביסעל סענעװיטשעס מיט פרוכט, דאָס אָװעקגעלעגט אויף פּאַפּיר און געזאָגט:

„האָט פלעזשור!״

די קינדערלאַך האָבען אָנגעהובען כאַפּען און זיך רײסען איבער די סענעװיטשעס. יעדער האָט געװאָלט אַ ספּעציעלען סענעװיטש, װאו עס האָט זיך געפונען אי אַ שטיקעל הערינג, אי אַ געליכבעל פון אַן אײ (די אַנדערע זײנען געװען אָדער מיט הערינג אָדער מיט אײ). אײן קינד האָט דערלאַנגט דעם צװײטען אַ זעץ.

חיים יאָסעל האָט געשריען אויף די קינדער פאַרװאָס זײ שלאָגען זיך. שרה האָט געשריען אויף חיים יאָסלען פאַרװאָס ער שרײט אויף די קינדער, און די קינדער האָבען געשריען אײנע אויף די אַנדערע. חיים יאָסעל האָט זיך אַ כאַפּ־געטאָן בײם קאָפּ און געזאָגט:

— „סאָם פלעזשור!״

שרה האָט דאַרויף געענטפערט:

„אַז דיר געפעלט ניט אַזאַ פלעזשור, זיצט מען אין דער הײם״.

חיים יאָסעל האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך פײנט צו קריגען. ער האָט זיך אויפגעהױבען, גענומען אַ שפּאַציר אויפ׳ן ביטש. אַפּגעגאַנגען אַ צװײ בלאָק, זעט ער אַ שײן װײבעל מיט אַ קינד. דאָס קינד האָט זיך געשפּילט מיט דער מאַמען, רוהיג, שטיל, ליבליך. האָט ער זיך אָװעק־געזעצט אַקעגען און באַװאונדערט די װײבעל מיט׳ן קינד, און מקנא געװען איר מאַן, כאָטש ער קען אים ניט. אַזאַ בר־מזל! האָט אַזאַ שײן

וויבעל און אין גאַנצען איין קינד און אַ רעכטס. עס שרייט ניט. האָט ער זיך גענומען צושאַרען און צו־שמייכלען צום קינד. און באַלד איז דאָס קינד מיט אים געוואָרען באַפריינדעט, און אין אַ פּאָר מינוט איז עס שוין געזעסען אויף זיין שויס און אים געגלעט.

די מוטער פון קינד האָט זיך צוגעקוקט פון דער זייט צו דער גאַנצער סצענע און ניט געזאָגט אַ וואָרט.

חיים יאָסעל האָט געשטעלט פראַגען דעם קינד? „וואו איז דיין טאַטע? וועמען האָסטו בעסער ליב, דעם טאַטען, צי דער מאַמען?״ דאָס קינד האָט געענטפערט זעהר קלוג, און די מאַמע איז געזעסען ווי אַ שטיין, זיך ניט גערירט.

חיים יאָסעל האָט גערעדט און גערעדט צום קינד און געקוקט אויף דער מאַמען, און זי שווייגט. ענדליך האָט די מאַמע זיך אויפגע־הויבען און געזאָגט:

— ווי איך זע, מיסטער, געפעלט אייך זעהר מיין קינד!

— ס׳איז אַ טייער קינד, — האָט חיים יאָסעל געענטפערט, — ס׳איז אַ פלעזשור מיט אים צו רעדען. אַ פלעזשור!

— אויב אַזוי, — האָט די מאַמע פון קינד געזאָגט, — וויל איך אייך בעטען אַכטונג צו געבען אויף מיין קינד פאַר אַ ווײַלע. איך וויל אַריינגיין אין וואַסער כאַפּען אַ שווים.

— מיט פלעזשור, — האָט חיים יאָסעל געענטפערט. — איר קענט שווימען ווי לאַנג ווי איר ווילט. איר דאַרפט זיך ניט איילען. עס איז אַ גרויס פאַרגעניגען צו פאַרברענגען מיט אַזאַ קינד.

די מוטער האָט אפילו ניט געענטפערט מיט קיין דאַנק. זי איז גלייך אַריינגעשפרונגען אין ים און איז אַוועקגעשוואומען. זי איז אַ גוטע שווימערין.

אַזוי שנעל ווי די מוטער איז אַוועקגעשוואומען, האָט דאָס קינד אָנגעהויבען שרייען: „מאַמע!״ חיים יאָסעל האָט גענומען זינגען פאַר׳ן קינד. (ער ווייסט פון ערפאַרונג, אַז זינגען איז גוט איינצושטילען קינדער). דאָס קינד האָט אויף אַ ווײַלע זיך בארוהיגט, אָבער האָט באַלד גענומען פרעגען מיט אַ וויינענדיג קול: וואו איז מיין מאַמע?

חיים יאָסעל האָט גענומען מאַכען קונצען פאַר׳ן קינד (ער ווייס פון ערפאַרונג, אַז קונצען מאַכען אַן איינדרוק אויף קינדער). ער האָט זיך איבערגעקוליעט עטליכע מאָל און זיך געשטעלט מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

די לעצטע קונץ איז דעם קינד שטאַרק געפעלען. ס'האָט געלאַכט. האָט ער אָבער אויפגעהערט שטייען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, האָט עס ווידער געוויינט. ער האָט געמוזט עטליכע מאָל זיך שטעלען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ.

ווען חיים יאָסעל איז געשטאַנען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, איז אָנגעקומען זיין ווייב מיט די זעקס קינדער און אויס־געשריען: „וואָס ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט די נאַכט און יענע נאַכט צו דיין קאָפּ!"

דאָס קינד האָט זיך דערשראָקען פאַר שרה'ס געשריי און אָנגע־הויבען וויינען.

— שאַ, — האָט חיים יאָסעל געזאָגט, — שאַ, דו האָסט איבער־געשראָקען דאָס קינד. ס'איז אַ וואויל קינד. — אין דער זעלבער צייט. האָט דאָס קינד אַרומגעכאַפּט חיים יאָסלען זיך צו באַשיצען פון שרה'ן.

— ווער איז דאָס קינד? אַהאַ! דו האָסט אַ קינד פון אַ צווייטער פרוי, — האָט שרה געפרעגט און געענטפערט. — דערפאַר האָסטו אונז גענומען אין קוני איילענד זיך צו טרעפען מיט דעם בענקאַרט. דערפאַר האָסטו זיך אַוועקגע'גנב'עט פון אונז. און וואו איז די מאַמע פון דעם ממזר?

חיים יאָסעל האָט עפּעס געוואָלט זאָגען. אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין מעגליכקייט. די מאַמע פון קינד איז אַרויסגעקומען פון וואַסער און זיך אַ לאָז־געטאָן צו איר קינד. זיין שרה האָט זי מכבד געווען מיט אַזאַ מאַנאָלאָג:

— ס'איז ווי צו אייך און צו אייערע יאָרען, וואָס איר האָט זיך אָפּגעזוכט אַזאַ סוויטהאַרט ווי מיין מאַן. איך דאַרף אייך ניט פאַרשילטען, ווייל איר זיינט שוין פאַרשאָלטען, און ווי איז צו מיין מאַן וואָס האָט אָפּגעזוכט אייך פאַר אַ סוויטהאַרט, אַזאַ פּעטשעריטשע. ס'איז אייךביידע ווי און ביטער!

חיים יאָסעל האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער ער האָט ווידער ניט געהאַט קיין מעגליכקייט, ווייל דאָס שיינע ווייבעל האָט גענומען דאָס וואָרט, און זי האָט געהאַט ניש'קשה פון אַ שטימע. זי האָט איבערגעשריען זיין שרה'ן. זי האָט געזאָגט:

— נעמט אייך אייער מאַן, דעם פויגעל, דעם פלאָסקעדריגע, וואָס זוכט ווייבלאַך אויפ'ן ביטש, און האַלט אים אייך. איך דאַרף אים אויף נייך־און־ניינציג כפּרות. איך האָב אים בלויז געבעטען אַכטונג צו געבען אויף מיין בעיבי, ביז איך וועל אַרויסקומען פון וואַסער. איך האָב צו אים

מער ניט גערעדט אַ וואָרט, און איך וועל מיט אים ניט רעדן, מיט דעם גאָרניט.

האָט שוין שרה'ן פאַרדראָסען פאַרוואָס די פרזי מאַכט פון איר יאָסלען אַ גאָרניט. האָט זי איר אָנגערופען מיט אַ פּאָר שאַרפע נעמען.

אין אַ מינוט אַרום האָבען בײדע װײבער זיך געהאַלטען בײ די האָר, און װען חיים יאָסעל האָט זײ געװאָלט פונאנדערנעמען, האָבען זײנע „קינדער געשריען:

„נאָ, פּאַפּאַ, לעט דעם פאַיט איט אַוט!"

אַ בריוול פון מיאַמי

ליבע טייערע מאַמע!

דיין פּלאַן מיך צו שיקען קיין פלאָרידע איז געווען גוט און קלוג. עס איז דאָ טאַקע שווער צו קריגען אַ רום, אָבער דערפאַר פעלען דאָ ניט קיין ליבהאָבערס. אמת, דאָ זיינען פאַראַן אַ סך קראַנקע, אָבער די ליבע איז דאָ ניט קראַנק. ליבע האָט פיינט קאַלטע געגענטען. ליבע האָט ליב וואַרימקייט, און דערפאַר פלאַקערט זי און פלאַמט דאָרט גאָר אַנדערש ווי אין ברוקלין. דאָ געדויערט עס בלויז מינוטען ביז איינער ערקלערט זיך אין ליבע און ס'געדויערט בלויז שטונדען ביז מען רעדט שוין וועגען תכלית, וועגען חתונה־האָבען.

איך בין דאָ ערשט פינף טעג און איך האָב שוין פיר ליבהאָבער. איך וועל דיר איבערגעבען אַלע איינצעלהייטען:

מיין ערטשער טאָג פון קומען אין מיאַמי ביטש איז אַוועק אין זוכען אַ רום. די אַנדערע פיר טעג האָב איך זיך אָפּגעגעבען מיט זוכען געליבטע, און איך האָב זיי געפונען פיל שנעלער ווי אַ רום. יעדען טאָג האָב איך געקראָגען אַ נייעם געליבטען און איך האַלט זיי אַלע פיר אין רעזערוו, ווייל איך ווייס נאָך ניט פאַר וועלכען פון זיי איך זאָל זיך אַנטשיידען.

צוערשט וועגען דער רום און דערנאָך וועגען די געליבטע.

וועגען דעם פּרייז פון דער רום וויל איך דיר ניט שרייבען, ווייל איך ווייס, אַז דו האָסט אַ הויכען בלוט־פּרעשור און איך וויל דיך ניט ערגערען. די רום געפינט זיך אויף אַ טאַפּ־פלאָר און איז זעהר קליין. איך וואוין דאָרט מיט נאָך אַ פרוי. צוויי פרויען קענען זיך דאָרט ניט אַוועקזעצען. אָבער די צווייטע פרוי איז זעהר אַ קליינע און אַ דאַרע. איך מיט איר צוזאַמען זיינען ווי אַ פרוי און אַ האַלב, און דאָרטען איז דאָ פלאַץ פונקט פאַר אַנדערהאַלבען פרויען. איך האָב די רום גענומען טאַקע צוליב מיין שותף'טע, וועלכע האָט צוויי גרויסע מעלות: ערשטענס, ווייל זי איז קליין און פאַרנעמט ניט קיין סך פלאַץ, און צווייטענס, ווייל זי איז אַן אלמנה און אַ מיטגליד פון אַ דאָרטיגען אלמנה־קלוב, וואו

עס קומען אַ סך אַלמנ׳ס און פאַרשיידענע אַנדערע מענער. טאָקע דורך איר האָב איך זיך באַקענט מיט די אַנדערע געליבטע און איך וועל דיר דאָ איבערגעבען אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון די אַלע ליבהאָבער:

ערשטער ליבהאָבער

ער הייסט מעקס, איז נאָך גאַנץ יונג. לויט ער גיט אָן זיין עלטער און לויט איך גיב אָן מיין עלטער, זיינען מיר ביידע אין די זעלבע יאָרען.

ביי אונזער ערשטער באַגעגעניש, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך געקענט פינף מינוט צייט, האָט ער מיר געגעבען אַ קוש און ער האָט געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט אים געגעבען אַ קוש, וואָלט עס ביי אים געווען דער גליקליכסטער טאָג און ער וואָלט דאָס געהאַלטען פאַר אַ גרויסען יום־טוב.

נאָך אַ האַלבער שעה צייט האָב איך אים געגעבען אַ קוש און ער האָט געזאָגט, אַז ביי אים איז איצט דער גרעסטער יום־טוב. ער איז אַרומגעלאָפען איבער׳ן צימער אַ ווילדער און געשריען: „גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!"

אין אַ שעה אַרום האָב איך אים געגעבען אַנצוהערען וועגען חתונה האָבען, איז ער אָפּגעשפּרינגען ווי אַן אָפּגעבריטער און אויסגערופען: „פע! חתונה האָבען איז אין דער וואָכען. ליבע איז יום־טוב. ער וועט קיינמאָל ניט לאָזען זיין יום־טוב זיך צושטערען פון וואָכענדיגע טעג. ער וויל, אַז עס זאָל ביי אים אייביג זיין יום־טוב".

נו, ווי געפעלט דיר אַזאַ משוגע׳נער?

אפשר האָסטו אַן עצה ווי איך זאָל איהם איבערצייגען צו מאַכען פון דעם יום־טוב אַ אין דער וואָכען?

צווייטער ליבהאָבער

דער צווייטער ליבהאָבער הייסט מעשעל. ער איז אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרען. איך האָב אים באַגעגענט אין דעם אלמנה־קלאָב (עס קומען דאַרטען ניט בלויז אלמנות, נאָר אויך עגונות און פאַרהייראַטע, און עלטערע מיידלאַך. ווער נאָר עס האָט פון ליבע און הייראַט קומט אַהין).

נאָר פינף מינוט צייט האָב איך געוואוסט וועגען זיינע ערפאָלגען אין ריעל־עסטעיט און אַז ער האָט אַ פּעקאַרד־מאַשין.

נאָך 10 מינוט צייט האָט ער מיר ערקלערט, אַז ער איז פאַר־הייראַט, נאָר ער האָט ניט ליב זיין ווייב.

נאָך 20 מינוט האָב איך געוואוסט וועגען אַלע חסרונות פון זיין ווייב.

נאָך אַ האַלבער שעה האָט ער מיר גענומען זיך פייערדיג ערקלערען אין ליבע. ווען ער האָט געהאַלטען אין זאָגען זיינע פייערדיגע ליבעס־ווערטער האָט ער זיך צעהוסט און מען האָט ניט געקענט הערען אַ וואָרט. די בעסטע ליבעס־ווערטער זיינען פאַרשלונגען געוואָרען. ער האָט זיין ליבנס־ערקלערונג דערנאָך אַמאָל אַנגעהויבען פון אָנהויב, קעמפענדיג מיט׳ן הוסט. אָבער דער הוסט איז געווען שטאַרקער פון אים. ער האָט זיך פאַרקייכט און מען האָט שוין מער ניט געקענט הערען אַ וואָרט.

ער וואָלט פאַר מיר געווען אַ גוטער שידוך. איך וואָלט געקענט אויספירען, אַז ער זאָל איבערלאָזען זיין ווייב צוליב מיר. אָבער איך האָב מורא פאַר זיין הוסטען. קען מען אַזאַ הוסטען אָפּשטעלען?

דריטער ליבהאָבער

מייך דריטער ליבהאָבער הייסט טעדי. ער איז ניט יונג, אָבער ער גייט אָנגעטאָן ווי אַ יונגער ספּאָרט און רעדט אימער וועגען זיינע העלדיש־קייטען: ווי אַזוי ער כאַפּט פיש, ווי אַזוי ער קען שנעל טרייבען זיין מאַשין (אַ קעדילאַק). אים האָב איך באַגעגענט ביי די „דאָג רעיסעס“.

נאָך צען מינוט צייט האָב איך שוין געוואוסט ניט ווייניג וועגען זיינע ערשטע צוויי ווייבער, וועלכע ער האָט אָפּ׳געג׳ט. איינע פון זיי האָט געוואָלט זיין אַן אַרטיסטקע, כאָטש זי האָט געהאַט אַ מאַנסבילשע שטימע.

נאָך צוואַנציג מינוט צייט האָט ער מיר דערקלערט פאַרוואָס ער וויל זיך גט׳ן מיט זיין דריטער ווייב און האָט געגעבען אָנצוהערען, אַז גט׳ן אַ פרוי איז ניט אַזוי לייכט, עס קאָסט אַ סך געלט, אָבער ער קען אַפאָרדען.

אין אַ שעה אַרום זיינען מיר ביידע געזעסען אין אַ פיינעם רעס־טאָראַן און ער האָט געאָרדערט פאַר מיר אַ סטעיק און פאַר זיך קרעקערס מיט מילך. ער איז אויף אַ דאַיעט און טאָר גאָרניט עסען, אַ חוץ קרעקערס מיט מילך.

דענקסטו, אַז ס׳איז ראַטזאַם חתונה צו האָבען מיט אַ מענשען וואָס עסט בלויז קרעקערס מיט מילך?

פערטער ליבהאָבער

דער פערטער ליבהאָבער הייסט לואי. ער איז געזונט, עסט סטעיקס. ער איז אין מיר שטאַרק פאַרקאָכט. נאָך 20 מינוט צייט האָט ער ערקלערט,

אַז ער איז גרייט מיך צו הייראַטען און האָט מיר צוגעזאָגט גאַנצע גליקען. ער דערציילט אָבער אַזעלכע מעשיות, אַז ס׳איז שווער אים צו גלויבען אַ וואָרט.

ער זאָגט, אַז ער איז געווען אַ גוטער פריינד פון פרעזידענט רוזוועלט און אַז מרס. רוזוועלט איז געווען פאַרליבט אין אים. ער איז אויך, זאָגט ער, געוואָרען אַ פריינט פון פרעזידענט טרומאַן, אָבער מרס. טרומאַן האָט צעשטערט זייער פריינטשאַפט, ווייל זי איז אייפערזיכטיג צו־ליב זיין פריינטשאַפט מיט מרס. רוזוועלט.

ער דערציילט, אַז מען לאָזט אים מער ניט צו צום האָרס־רעיס טרעק, ווייל ער האָט איינמאָל שיער ניט געבראָכען די אייגענטימער פון טרעק. ער ווייסט ווי צו וועטען זיך אויף די פערדלאַך. ער קוקט נאָר אָן די פערדלאַך, ווייסט ער שוין וועלכעס פערדעל ס׳וועט אַריינקומען. האָט ער געוועט אויף איין פערדעל און געוואונען טויזענטער; לאָזט מען אים מער ניט. מען האָט מורא פאַר אים. דאָסזעלבע איז מיט די הינט־רעיסעס. מען לאָזט אים דאָרט אויך ניט אַריין. ווייל ער איז אַ מבין אויף הינט.

ער זאָגט, אַז ער איז אַ מבין אויף פערד, הינט און מיידלעך און אַז איך געפעל אים.

ער זאָגט, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען פאַרהייראַט. ער האָט געוואַרט אויף זיין זיווג, און איך בין טאַקע דער אמת׳ער זיווג זיינער. קען מען אים גלויבען?

איך גלויב, מאַמע, אַז פאַר די פינף טעג וואָס איך בין אין מיאַמי האָב איך שוין פיל אויפגעטאַן, און איך האָף, אַז דער אינוועסטמענט וואָס איך האָב געמאַכט אין דער רייזע קיין פלאָרידע וועט ברענגען גוטען פראָפיט.

און דו, מאַמע, אַמוזיר דיך אין ברוקלין. קום ניט קיין פלאָרידע. ווען דו וועסט קומען אַהער וועסטו מיר קאַליע מאַכען די שידוכים. מענער האָבען פיינט ווען אַ מאַמע מישט זיך אַריין. איך וועל דיר שרייבען אַלץ וואָס עס וועט מיט מיר פּאַסירען און דו גיב מיר עצות פון דערווייטענס.

דיין ליבע טאָכטער, וועלכע ווינשט דיר צו זען אַ סך נחת ביי דיינע קינדער —

ר אָ ז ע.

אין רעדאַקציע

ער וויל אַ זון אַ שרייבער

אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה קומט אַריין אין רעדאַקציע אַ איד, פּירענדיג אַ דאַרען בחור ביי דער האַנד, און זאָגט:

— מיין נאָמען איז באַרענבוים. דאָס איז מיין איינציגער זוהן, לואי. איך וויל אים איבערלאָזען ביי אייך אין רעדאַקציע, איר זאָלט אים אויסלערנען זיין אַ שרייבער.

— ווי אַלט איז אייער זוהן? — פרעג איך אים.

— ניינצען יאָר, — זאָגט ער.

— ווי קומט עס וואָס ער איז ניט אין דער אַרמיי? — פרעג איך אים.

— ווען ער וואָלט געטויגט פאַר דער אַרמיי, וואָלט איך אים צו אייך געבראַכט? — זאָגט דער איד. — ער טויג פאַר קיין זאַך ניט. לערנען קען ער ניט. אַרבייטען וויל ער ניט. אַ קאָפּ האָט ער אַ שוואַכען. זאָל ער ווערען אַ שרייבער. איך וועל אים לאָזען ביי אייך פאַר אַ יאָר צייט אומזיסט. איך וועל אים אויסהאַלטען און דערנאָך וועט איר אים צאָלען וויפיל איר וועט וועלען. איך פאַרלאָז זיך אויף אייער יושר. אַבי ער זאָל זיך אויסלערנען זיין אַ שרייבער.

— פאַרוואָס דוקא אַ שרייבער? — פרעג איך אים — קיין בעסערען טרעיד קענט איר פאַר אים ניט געפינען?

— מיר געפעלט אַ שרייבער — זאָגט ער. — ערשטענס, איז דאָס אַ כבוד צו האָבען אַ זוהן אַ שרייבער. אַז קיין דאָקטאָר קען ער ניט ווערען, זאָל ער ווערען אַ שרייבער. אַ חוץ דעם, קען ער מיר אַליין ברייגנען גרויס נוצען אַלס שרייבער.

— וואָס פאַר נוצען? — פרעג איך אים.

— ער וועט באַשרייבען מיינע שונאים — ערקלערט ער מיר. — למשל, איך בין אין כעס אויף דעם פּרעזידענט פון מיין סאָסייעטי. ער

וויל מיר קיינמאָל ניט געבען דאָס וואָרט. זאָג איך צו מיין זוהן: באַשרייב אים, אַז ס׳זאָל אים פינסטער ווערען אין די אויגען! אָדער: איך קום אַריין אין אַ רעסטאָראַן, האַלטען זיך די וועיטערס גרויס. זיי ווילען ניט צוקומען צו מיר, און אַז זיי דערלאַנגען מיר שוין עפּעס, איז ניטאָ וואָס צו זען אויפ׳ן טעלער. זאָג איך צו מיין זוהן: באַשרייב דעם רעסטאָראַן מיט די וועיטערס. אי ער האָט וואָס צו שרייבען, אי איך נעם נקמה. אָדער: איך האָב אַ פריינד וואָס וואַרפט אַן אויגעל אויף מיין ווייבעל און מיין ווייב האָט אים אויך ניט פיינט. איך מאַך זיך ניט וויסענדיג. ס׳פּאַסט מיר ניט. איך וויל ניט מען זאָל זאָגען, אַז איך בין איפּערזיכטיג. זאָג איך מיין זוהן באַשרייבט ער זיי בײדען און בײדע ווערען געוואָר, אַז איך בין ניט אַזאַ יאָלד, ווי זיי מיינען. אָדער: איך האָב אַ לאַנדסמאַן, אַ רייכען מאַן, איך האָב זיך געדרייט אַרום אים, געלאַכט פון זיינע וויצען, אים שטענדיג געלויבט, געפירט אפילו מלחמות פאַר אים. טאָמער האָט איינער געזאָגט אַ שלעכט וואָרט אויף אים, האָב איך זיך געקריגט און זיך אַפילו געשלאָגען. דערנאָך, אַז איך בין געקומען ביי אים בעטען אַ דזשאָב, האָט ער מיך אַפילו ניט געוואָלט אויסהערען, דער חזיר. אָבער אַז איך האָב אַ זוהן אַ שרייבער, דערצייל איך אים און ער באַשרייבט אים, אַז ער זאָל האָבען צו געדענקען. ווי איר זעט, וועט שוין מיין זוהן ניט פעלען וועגען וואָס צו שרייבען.

איך האָב זיך געווענדעט צו זיין זוהן, לואי, און פרעג אים:

— און דו ווילסט ווערען אַ שרייבער?

— יאָ, — זאָגט ער.

— פאַרוואָס? — פרעג איך אים.

— ווייל, ווי מיין טאַטע זאָגט, איז דאָס אַ לייכטע אַרבייט און קורצע שטונדען — ערקלערט ער.

— דו האָסט אַ טעות — האָב איך אים געזאָגט — דאָס איז ניט קיין לייכטע אַרבייט. אַ חוץ דעם, קען מען זיך דאָס דאָ ניט אויסלערנען. מען דאַרף דערצו האָבען אַ געבוירענעם טאַלאַנט.

— איר ווילט מיר זאָגען — זאָגט מר. באַרענבוים — אַז די אַלע שרייבער דאָ האָבען פריער זיך ניט געלערענט אין אַ רעדאַקציע ווי צו ווערען שרייבער.

— ניין, — זאָג איך אים.

— אַט, למשל, איז שואל קאַפּיקע געוואָרען אַ שרייבער. איך הער שוין וועגען אים אַ סך יאָרען. ווי אַזוי איז ער געוואָרען אַ שרייבער? — פרעגט ער.

ערקלער איך אים:

— ער האָט אָנגעשריבן אַן ערצעלונג, זי געשיקט אין אַ רעדאַק־ציע, זי איז געפעלען, מען האָט זי געדרוקט און ער האָט ווייטער גע־שריבן.

— איר מיינט צו זאָגן — זאָגט מר. באַרענבוים, — אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געשריבן און ס'איז פאַרטיג געוואָרען אַ מעשה?

— עס קען זיין, — זאָג איך אים, — אַז ער האָט זיין מעשה איבערגעשריבן עטליכע מאָל. ער האָט מסתמא שווער געאַרבייט. אָבער ער האָט דאָס געטאָן אַליין. ביי קיין מלמד פון שרייבען ערציילונגען האָט ער ניט געלערענט.

— ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געשריבן? — ווידערהאָלט מר. באַרענבוים.

— יאָ, — זאָג איך.

ער האָט זיך געווענדעט צו זיין זוהן:

— דו הערסט ווי מען ווערט אַ לייט: מען זעצט זיך אַוועק און מען שרייבט! וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט זיך אַוועק־זעצען און שרייבען?!

— אָבער, דו הערסט דאָך, טאַטע, אַז ס'איז א שווערע אַרבייט. מען דאַרף זיצען אַ לאַנגע צייט און שרייבען. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב ניט קיין געדולד, — ערקלערט לואי.

— דו וועסט שוין ביי מיר זיצען און שרייבען! — האָט דער פאָטער אויסגערופען. — פאַרוואָס האָסטו ניט קיין געדולד? אין סקול לערנען זיך האָסטו ניט געוואָלט; אַרבייטען ווילסטו ניט; פאַר דער אַרמיי טויגסטו ניט, און אַ שרייבער ווילסטו אויך ניט ווערען?! איך וועל דיך צווינגען. דו וועסט מוזען. איך וועל דיך פאַרמאַכען אין צימער. דו וועסט ביי מיר זיצען דאָרט און שרייבען אַ גאַנצען טאָג!

איך האָב מר. באַרענבוים געוואָלט זאָגען, אַז ס'וועט ניט העלפען, אַז ער וועט אַ זוהן אַ שרייבער ניט האָבען; אָבער ער האָט מיך ניט געלאָזען אויסרעדען און ער האָט געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך פאַר דער אינפאָרמאַציע. איך וועל שוין פון מיין זוהן מאַכען אַ שרייבער. איך וועל אים פאַטשען אַלע טאָג. איך וועל אים ניט געבען קיין עסען, איך וועל אים אַזוי לאַנג שלאָגען ביז ער וועט ווערען אַ שרייבער. גוד־באַי!

זי רעדט צום פונקט

קומט אַריין אַ אידענע אין דער רעדאַקציע.

— קען איך זען דעם רעדאַקטאָר?

— ניין, — זאָגט מען איר — דער רעדאַקטאָר איז איצט שטאַרק פאַרנומען.

— ער מוז מיך אָבער זען. איך וועל קיין סך צייט ביי אים ניט פאַרנעמען — בעט זי זיך — בלויז פינף מינוט.

דער רעדאַקטאָר איז צוגעקומען.

ווערטער רעדאַקטאָר — האָט זי אָנגעהויבען — איך בין געבאָרען אין אָדעס ביי אָרימע עלטערן...

— איר דאַרפט מיר גאָר ניט דערציילען וועגען אייערע עלטערן — שלאָגט איר איבער דער רעדאַקטאָר — איך האָב קיין סך צייט ניט. דערציילט מיר דעם עיקר. וואָס פאַרלאַנגט איר?

— גוט — מאַכט זי — איך וועל רעדען צום פונקט. מיין ברודער איז זייער אַ רייכער מאַן און האָט פינף קינדער...

— איך וויל גאָר ניט וויסען וועגען אייער ברודער — פאָדערט דער רעדאַקטאָר — רעדט בלויז וועגען זיך אַליין.

— גוט — מאַכט זי — איך וועל רעדען וועגען מיר אַליין. צוריק מיט צוואַנציג יאָר האָב איך חתונה געהאַט מיט...

— דערציילט מיר גאָר ניט פון צוריק מיט צוואַנציג יאָר — בעט זיך דער רעדאַקטאָר — הויבט אָן פון היינט, פון נעכטען, אָבער ניט פון צוואַנציג יאָר צוריק.

— גוט — מאַכט די אידענע — איך וועל אָנהויבען פון נעכטען אָבענד. נעכטען אָבענד קום איך אַריין צו מיין שוועסטער לאה, איז ביי איר אין שטוב אַן איבערקערעניש. אַלעס איז צעוואָרפען און אויף דער ערד איז פול מיט מיסט. טאַ טרעפט־זשע וואָס טו איך?

— איר קערט אויס די שטוב.

— יאָ, איך קער אויס די שטוב — זאָגט זי — אָבער איך טו אַ קוק — די קינדערלאַך זיינען הונגעריג און עס איז ניטאָ קיין סאָפּער. וואָס־זשע טו איך?

— איר שטעלט זיך אַוועק און קאָכט סאָפּער — טרעפט דער רעדאַקטאָר.

— ריכטיג — מאַכט זי — אַזוי ווי איר זייט געשטאַנען דערביי. איך שטעל זיך אַוועק און קאָך סאָפּער. אָבער די קינדערלאַך זיינען דאָך אַלע פאַרשמירט, פאַר׳חזיר׳ט. וואָס?זשע טו איך?

— איר שטעלט זיך אַוועק און וואַשט אָפּ די קינדערלאַך.

— יאָ — מאַכט זי — איר ווייסט אַלעס. איך שטעל זיך אַוועק און וואַש אָפּ די קינדערלאַך. אָבער די קינדערלאַך חלש׳ען דאָך עסען. וואָס־זשע טו איך?

— איר נעמט און גיט עסען די קינדער.

— ריכטיג — מאַכט זי — איך נעם און גיב עסען די קינדער. אָבער נאָכ׳ן עסען בלייבט דאָך איבער טעלער אויפ׳ן טיש. וואָס־זשע טו איך?

— איר נעמט אַרונטער פון טיש און דאַן וואַשט איר איבער אַלע טעפּ און טעלער — טרעפט דער רעדאַקטאָר.

— ריכטיג — מאַכט די אידענע — זאָל איך אַזוי געזונט זיין ווי עס איז ריכטיג! אָבער דאַן טו איך אַ קוק — די קינדערלאַך, ווי די הינדלעך, פאַרוואַרפען די קעפּעלאַך און ווילען שלאָפען. וואָס־זשע טו איך?

— איר נעמט, טוט אויס די קינדערלאַך און לייגט זיי שלאָפען.

— זאָל איך אַזוי געזונט זיין — מאַכט די אידענע — איר טרעפט אַלעס. אָבער וואָס דענקט איר טו איך נאָכדעם ווי אַלע שלאָפען?

— איר לייגט זיך אויך שלאָפען.

— ריכטיג — מאַכט זי — אָבער באַלד קומט אָן מיין שוועסטער. וואָס־זשע, מיינט איר, טוט זי?

— זי וועקט אייך אויף.

— זאָל איך אַזוי לעבען! — מאַכט זי — ווי עס איז אַזוי געווען. זי האָט מיך אויפגעוועקט. איר זיינט אַ נביא. אָבער וואָס־זשע, מיינט איר, טו איך?

— הערט — מאַכט צו איר דער רעדאַקטאָר — מיר האַלטען דערביי ווי די קינדערלאַך שלאָפען און אייער שוועסטער קומט אָן און

וועקט אַײַך אויף. טאָ קומט מאָרגען וועט איר מיר דערציילען דאָס איבעריגע. מער קיין צייט האָב איך ניט. מײַנע פינף מינוט זײַנען אַוועק...

אויף מאָרגען איז דער רעדאַקטאָר דעם גאַנצען טאָג געווען פאַר־שלאָסען אין זײַן צימער. ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוקומען, טאָמער טרעפט ער זי.

ער וויל אַ קלוגע עצה

קומט אַריין אַ איד אין רעדאַקציע און זאָגט:

— איך וויל רעדען מיט אַ שרייבער וואָס איז קליגער פון מיר. איך וויל אים פרעגען אַן עצה.

— טאָ פרעגט — זאָג איך אים.

— איר האַלט זיך, הייסט עס, קליגער פאַר מיר — זאָגט ער — ווײַל איך איר זאָלט וויסען, אַז איך אַליין בין גאָרניט קיין נאַר. איז איידער איך פרעג אייך אַן עצה, ווײַל איך אייך שטעלען אַ פּאָר פראַגען צו זען דערפון ווי קלוג איר זענט.

— פרעגט — זאָג איך אים.

— אין קאַלעדזש זיינט איר געגאַנגען? — פרעגט ער.

— יאָ — זאָג איך.

— זיינט איר ניט קיין קלוגער — זאָגט ער — אַלע די, וועלכע שטודירען אין די ביכער קענען ניט דאָס לעבען און זיינען אין לעבען גרויסע טפשים.

— איך האָב אָבער ניט געענדיגט קאַלעדזש — זאָג איך אים.

— איר האָט, הייסט עס, ניט געוואָלט לערנען — זאָגט ער — זיינט איר ניט קיין נאַר.

— איך האָב ניט געוואָלט לערנען און זיך גענומען צו שרייבערײַ — זאָג איך אים.

— וואָס פאַר אַ סאָרט זאַכען שרייבט איר? — פרעגט ער.

— הומאָריסטישע, קאָמישע — זאָג איך.

— איר לאַכט, הייסט עס, פון יענעם — זאָגט ער — אַלע די, וועלכע לאַכען פון יענעם זיינען אַליין גרויסע בהמות. איך וועל אויף אייך זיך ניט פאַרלאָזען צו געבען מיר אַן עצה. גיט מיר אַ קלוגערען שרייבער פון אייך.

אַזוי ווי איך האָב ניט געוואָלט אויסבראַקירט ווערען אַלס אַן עצה־געבער, זאָג איך אים: „איך שרייב אויך פּיעסען. איך בין אַ דראַמאַ־טורג. איך האָב פּיעסען וואָס מען האָט געשפּילט און פּיעסען וואָס מען וויל ניט שפּילען“.

— איר שרייבט, הייסט עס, פּיעסען פאַר׳ן אידישען טעאַטער? — פרעגט ער.

— יאָ, — זאָג איך אים מיט שטאָלץ.

— אויב אַזוי — זאָגט ער — זיינט איר דאָך אַן אידיאָט. ווען איך זע אַ אידישע פּיעסע, קום איך צו דער איבערצייגונג, אַז דער פאַר־פאַסער איז אַן אידיאָט.

— איך בין אַ גאַליציאַנער — זאָג איך אים.

— אי אַ אידיאָט, אי אַ גאַליציאַנער — זאָגט ער — ניין! גיט מיר אַן אַנדערען עצה־געבער, אַ קלוגען און ניט קיין גאַליציאַנער.

— פאַרוואָס געפעלט אייך ניט קיין גאַליציאַנער? — פרעג איך אים.

— ווייל — ערקלערט ער — איך האָב אַן אידעם אַ גאַליציאַנער, איז ער אַ לעקטשורער. ער לעקטשורט וועגען פאַמיליע לעבען און קריגט זיך שטענדיג מיט זיין ווייב. ער לעקטשורט וועגען קאַפּיטאַל און אַרבייט און ניט ער האָט קאַפּיטאַל און ניט ער אַרבייט. איך דאַרף אים געבען אייביגע קעסט. בין איך געקומען אַהער זיך צו באַקלאָגען וועגען אים. איך וויל אַן עצה ווי פון אים פּטור צו ווערען. איז ווי קען איך זיך פאַרלאָזען, אַז אַ גאַליציאַנער זאָל מיר געבען אַן עצה געגען אַ גאַליציאַנער? איך וויל אַן עצה־געבער וואָס זאָל זיין אי קלוג, אי ניט קיין גאַליציאַנער.

טעאַטער

ער האָט געוואָלט ווערן אַ דראַמאַטורג

באַגעגען איך אַנומעלט מיינעם אַ לאַנדסמאַן, אַ בלאַסער יונגערמאַן, מיטן נאָמען נחום, האָט ער אויסגעזעהן נאָך בלאַסער ווי געווייגלעך. ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, האָט ער געענטפערט, אַז ער שרייבט אַ פּיעסע.

ער האָט מיר ערקלערט, אַז אַזוי ווי מען באַקלאָגט זיך אין דער טעאַטער וועלט, אַז עס איז ניטאָ קיין גוטע פּיעסען, וויל ער ראַטעווען די לאַגע. ער גלויבט, אַז מיט זיין פּיעסע וועט זיך אָנהויבן אַ נייע צייט פאַר דער בעסערער דראַמע. זיין פּיעסע וועט זיין אי גוט, אי ערפאָלגרייך.

איך האָב אים געוואונשען גליק און אים געראַטען זיך ניט צו איילען, נאָר אַרבעטען לאַנגזאַם, ווייל פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס. ער האָט מיר ערקלערט, אַז זיין טאַלאַנט אַרבעט שנעל. אַחוץ דעם איז דאָס אַזאַ סאָרט פּיעסע, וואָס שרייבט זיך פון זיך אַליין. ער זעצט זיך נאָר אַוועק ביים טיש מיט דער פעדער, איז שוין פאַרטיג אַ סצענע.

איך האָב אים געטראָפען מיט אַ וואָך שפּעטער, האָט ער אויסגעזען נאָך בלאַסער און מיר ערקלערט, אַז די פּיעסע איז שוין ביי אים פאַרטיג און אַז די שיך זיינען שוין ביי אים צעריסען פון אַרומגיין פון איין טעאַטער־מענעדזשער צום צווייטען. מען וויל ניט הערען לייענען זיין פּיעסע.

„ווי אַזוי", האָט ער געפרעגט, „קען זיך אַנטוויקלען די בעסערע דראַמע, אַז קיינער וויל ניט אויסהערען אַ יונגען טאַלאַנט?"

ער האָט זיך אַנטזאָגט פאַר מיר צו לייענען זיין פּיעסע און דערפאַר אָנגעגעבען אַ פּאָר גוטע אורזאַכען: „ערשטענס", האָט ער געזאָגט, „ביזטו מיינער אַ קאָנקורענט; דו שרייבסט אַליין פּיעסען, וועט דיר יע־

נעמס ניט געפעלען. צווייטענס, וואָס וועל איך האָבען, אַז עס וועט דיר יאָ געפעלען? אַז דו קענסט דיינע אייגענע פּיעסע ניט פאַרקויפען, ווי אַזוי וועסטו פאַרקויפען מיינע?״

ער האָט מיר ווייטער ערקלערט, אַז ער ווערט ניט אַנטמוטיגט. ער וועט זיך קויפען נייע שיך און ער וועט פאַרטזעצען זיין גיין פון איין מענעדזשער צום צווייטען, פון איין אַגענט צום אַנדערען. ער וועט פאַר זיין ווערק קעמפען ביז צו זיינע לעצטע כוחות.

מיט אַ צוויי וואָכען שפּעטער האָב איך אים געטראָפען, האָט ער אויסגעזען אַ סך בעסער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ נאָרמאַלער מענש, ווי איינער, וואָס שרייבט ניט קיין פּיעסען.

„נו, וואָס הערט זיך, וואָס מאַכט דיין פּיעסע?״ האָב איך אים געפרעגט.

„גאַנץ גוט״, האָט ער געענטפערט. „מיין פּיעסע איז שוין פאַר־זאָרגט.״

און ער האָט מיר גענומען דערציילען די פאָלגענדע געשיכטע:

„עס איז געווען אַזוי. איך בין געקומען צו איינעם פון די סטאַרס, וועלכער איז אויך אַ טעאַטער־דירעקטאָר, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין צייט צו הערען קיין פּיעסען. האָב איך אים געזאָגט, אַז „וואָס מיינט עס, איר האָט ניט קיין צייט, צו וואָס האָט איר יאָ צייט? פאַרוואָס באַקלאָגט איר זיך, אַז עס זיינען ניטאָ קיין פּיעסען, אַז איר ווילט אפילו ניט לייענען!״

ער איז געבליבען שטיין ווי געפּלעפט און געזאָגט: „נו, רעדט ווייטער. אויב איר זאָלט קענען אַזוי שרייבען ווי רעדען, וואָלט איר געווען גרויס.״

„צום שלוס האָב איך צו אים געמאַכט פאָלגענדען אַפּיל: „איר מוזט מיך ראַטעווען! איך גלויב, אַז מיין פּיעסע וועט ראַטעווען דאָס טעאַטער. ווען איר וועט לייענען מיין ווערק, איז אָדער איר וועט ראַטעווען דאָס טעאַטער, אויב עס איז אַזוי גוט ווי איך דענק, אָדער איר וועט מיך ראַטעווען, ווען איר וועט מיר זאָגען, אַז זי טויג ניט. איך וועל איינזען, אַז איך קען ניט שרייבען און וועל זיך נעמען צו אַן אַנדער אַרבעט. עמיצען וועט איר זיכער ראַטעווען״.

„דעם סטאַר זיינען מיינע אַרגומענטען שטאַרק געפעלען און ער האָט מיך איינגעלאַדען צו זיך אַהיים לייענען די פּיעסע.

„ווען איך האָב אָפּגעלייענט דעם ערשטען אַקט, האָט דער סטאַר און טעאַטער־דירעקטאָר מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט מיט באַ־

גייסטערונג: „לאָזט מיר אייך דריקען די האַנט, הער איבסען. איר זענט איבסען. ניין, נאָך גרעסער ווי איבסען. ביי איבסענען איז ניטאָ קיין הומאָר, און ביי אייך איז דאָ הומאָר אויך. לייענט דעם צווייטען אַקט."

„נאָכן צווייטען אַקט, ערקלערט מיר נחום, איז דער סטאַר אַרומגע־גאַנגען ווי אַ ווילדער איבערן הויז און אויסגערופען צו זיך אַליין: „איך בין גליקליך! איך בין גליקליך!" און זיך ווענדענדיג צו מיר האָט ער געשריען: „איך דאַנק אייך זייער, איך דאַנק אייך! איר האָט געראַטעוועט מיך און איר האָט געראַטעוועט דאָס טעאַטער. די פּיעסע איז גוט פאַר צוויי סעזאָנען, און זי וועט פאַרשאַפען גרויס כבוד פאַרן אידישען טעאַטער. פון בראָדוויי וועט מען קומען זען די פּיעסע און מען וועט זי כאַפּען פאַר בראָדוויי. איך וועל מיט אייך מאַכן אַ קאָנטראַקט און אייך געבען אַ פאַר הונדערט דאָלאַר. איך מוז האָבען אויך די „רעכט" פאַר ענגליש. לייענט דעם 3טען אַקט!"

„און נאָכן דריטען אַקט, וואָס האָט ער געזאָגט?" פרעג איך.

„נאָכן דריטען אַקט, האָט נחום דערציילט, האָט מיר דער סטאַר געגעבען אַ קוש און געזאָגט אַזוי: „דער דריטער אַקט שטעלט אייך אַוועק אַזוי הויך אַז איך האָב ניט קיין ווערטער אויסצודריקען מיין רעספּעקט פאַר אייער גרויסקייט. איך ווייס ניט צו וועמען אייך צו פאַר־גלייכען. ניטאָ קיין פאַרגלייך! איז איצט וויל איך, אַז איר זאָלט קומען מאָנטאָג צו מיר אין טעאַטער — היינט איז פרייטאָג — וועל איך אייך געבען אַ פאַר הונדערט דאָלאַר און פאַרגעסט ניט, אַז די ענגלישע רעכטע זיינען מיינע."

„נו, און ווייטער, וואָס איז ווייטער געשען?"

ער האָט פאַרגעזעצט:

„ווען איך האָב זיך שוין מיט אים געזעגענט אַוועקצוגיין, האָט ער מיך צוריקגערופען און געזאָגט אַזוי: „פון איצט אָן און ווייטער דאַרפט איר זיך האַלטען שטאַלץ געגען אַלעמען, איבערהויפּט געגען אייגענע, געגען פריינד, און ספּעציעל געגען אייער ווייב. אייער פרוי מוז וויסען, אַז איר זענט אַ גרויסער דראַמאַטורג און אייך רעספּעקטירען ווי איר פאַרדינט. פאָדערט רעספּעקט און איר וועט עס קריגען!"

„נו, און ווייטער?" פרעג איך אים.

ווייטער דערציילט ער מיר אַזוי:

„כ'בין אַהיים געקומען און געגומען דערציילען מיין ווייב וועגען מיין גרויסקייט, האָט זי געהערט מיט בלויז אַ האַלבען אויער און געזאָגט:

„וואָס טויגעז מיר די אַלע מעשיות, לאָמיך זען מזומן". האָב איך איר געזאָגט, אַז מזומן וועט אויך זיין; מאָנטאָג וועט זיין מזומן. דער עיקר איז דער כבוד, די גרויסקייט, מיין וויכטיגקייט. אָבער דאָס האָט אויף איר ניט געמאַכט קיין איינדרוק און זי האָט מיך געשיקט אין גראָסערי קויפען ברויט מיט מילך. האָב איך איר געזאָגט, אַז עס פּאַסט ניט פאַר אַ מענש, וועמען עס ערוואַרט אַזאַ צוקונפט, איבער וועמען בראָדוויי דאַרף זיך באַלד שלאָגען, אַז ער זאָל זיך טראָגען מיט גראָסערי זאַכען. האָט זי מיך אָפּגעזידעלט, האָב איך ניט געשוויגען. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, איך האָב איבערגעלאָזען מיין ווייב און זיך אַרויסגעצויגען אין אַ מעבלירטען צימער.

„און ווייטער?" פרעג איך אים.

„דערנאָך", דערציילט ער, „איז געקומען מאָנטאָג, בין איך אַוועק צום טעאַטער־דירעקטאָר אין זיין אָפּיס. דאָרט האָב איך געוואַרט אַ לאַנגע צייט. ענדליך איז ער אַנגעקומען, מיך ניט באַמערקט און זיך געקריגט מיט זיין פּובליסיטי־מאַן, פאַרוואָס אין דעם אַנאָנס איז זיין נאָמען מיט ניט גענוג גרויסע אותיות. ווען ער האָט דעם פּובליסיטי־מאַן גוט אָפּגעזידעלט, האָט ער זיך געלאָזען אַרויסגיין. איך האָב אים אָפּגעשטעלט און אים געזאָגט: „אַנטשולדיגט, איר האָט מיך גאָר ניט געזען?"

„נו", פרעג איך, „וואָס האָט ער געזאָגט?"

„ער האָט מיך באַטראַכט אַזוי ווי ער זאָל זיך דערמאָנען, וואו ער האָט מיך ערגעץ געזען. איך האָב אים געזאָגט, דאָס בין איך, דער דראַמאַטורג, וועמען ער האָט גערופען איבסען, דער פאַרפאַסער פון „די זיבען פינסטערע נעכט".

„ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט: „אַ, איז וואָס־זשע מאַכט איר, מיסטער איבסען?" זאָג איך אים: „איך בין געקומען צוליב געשעפט. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס און ער האָט געזאָגט: „הערט אויס, יונגערמאַן, ביי אונז אין טעאַטער איז גענוג פינסטער אָהן אייערע „פינסטערע נעכט". „סטייטש", זאָג איך אים, עס קען דאָך ניט זיין, נעכטען זענט איר דאָך געוועזען באַגייסטערט!" „אַ, נעכטען", זאָגט ער, בין איך געווען אין אַ גוטער שטימונג און איך האָב אייך געוואָלט מאַכען פילען גוט. אָבער היינט, זאָג איך אייך, אַז ניט איר קענט שרייבען פיעסען און ניט איר וועט קענען. איר ווייסט גאָר ניט וואָס די בינע איז; היינט זאָג איך אייך דעם אמת".

איך בין געפאַלען אין חלשות.

„ווייטער איז געווען אַזוי,“ דערציילט נחום. אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע ווערטער שיער דער'הרג'עט אַ מענשען, האָט ער מיך גענומען טרייסטען און געזאָגט: „הערט אויס. אַלע גרויסע מענשען האָבען ניט געקענט שרייבען קיין פּיעסען. נעמט פּרעזידענט רוזוועלט, אַ גרויסער מענש געווען, אַ פּרעזידענט! ער האָט קיינמאָל ניט געשריבען קיין פּיעסע. נעמט משה רבנו, ער האָט קיינמאָל ניט געשריבען קיין פּיעסע. נעמט פּראָפעסאָר איינשטיין, אַ יאָ אַ גרויסער מענש? ער האָט ניט געשריבען קיין פּיעסע. היינט צו וואָס דאַרפט איר זיין צווישען די פּיעסען שרייבער, די טראַמבעניקעס, אַז איר קענט זיין צווישען די גרויסע מענשען, וואָס שרייבען ניט קיין פּיעסען?“

„איצט,“ האָט נחום געזאָגט, „פיל איך בעסער. איך האָב די פּיעסע פאַרברענט. איך וואוין שוין צוריק מיט מיין ווייב און גיי אין גראָסערי קויפען מילך, פּוטער, אייער.

ווי איך האָב פאַרקויפט אַ פּיעסע

די צאָל פון מענשען, וועלכע שרייבען פּיעסען איז זעהר גרויס. פאַרוואָס? — ווייל ס'איז לייכט. מען זעצט זיך אַוועק און מען שרייבט און מען שרייבט ביז ס'ווערט פאַרטיג אַ פּיעסע. קיין שטראָף פאַר שרייבען אַ שלעכטע פּיעסע גיט מען ניט. איז דערפאַר ווער עס האָט נאָר צייט קען אָנשרייבען אַ פּיעסע.

די צרות הויבען זיך אָן ווען מען וויל פאַרקויפען אַ פּיעסע. יעדער איינער איז איבערצייגט, אַז ער האָט די אמת געראָטענע, געלונגענע פּיעסע, אָבער ווי זי צו פאַרקויפען ווייסט ער ניט. דערצו דאַרף מען האָבען אַ באַזונדערען טאַלאַנט. עס איז מעגליך, אַז איינער זאָל האָבען אַ זעהר גוטע פּיעסע און זאָל ניט קענען אפילו צוקומען צו דעם וואָס קויפט פּיעסען. עס איז מעגליך, אַז איינער זאָל זיין אַ קאַליקע אַ שרייבער, אָבער פאַר אים זאָלען זיך עפענען ברייט די טירען פון אַלע טעאַטער־אַגענטורען.

איך האָב געאַרבייט מעשים ביז איך בין צוגעקומען צו אַ טעאַטער בעל־הבית. צוערשט האָב איך אַ לאַנגע צייט געהאַדעוועט מיט מאַלצייטען אַ מין טעאַטער מעקלער, וועלכער האָט מיר פאַרשפּראָכען מיך צו באַקאַנען מיט דעם וויכטיגסטען טעאַטער־באָס. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז יענער מענש קען אפילו ניט צוקומען צו דער שוועל פון יענעם טעאַטער מענעדזשער.

איך האָב נאָך לאַנגע מי זיך באַפריינדעט מיט אַן אַנגעשטעלטען פון אַ טעאַטער, וועלכער האָט מיר פאַרשפּראָכען צו אַראַנזשירען אַן אַפּאָינטמענט מיט דעם אייגענטימער, און אים לייענען מיין פּיעסע. ער האָט מיר געהייסען קומען יעדען טאָג אין טעאַטער ביז איך וועל טרעפען דעם אייגענטימער אין אַ שטימונג צו לייענען מיין פּיעסע. ער האָט מיר ערקלערט, אַז אין די מייסטע פאַלען, ווען זיין באָס זעט אַ מענשען מיט אַ פּיעסע אונטער'ן אָרעם, זידעלט ער אים אויס און וואַרפט אים אַרויס. ער האָט בטבע פיינט שרייבער. אָבער עס זיינען פאַראַן מאָמענטען ווען

ער זוכט שרייבער און וויל הערען לייענען זייערע פּיעסען. איך מוז וואַרטען אויף אַזאַ מאָמענט.

דריי מאָנאַט צייט בין איך געקומען יעדען טאָג אין טעאַטער און דעם אייגענטימער ניט געטראָפען אין דער ריכטיגער שטימונג. צווי טעג בין איך ניט געקומען, האָט מען מיר געזאָגט, אַז גראָד אין יענע טעג איז געווען דער גוטער מאָמענט. אָבער איך האָב פאַרשפּעטיגט.

איך בין ווידער געגאַנגען יעדען טאָג. ביז איינמאָל זאָגט מען מיר: „מזל טוב! דער בעל־הבית איז אין דער ריכטיגער שטימונג, ברענגט די פּיעסע!"

איך האָב שנעל געבראַכט די פּיעסע און נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעלייענט דריי בלעטלעך, זאָגט צו מיר דער טעאַטער אייגענטימער: „ס'טויג ניט! גענוג!"

פרעג איך אים: ערקלערט מיר, ווי אַזוי קענט איר וויסען אַזוי שנעל, אַז די פּיעסע טויג ניט? עס איז דאָך מעגליך, אַז די ערשטע דריי בלעטלאָך זאָלען ניט טויגען, אָבער דאָס ווייטערע זאָל זיין גוט. וואַרפט מען אַרויס די ערשטע דריי בלעטלעך און מען האָט אַ גוטע פּיעסע".

זאָגט צו מיר דער מענעדזשער: „זאָגט מיר, אַן אינטריגאַנט האָט איר אין דער פּיעסע? אויב איר האָט ניט קיין אינטריגאַנט טויג ניט".

זאָג איך אים: „איך האָב אַן אינטריגאַנט, אַ גאַנץ שטאַרקען אינטריגאַנט, אַ בייזען אידען, מיט אַ רויטער באָרד".

פרעגט ער: „ווען קומט ער אויף דער בינע?"

זאָג איך אים: „ביים ענדע פון דעם ערשטען אַקט!"

זאָגט ער: „אַט דאָס ווייזט אַז איר קענט ניט שרייבען. ווייל דער אינטריגאַנט מוז קומען באַלד ווי מען הויבט אָן שפּילען".

„פאַרוואָס?" — פרעג איך.

„ווייל" — ערקלערט ער מיר — „דער עולם וואָס קומט אין טעאַטער איז אין כעס, ער איז ברוגז. ער האָט דאָך מיטן גוטען ווילען ניט געקויפט קיין טיקעט. מען האָט אים פאַרקויפט אַ בענעפיט־טיקעט און ער האָט דערפאַר באַצאָלט אַ טייערען פּרייז און האָט אַ שלעכטען סיט און ער איז אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. ווען אויף דער בינע באַווייזט זיך אַ בייזער איד, סימפּאַטיזירט ער מיט אים. איין בעל כעסן האָט ליב אַ צווייטען, און אַזוי ווערט ער פאַראינטערעסירט אין דער האַנדלונג. טאָמער אָבער קומט דער אינטריגאַנט שפּעטער, איז שוין

צו שפעט. דער עולם הערט שוין מער ניט וואָס ס'קומט פאַר אויף דער בינע".

איך האָב דעם אַרגומענט אָנערקענט און אים פאַרשפּראָכן איבער־צושרייבן די פּיעסע לויט זיין וואונש.

ווען איך בין געקומען צום צווייטען מאָל, האָט דער טעאַטער אייגענטימער מיך אויסגעהערט אַ גאַנצען ערשטען אַקט און געזאָגט: — אוי, שלעכט! שלעכט! איך דאַרף אַ פּיעסע. דער אינטריגאַנט איז אויס־געצייכענט. אָבער איר קענט ניט שרייבען. איר זענט ניט קיין דראַמאַטורג".

„וואָס פעלט דער פּיעסע?" האָב איך געפרעגט.

„אַלע אַייִרע העלדען רעדען כמעט די זעלבע צאָל ווערטער", האָט ער געזאָגט. „איר מוזט וויסען, אַז דער סטאַר וואָס קריגט ביי מיר פינף הונדערט דאָלער אַ וואָך דאַרף רעדען דריי פערטעל פון דער פּיעסע. איך וועל דאָך אים אומזיסט ניט געבען קיין געלט. דאָס אַנדערע פערטעל פון דער פּיעסע דאַרף אייגעטיילט ווערען לויט די ווערדזשעס. דער וואָס קריגט צוויי הונדערט דאָלער אַ וואָך רעדט מער, דער הונדערט און פופציג־דאָלאַרדיגער ווייניגער, דער וואָס קריגט הונדערט דאָלאַר אַ וואָך רעדט בלויז אַ פּאָר ווערטער, און דער וואָס קריגט פופציג דאָלאַר אַ וואָך, רעדט גאָרניט. ער גייט בלויז דורך די בינע און פאַרמאַכט די טיר".

איך האָב אים פאַרשפּראָכען צו האַלטען זיך נאָך זיינע רולס.

ווען איך האָב אים צום דריטען מאָל געבראַכט די פּיעסע האָט ער איבערגעלייענט אַלע אַקטען, האָט זי שנעל געקויפט, שנעל אויפ־געפירט און זי איז שנעל דורכגעפאַלען.

איך האָב געדענקט, אַז די פּיעסע האָט עהרליך פאַרדינט דעם דורכפאַל. זי האָט ניט געטויגט. אָבער דער בעל הבית, דער אייגענטימער, האָט באַשולדיגט דעם עולם. ער האָט געזאָגט, אַז דער עולם איז אַ גולם און פאַרשטייט זיך ניט אויף אַ גוטער פּיעסע. ער וויל שטרוי.

„די פּיעסע", האָט דער טעאַטער אייגענטימער געזאָגט, „האָט געהאַט דעם בעסטען אינטריגאַנט וואָס אַ פּיעסע האָט ווען געהאַט. דער סטאַר האָט געהאַט די בעסטע ראָלע. ער איז ניט אַרונטערגעגאַנגען פון דער בינע, ער איז אַרויפגעקומען אין אָנהייב פון ערשטען אַקט און איז קיינמאָל ניט אַרונטערגעגאַנגען. און גערעדט האָט ער פאַר פייער און וואַסער, און ווען אַן אַנדערער אַקטיאָר האָט געוואָלט זאָגען אַ פּאָר ווערטער, האָט ער ביי אים אויסגעכאַפּט און אויך געזאָגט זיינע ווערטער. אַזאַ פּיעסע האָט ניט געטאָרט דורכפאַלען!"

ווען שטאַרבט ער ?

איינמאָל אין אַ פרי־מאָרגען לויפט דער טעאַטער־דירעקטאָר מר. דרעה אַריין אין זיין אָפיס און שרייט אויף זיין סעקרעטאַר: „וואו ביסטו ערגיץ אין דער ערד, וואו? איך זוך דיך אַרום. איך האָב איצט געלעזען אין די צייטונגען וועגן איינעם אַ שרייבער, וואָס איז קראַנק. ווי הייסט ער דער שרייבערוק?

סעקרעטאַר: — אָה, איר מיינט דעם דיכטער זלמן. וועגן אים שרייבען איצט זעהר פיל די צייטונגען.

טעאַטער־דירעקטאָר: — אָט אָט. דעם מיין איך.

סעקרעטאַר: — ער איז אַ גרויסער דיכטער און איך גלויב ניט, אַז איר וועט זיך אינטערעסירען מיט אַזעלכע מענשען.

טעאַטער־דירעקטאָר: — איך האָס אָט די אַלע שרייבערוקעס. אָבער אין די פּייפּערס שטייט, אַז ער האַלט ביים שטאַרבען. האָט ער עפּעס געשריבען פּיעסען?

סעקרעטאַר: — געדענקט איר ניט, הערר דירעקטאָר, ווי צוריק מיט אַ וואָך איז דאָ געוועזען אַ בלאַסער יונגער מאַן מיט אַ מאַנוסקריפּט און געציטערט און זיך געשראָקען דאָס איבער־צולאָזען און איר האָט מיר דערנאָך געזאָגט, אַז איך זאָל אַזעלכע מענשען נישט אַריבערלאָזען די שוועל פון אייער אָפיס?

דירעקטאָר: — יאָ. ער האַלט איצט אָבער ביים שטאַרבען. האָט ער איבערגעלאָזען דאָ אַ דראַמע, אַ קאָמעדיע, אַן אָפּערעטע? עפּעס?

סעקרעטאַר: יאָ. אַ דראַמאַ.

דירעקטאָר: טאָ וואָס'זשע שוויגסטו. גיב אַהער די דראַמאַ און לאָמיר זי שוין לעזען.

סעקרעטאַר (ברענגט די דראַמע און לעזט פאָר): „די בינע שטעלט פאָר אַן אָרים שטיבעל, אַ צעבראָכען בענקעל, אַ צעבראָכען טישעל, אַ לעמפּעל אַ צעבראָכענס".

דירעקטאָר: אַלעס איז צעבראָכען. דאָס איז ליטעראַטור. דאָס פערטרייבט זיכער דאָס פּובליקום פון טעאַטער. אָבער ער האָלט דאָך ביים שטאַרבען. נאָך זיין טויט וועלען דאָך אים אַלע פּייפערס לויבען און דער עולם וועט לויפען אין טעאַטער זען דאָס מייסטער־ווערקעל פון דעם ערשט פאַרשטאָרבענעם שרייבער. נעם זיך שרייבען ראָלען און לאָ־מיר מאַכען פּראָבען און צוגרייטען די פּיעסע.

סעקרעטאַר: — און טאָמער שטאַרבט ער ניט?

דירעקטאָר: ער מוז שטאַרבען. וואָס הייסט? מיר וועלען אַלעס צוגרייטען און ער וועט נעמען און ניט שטאַרבען. גאָט וועט העלפען. ער וועט שטאַרבען.

סעקרעטאַר: — נו, גוט. איך וועל רופען די אַקטיאָרען אויף פּראָבע.

דירעקטאָר: — וואַרט, איך וועל פריער אַוועקלויפען צום קראַנקען פּראָפעסער זען צי קען מען זיך אויף אים פאַרלאָזען, אַז ער וועט שטאַרבען צו ניין. איר שפּילט זיך מיט אַ שרייבערוק. ער קען מיר אָנפייפען און געזונט ווערען. אים אינטערעסירען עפּעס מיינע ביזנעס? איך לויף שוין צו אים. האָסט זיין אַדרעסע?

סעקרעטאַר: — נאָט אייך דעם מאַנוסקריפּט. דאָ איז פאַראַן זיין אַדרעסע.

דירעקטאָר (כאַפּענדיג דעם מאַנוסקריפּט): — גוד באַי! ווינש מיר גליק! גאָט זאָל העלפען, ער זאָל זיך לאַנג ניט מוטשען. גוד באַי!

***

אויפ׳ן וועג פאַרענדיג רעדט דער דירעקטאָר צו זיך: — אַי ווען גאָט העלפט מיר און דער דיכטער טוט אַ שטאַרב אַוועק און אין טאָג פון דער לויה איז די פּרעמיערע פון זיין פּיעסע. פון דער לויה ציט זיך אַ גרויסע לאַין צו דער קאַסע פון טעאַטער צו זעהן דאָס מייסטערווערק פון דעם טויטען, דעם ערשט־פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסער. אַ גרויסע לאַין! גרויסער גאָט! העלף מיר! די עקספּענסעס זיינען אַזוי גרויס! וואָס טויג דיר דער דיכטערוק, וועלכער מוטשעט זיך און שטאַרבט פון הונגער? איז אַ טעאַטער ניט וויכטיגער? אַ גרויסע לאַין פון דער לויה צו דער קאַסע! אַ גרויסע לאַין! גרויסער גאָט, האָב רחמנות אויף דעם טעאַטער און דער׳הרג׳ע דעם שרייבערוק. דערוואַרג אים!

***

דער בלאַסער דיכטער איז נאָך בלאַסער געוואָרען ווען ער האָט דערזען דעם טעאַטער דירעקטאָר ביי זיך אין הויז לעבען זיין קראַנקען בעט.

טעאַטער דירעקטאָר: — איך בין געקומען אייך מבקר חולה זיין. ווי פילט איר? געבאַך קראַנק? איך פיר אויף אייער מייסטערווערק און איר זיינט קראַנק. דאָס איז די בעסטע דראַמע וואָס איך האָב ווען געלייענט. דאָס איז אַ געוואַלד! אַזאַ פאַרפאַסער טאָר ניט קרענקען.

זלמן: — וואָס? איר וועט שפּילען מיין פּיעסע? (הוסט).

דירעקטאָר: — איר הוסט תמיד אַזוי? אוודאי וועל איך שפּילען אייער פּיעסע. דאָס וועט זיין די גרעסטע סענסאַציע און סוקסעס. איר הוסט! הא?

זלמן: — יאָ. איך הוסט. איך בין זעהר קראַנק.

דירעקטאָר: — זעהר קראַנק. איך וועל אייער פּיעסע גיבען די רייכסטע אויסשטאַטונג. מען האָט אַזעלכע דעקאָראַציעס ניט געזען. עס וועט ווערט זיין צוויי דאָלאַר אַ טיקעט צו קוקען אויף די קאַרפּעטס.

זלמן: — אָבער אין מיין פּיעסע דאַרף מען ניט קיין רייכע אויס־שטאַטונג. דאָרט קומט פאָר בלויז אַן אָרעם הויז.

דירעקטאָר: — אַ יאָ, אַן אָרעם שטיבעל, אַ צובראָכען בענקעל, אַ צובראָכען טישעל. די גאַנצע פּוירגיטשור וועל איך אויסברעכען. רעאַליסטיש. ליטעראַטור. אָט דאָס וואָס איך האָב ליב. ווער דאַרף די רייכע דעקאָראַציעס מיט גלעקלאַך, מיט פענדלאַך, איז וואָס־זשע זאָגען די דאָקטוירים וועגען אייער קראַנקהייט?

זלמן: — ניט גוט.

דירעקטאָר: — ניט גוט? פייפט אויף די דאָקטוירים. אייער ווערק וועט מען שפּילען. אייער ווערק וועט לעבען. איר טאָרט זיך ניט מוטשען.

זלמן (זעצט זיך אויף מיט אַלע כוחות. צו זיין ווייב): ראָזע, ראָזעלע, איך מוז געזונט ווערען. גיב אַהער די מעדיצין.

ראָזע (אים גיבענדיג די מעדיצין): איך דאַנק אייך מר דרעה. איידער איר זיינט געקומען האָט ער ניט געוואָלט נעמען קיין מעדיצין. ער האָט געוואָלט שטאַרבען.

דירעקטאָר (אָוועקנעמענדיג דעם מעדיצין): גיט אים ניט קיין מעדיצין. דאָס איז סם. זאָל ער פייפען אויף די דאָקטוירים. זיי ווייסען גאָר ניט.

זלמן: — ניין. איצט וויל איך מעדיצין. איצט וויל איך לעבען.

דירעקטאָר: — ווי האָט געזאָגט שעקספיר. וואָס איז לעבען? דער עיקר איז, אַז מען האָט אַ שיינע לויה און אייער לויה איז גאַראַנ־טירט. איר מיינט, אַז איך וואָלט געלעבט ווען ניט דאָס טעאַטער מיט די גרויסע עקספּענסעס. אַזאַ מענש ווי איר לעבט ערשט נאָכ׳ן טויט. דאָרט איך דאָך דאָס אמת׳ע לעבען.

זלמן: — איצט מוז איך לעבען. איך מוז זעהן די אויפפירונג פון מיין ווערק. איר, הערר דירעקטאָר, האָט מיך מיט אייער בשורה געזונט געמאַכט. איך פיל, אַז איך בין שוין געזונט. ראָזע, גיב מיר עסען. איך בין הונגעריג. גיב מיך נאָך אַ סענעוויטש. גיב מיר מילך. איך בין געזונט. איך וועל נאָך שרייבען און שרייבען. איך דאַנק אייך מר. דרעה. גיב מיר נאָך אַ גלאָז מילך. איך בין שוין געזונט!

***

דער דירעקטאָר איז אַוועק־געגאַנגען און זיך אַליין געזידעלט: — אַי בין איך אַן אידיאָט! צו וואָס האָב איך אים געדאַרפט דערציילען, אַז איך וועל אויפפירען זיין פּיעסע. איך האָב מיט מיינע אייגענע הענט זיך איבער געשניטען דעם האַלז. ער איז דאָך שוין באַלד געזונט. ער עסט שוין סענעוויטשעס. אים אַרט עפּעס מיינע גרויסע עקספּענסעס? — אַ פאַסקודנער שרייבערוק! אַי בין איך אַן אידיאָט!

ער האָט געפּאַטשט אַ קריטיקער

אַמאָל האָט געלעבט אַ טעאַטער־מענעדזשער, מיט'ן נאָמען מר. בליק, וועלכער האָט ליב געהאַט צו הערען די מיינונגען פון אַנדערע איבּ זי האָבען איינגעשטימט מיט אים. ווען ניט האָט ער ניט געוואָלט הערען וואָס זיי רעדען.

ער האָט געהאַלטען, אַז די ערגסטע באַשעפעניש אויף גאָט'ס ערד איז אַ טעאַטער־קריטיקער. דאָס איז אַ מענש, האָט ער געזאָגט, וואָס ברענגט ניט קיין נוצען און טוט בלויז שלעכטס — אַ פּיאַווקע. צו וואָס, למשל, מישט זיך יענער אין די טעאַטער־געשעפטען? ווער פרעגט אים צי אַ פּיעסע איז גוט, אָדער שלעכט? ער האָט עפּעס אַריינגעלעגט אין די ביזנעס? ער צאָלט אַ טייל פון די עקספּענסעס?

פאַרוואָס? פלעגט ער שרייען, איז טעאַטער־ביזנעס אַזאַ זינדיגע פּרנסה, אַז יעדער זאָגט אַ דעה?

ווען אַ איד, וועלכער באַצאָלט צוויי דאָלער פאַר אַ טיקעט, גייט אַרויס פון טעאַטער און שרייט אויף אַ קול, אַז ס'איז אַ פאַסקודנע פּיעסע, איז אויך אַן עולה. וואָלט ער געוואָגט אַרויסצוגייען פון אַ בוטשער סטאָר און שרייען אַז דאָס פליישׁ איז פאַסקודנע? דער בוטשער וואָלט אים גוט אָנגעג'הרג'עט. אָבער דער איד שרייט כאָטש ניט אומזיסט. ער האָט באַצאָלט דערפאַר. אָבער וואָס וויל דער טעאַטער־קריטיקער? ער האָט געקראָגען צוויי פרייע טיקעטס, פאַר זיך און זיין ווייב. ס'געפעלט דיר ניט די פּיעסע, ליג אַיינגעלייגט! שוייג! ווער בעט דיך צו שרייבען?

אַזוי פלעגט מר. בליק אַרגומענטירען, און ווי וואָלט געווען דעם וואָס וואָלט ספּעציעל וועגען דער פראַגע ניט געווען אַיינשטימיג מיט אים.

זיינע אָנגעשטעלטע זיינען געווען מיט אים אַיינשטימיג וועגען אַלעס. זיי האָבען פאַראויס אויסגעפונען זיין מיינונג וועגען פאַרשידענע פראַגען און דערנאָך געוואוסט ווי צו רעדען מיט אים.

אפילו זיין ווייב האָט געמוזט זיין אײנשטימיג מיט אים, ווען ניט האָט ער געמאַכט סקאַנדאַלען. אויב זיין ווייב איז אַמאָל געווען פאַרעקשנ׳ט און ניט געוואָלט נאָכגעבען, פלעגט ער צו איר שרייען: „דו ביסט אַזאַ רשע ווי אַ טעאַטער־קריטיקער!״

געווען איין אָנגעשטעלטער זיינער, משה מאיר, איז ער געווען זיין בעסטער פריינד, ווייל ער האָט ניט בלויז געשטימט מיט אים וועגן אַלעס, נאָר ער פלעגט אים דערציילען אַלעס וואָס זיינע געגנער זאָגען. די טעאַטער־אָנגעשטעלטע, ווען זיי האָבען דערזען משה מאיר׳ן, זיינען געווען שאַ שטיל. מען האָט ניט גערעדט אַ וואָרט. מען האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל גלייך עס ניט אָפּטראָגען צו זיין בעל־הבית, מיסטער בליק, און נאָך דאָס באַפּאַרבען. משה מאיר האָט געהאַט אַ טבע ווען ער האָט געבראַכט אַ פּלאָטקע, האָט ער עס סערווירט מיט באַגלייטונג, מיט צימעס, מיט זיינע אייגענע אַ פּאָר ווערטער, וועלכע האָבען פאַרגרעסערט די זאַך.

מר. בליק האָט דערפאַר שטאַרק געהאַלטען פון משה מאיר׳ן און אים פאַרטרויט די גרעסטע סודות. ער האָט אים, למשל, פאַרטרויט, אַז איינער פון זיינע ליבסטע וואונשען איז, אַז אַ טעאַטער־קריטיקער זאָל אַריינפאַלען אין זיינע הענט און ער זאָל אים גוט צופּאַטשען. אַי וואָלט ער געפילט גוט!

איינמאָל אַ וואָך פלעג מר. בליק גיין אין אַ טערקיש באָד און מיט־נעמען משה מאיר׳ן. דאָרט האָט ער אים דערציילט אַלעס וועגען זיינע אַמאָליגע ליבעס, וועגען זיינע אַמאָליגע העלדישקייטען און משה מאיר האָט געקוואָלען, האָט הנאה געהאַט אַזוי ווי דאָס וואָלט פּאַסירט היינט און מיט אים אַליין.

איינמאָל, זיצענדיג אַזוי אין באָד מיט משה מאיר׳ן, גיט אים פּלוצלינג משה מאיר אַ זאָג: „ווייסט איר ווער דאָ איז דאָ? דער טעאַטער־קריטיקער ירוחם, אָט גייט ער״.

משה מאיר האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער דער טעאַטער־מענעדזשער האָט אים מער ניט געלאָזט רעדען אַ וואָרט. ער איז געוואָרען שטאַרק אויפגעקאָכט און אַלע זיינע געדאַנקען זיינען געווען קאָנצענ־טרירט אויף איין פּונקט: ווי אַזוי כאַפּט מען דעם קריטיקער ירוחם אין אַ ווינקעל, צווישען פיר אויגען, און מען ברעכט אים די ביינער? ווי אַזוי? ער האָט מיט משה מאיר׳ן מער ניט געוואָלט רעדען, נאָר בלויז געקוקט אויף דעם קריטיקער, ניט אַראָפּגעלאָזען קיין אויג פון

אים. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער חלילה פאַרלירט ער אים. ער זעט אים צום ערשטען מאָל. ער קען ניט קיינעם פון די קריטיקער. ער וויל זיי ניט קענען. ער וויל זיי בלויז פּאַטשען, און איצט איז געקומען דער מאָמענט. איצט אָדער קיינמאָל ניט!

משה מאיר האָט געזען, אַז דער טעאַטער־מענעדזשער וויל מיט אים איצט ניט פאַרברענגען, איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט. מר. בליק איז נאָכגעגאַנגען ירוחמ׳ען טריט ביי טריט. ירוחם איז געווען אַ מענש, אַ קורצזיכטיגער, האָט ער ניט באַמערקט דעם טעאַטער־מענע־דזשער און ער האָט אים ניט געקענט אויך. ער האָט אים אפשר אַמאָל געזען, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין זכרון צו געדענקען מענשען ווען ער האָט זיי איינמאָל געזען און בפרט ווען זיי זיינען נאַקעט, אין באָד.

ירוחם איז אַריינגעגאַנגען אין אַ סטים־רום. דער מענעדזשער איז אים נאָכגעגאַנגען. ירוחם האָט זעהר ליב צו זיצען לאַנג אין סטים־רום. דער מענעדזשער איז צוליב אים אויך דאָרט לאַנג געבליבען. אַלע זיינען פון דאָרט אַרויס. בלויז דער מענעדזשער און קריטיקער זיינען געבליבען. עס איז ענדליך געקומען דער מאָמענט: איצט אָדער קיינמאָל ניט! און מר. בליק האָט, אָן צו זאָגען אַ וואָרט, דערלאַנגט דעם קריטיקער אַ פּאָר זעץ. דער קריטיקער איז אַוועקגעפאַלען, זיך אויסגעשטרעקט. דער מענעדזשער איז אַרויס פון סטים־רום.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען דעם קריטיקער ירוחם אַרויס־געבראַכט פון סטים־רום. מען האָט אים דערמינטערט. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער ערקלערט, אַז ער געדענקט ניט וואָס ס׳איז פאַרגעקומען מיט אים. בלויז ווי ס׳איז עפּעס אַראָפּגעפאַלען אויף זיין קאָפּ.

— דאָס זיינען געווען מיינע קלעפּ — האָט דער מענעדזשער איינגערוימט משה מאיר׳ן — דאָס האָב איך אים אַזוי מכבד געווען מיט פּעטש.

משה מאיר האָט געגעבען אַ ניט־צופרידענעם בליק אויף מר. בליק׳ן.

— וואָס ביסטו ניט צופרידען? — האָט אים מר. בליק געפרעגט.

— דו דאַרפסט זיך דאָך פרייען. איך האָב געשלאָגען אַ רשע, אַ פּיאַווקע, אַ קריטיקער.

— אים האָט איר ניט געדאַרפט שלאָגען, — האָט משה מאיר ערקלערט. — ער איז אַ קריטיקער אַ צדיק. ער לויבט אַלע פּיעסען. ער האָט נאָך קיין שלעכט וואָרט אויף קיין פּיעסע ניט געזאָגט.

אַ פריינט אַ פּיעסען שרייבער

איך האָב געדאַרפט לייענען אַ קאָמעדיע אין אַ טעאַטער. די פאַרלעזונג האָט געדאַרפט הערען דער סטאַר און דער מענעדזשער פון דעם טעאַטער.ביידע זיינען פאַרטרויערטע מענשען און עס איז שווער זיי צו מאַכען לאַכען. ווען איך לייען אַ קאָמעדיע און מען לאַכט ניט, פאַרליר איך זיך. איך הויב אָן לייענען שלעכט און קוילע אָוועק די קאָמעדיע.

איך האָב דערפאַר באַשלאָסען מיטצונעמען צו דער פאַרלעזונג מיינעם אַ פריינד, אַ פּיעסע־שרייבער. ער שרייבט טראַגעדיעס, אָבער אין לעבען איז ער זייער אַ פריילּיכער. ער לאַכט פון יעדען וויץ האַרציג און הויך אויפן קול און שטעקט אַלעמען אָן מיט געלעכטער.

איך האָב מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל אַנוועזענד זיין ביי דער פאַרלעזונג און לאַכען אַזוי ווי ער קען. דערפאַר ווען ער וועט לייענען אין אַ טעאַטער זיינע אַ טראַגעדיע, וועל איך אויך אָנוועזענד זיין און וויינען ביי פיל סצענעס. איך קען זייער גוט וויינען.

ווען עס איז געקומען צו דער פאַרלעזונג, האָט דער טעאַטער־מענעדזשער זיך אָנטזאָגט אַריינצולאָזען מיין פריינד. ער האָט געזאָגט, אַז די פאַרלעזונג מוז זיין שטרענג פּריוואַט און ער וויל ניט קיין זייטיגע פּערזאָנען, ספּעציעל פריינט פון פאַרפאַסער.

איך האָב אָבער ערקלערט דעם מענעדזשער, אַז עס איז נויטיג, אַז מיין פריינד זאָל אָנוועזענד זיין ביי דער פאַרלעזונג, ווייל ער איז אַליין אַן אויסגעצייכענטער דראַמאַטורג, אַ פאַכמאַן, אַ גרויסער קענער פון דער בינע. ווען ער וועט הערען די פאַרלעזונג, קען ער אַמאָל געבען אַן עצה, וואָס זאָל זיין פון גרויס וויכטיגקייט פאַר דער פּיעסע.

דער מענעדזשער האָט ערקלערט, אַז ער וועט פאַר קיין פאַל ניט צולאָזען מיין פריינד טאָקע דערפאַר, ווייל ער איז אַ דראַמאַטורג און אַ פאַכמאַן. ער וויל ניט באַאיינפלוסט ווערען פון אַנדערע.

איך האָב אָבער געגעבען אַן אולטימאַטום: אָדער מען לאָזט מיין פריינד אַנוועזענד זיין ביי דער פאַרלעזונג אָדער איך לייען ניט די פּיעסע. מען האָט מיר ענדליך נאָכגעגעבען.

ווען איך האָב אָנגעהויבען לייענען, האָט דער מענעדזשער איבערגע־קוקט אַ פּאָר בילס, וועלכע ער דאַרף באַצאָלען. דער סטאָר האָט געדרייט נערוועז די האָר און מיין פריינד איז געזעסען שטאַרק פאַרזאָרגט און אַלעמאָל אַרויסגעלאָזען אַ טיפען קרעכץ.

איך האָב געאַרבעט מיט אַלע כוחות אַרויסצוקריגען אַ לאַך. אָבער ס׳איז ניט געגאַנגען. אַנשטאָט געלעכטער, האָב איך געהערט אַ קרעכ־צעריי. די הויפט קרעכצען זיינען געקומען פון מיין פריינד און דער סטאָר און מענעדזשער האָבען אים אונטערגעהאַלטען.

ענדליך, נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעלייענט אַ האַלבען אַקט איז מיר געלונגען אַרויסצורופען אַ געלעכטער אי פון סטאָר, אי פון מענעדזשער. דער איינציגער וואָס האָט דאָס קרעכצען ניט אָפּגעשטעלט, איז געווען מיין פריינד.

ווען איך האָב געענדיגט דעם ערשטען אַקט, האָט דער מענעדזשער זיך געווענדעט צו מיין פריינד און אים געפרעגט וואָס ער דענקט וועגען דער פּיעסע.

„איך אַנטזאָג זיך צו זאָגען מיין מיינונג ביז נאָך דעם צווייטען אַקט".

— האָט מיין פריינד ערקלערט.

ווען איך האָב גענומען לייענען דעם צווייטען אַקט, האָט מיין פריינד שוין מער ניט געקרעכצט, נאָר געגענעצט. ער האָט אַלעמאָל אַרויסגעלאָזן אַ הויכען, ברייטען געניץ און מיט דעם אָנגעשטעקט אי דעם מענעדזשער, אי דעם סטאָר, אי מיך אַליין. אָפט האָבען מיר געגענעצט אין כאָר. איך האָב אַזויפיל געניצען ניט געהערט אפילו ביי קיין לעקציעס.

ווען איך האָב געענדיגט דעם צווייטען אַקט, האָט דער מענעדזשער צו מיר געזאָגט:

„איך וויל איצט מיין מיינונג נישט זאָגען. איך וויל פריער הערען די מיינונג פון אייער פריינד, דעם דראַמאַטורג, פאַכמאַן און גרויסער קענער פון דער בינע, ווי איר האָט אים פאָרגעשטעלט".

מיין פריינד האָט געגעבען פאָלגענדיגע פייערליכע ערקלערונג:

„דער שרייבער פון דער פּיעסע איז מיין בעסטער פריינד. מיך וואָלט זייער געפרייט, ווען איך קען זאָגען אַ גוט וואָרט וועגען דער פּיעסע. אָבער, ערשטענס, בין איך אַן אויפריכטיגער מענש, איך מוז זאָגען דעם אמת; צווייטענס, איז מיר דאָס טעאַטער טייער, און איך וויל ניט,

אַז אַ טעאַטער זאָל לײדען: דריטענס, איז מיר מײן פרײנד זײער ליב; איך וויל ניט, ער זאָל לײדען. איך ווייס, אַז ווען די פּיעסע וועט דורכפאַלען, וועט דאָס טעאַטער זיך פאַרמאַכען, און דאָס וועט מײן פרײנד זײער ערגערען. איך קען אים, ער וועט קראַנק ווערען פון ערגערניש. איך זאָג דערפאַר, אַז די פּיעסע טויג גאָר ניט. פאַראַן אין איר מאַטעריאַל פאַר אַ טראַגעדיע, אָבער זי איז געשריבען אין אַ טאָן פון קאָמעדיע. איז זי ניט קײן קאָמעדיע און ניט קײן טראַגעדיע, און מען טאָר זי ניט אויפפירען".

דער מענעדזשער און דער סטאַר האָבען וואַרעם געדריקט די האַנט פון מײן פרײנד און אים געדאַנקט פאַר זײן מײנונג.

צום שלוס האָט דער מענעדזשער זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט:

„איך מוז אײך זאָגען, אַז אײער פרײנד איז אַן אמת'ער, אויפריכטיגער מענש, אַ פרײנד פון טעאַטער, אַ פרײנד פון אײך און אַ גרויסער פאַכמאַן. הלואי שרײבט ער פאַר מיר אַ פּיעסע".

איך האָב געשוויגען און געטראַכט בײ זיך: ווען מײן פרײנד וועט מיך רופען צו אַ פאַרלעזונג פון זײנער אַ טראַגעדיע, וועל איך אויך גײן און זיך אָפּרעכענען מיט אים. איך וועל נאָר לאַכען און וועל צום שלוס זאָגען, אַז דאָס איז מאַטעריאַל פאַר אַ קאָמעדיע. שלעכט אָנגעשריבען, און אַז עס איז געזינטער פאַרן טעאַטער און אים אַלײן, אַז מען זאָל עס ניט שפּילען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך געוואָר־געוואָרען, אַז מײן פרײנד האָט געלײענט זײנע אַ טראַגעדיע אין דעם זעלביגען טעאַטער. ער האָט מיך צו דער פאַרלעזונג ניט גערופען און ער האָט זײן פּיעסע פאַרקויפט.

אין עטליכע וואָכען אַרום האָט מען זײן פּיעסע אויפגעפירט. איך בין געגאַנגען צו דער פּערטער פאַרשטעלונג. איך האָב געטראָפען דאָס טעאַטער געשלאָסען. אינדרויסען האָט זיך אַרומגעדרײט דער מענעדזשער און מיר געזאָגט:

„אײער פרײנד איז שוין אײנמאָל אַ גרויסער דראַמאַטורג. מיט דרײ פאַרשטעלונגען האָט ער פאַרמאַכט אַ טעאַטער".

איך בין געגאַנגען באַזוכען מײן פרײנד אים צו טרײסטען. ער איז געלעגען אין בעט, קראַנק פון ערגערניש. איך האָב אים געזאָגט:

„ווען דו וואָלסט מיך אָבער געווען אויך מיטגענומען צו דײן פאַרלעזונג, וואָלט איך געווען געראַטעוועט אַ טעאַטער און דיך".

בראָדוויי

די פּיעסען פון ירוחם ליפּאָוויץ זיינען אָפט געווען אַן ערפאָלג. אָבער זיין ווייב איז ניט געווען צופרידען. „וואָס מ׳שטיינס געזאָגט קען מען שוין האָבען פון אַ אידישער פּיעסע, אפילו ווען זי איז אַן ערפאָלג?" האָט זי געזאָגט. „אַז מען האָט אָבער אַן ערפאָלגרייכע פּיעסע אויף בראָדוועי, ווערט מען באַרימט, ווערט מען רייך. איין ערפאָלג אין ענגליש מאַכט דעם פאַרפאַסער רייך, אָבער אידיש, וואָס?"

די שוויגער זיינע האָט געהאַלטען מיט איר טאָכטער און געזאָגט: —

„הער אויס ירוחם, צו וואָס דאַרפסטו זיך מוטשען מיט די אידישע פּיעסען? מאַך איין ענגלישע פּיעסע און ווער אַ מיליאָנער".

ירוחם האָט גע׳טענה׳ט, אַז אַפילו פון ענגלישע פּיעסען ווערט מען ניט קיין מיליאָנער. פאַראַן ענגלישע שרייבער קבצנים, אַ חוץ דעם קען ער ניט שרייבען קיין ענגלישע פּיעסען.

זיין ווייב האָט אָבער געזאָגט אַז ער קען. ער דאַרף נאָר וועלען.

עס איז אַוועק אַ צייט פון יאָרען און מען האָט פּלוצלינג ביי ירוחם׳ען אָפּגעקויפט אַ אידישע פּיעסע פאַר דער ענגלישע בינע. מען האָט אים געגעבען אַן אַדוואַנס און געקויפט די רעכט פון דער פּיעסע צו מאַכען פון איר אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע פאַר בראָדוועי.

זיין ווייב איז געווען גליקליך. זיין שוויגער האָט זיך געפילט שטאָלץ און געזאָגט, אַז זי האָט אים אויסגעקליבען פאַר אַן איידעם, ווייל זי האָט פריער געזען, אַז פון אים וועט אויסוואַקסען אַ גרויסער מענש. זיינע קינדער האָבען געטומעלט. ביים בוטשער און אין גראָסערי סטאָר האָט מען דיסקוטירט די נייעס. בלויז דער גראָסערי־מאַן איז געווען אַ פּעסי־מיסט און געזאָגט, אַז מען קויפט אַ פּיעסע מיינט נאָך ניט, אַז מען שפּילט זי. אָבער די ווייבער האָבען געזאָגט, אַז ווען מען גיט געלד שפּילט מען. אומזיסט גיט מען ניט קיין געלד און דער בוטשער האָט עדות געזאָגט,

אַז ער האָט געזען דעם טשעק פאַר דער פּיעסע, מרס. ליפּאָוויץ האָט ביי אים אויסגעביטען דעם טשעק.

„וואָס דען, פון דיר וועט זיין אַ לייט?" האָט אַ שכנה געיאָדעט איר מאַן, אַן אינשורענס אַגענט. „איך בין פונקט אַזאַ שיין וויבעל ווי מרס. ליפּאָוויץ. פאַרוואָס קומט איר אַ מאַן, אַן ענגלישער שרייבער, און מיר אַן אינשורענס־אַגענט?"

יעדען טאָג האָט ירוחם געבראַכט נייעס וועגען די צוגרייטונגען פון זיין פּיעסע און ער איז ביי זיין ווייב, שוויגער און קינדער געוואָרען אַלץ חשוב׳ער.

זיין ווייב און שוויגער האָבען אים געקאָרמעט מיט יאַיכלאַך, מיט לעבערלאַך. מען האָט אים געבאַקען ספּעציעלע קנישעקלאַך וואָס ער האָט ליב. דער בוטשער האָט איר פאַרקויפט גוטען סטעיק. אַלע האָבען געוואָלט, אַז ירוחם זאָל אויסזען געזונט, שיין, ניט ווי אַ אידישער פאַרפאַסער, נאָר ווי אַ שרייבער פון בראָדוועי.

איין מאָל איז ירוחם אַהיים געקומען אַ טרויעריגער. ער האָט ניט געוואָלט עסען די קנישעקלאַך.

„וואָס איז געשען, ירוחם?"

„ס׳איז ניט גוט", האָט ער געזאָגט. „איך זע אַליין ווי מען ענדערט מיין פּיעסע. מען צאַפּט פון איר בלוט, אַ האַלבע פּיעסע האָט מען שוין אַרויסגעצאַפּט".

זיין ווייב האָט אים געטרייסט און געזאָגט, אַז ס׳איז בעסער צו האָבען אויף בראָדוועי דריי ווערטער ווי אין אידיש אַ גאַנצע פּיעסע.

איינמאָל איז ער אַהיים געקומען זייער פאַרביטערט און אויסגעזען נאָך ערגער ווי ער פלעגט אויסזען נאָך זיינעם אַ דורכפאַל אין אידיש (די לעבערלאַך און די קנישעקלאַך האָבען ניט געהאָלפען). „צו וואָס האָט מיר געטויגט בראָדוועי?" האָט ער געזאָגט. „אַז מען צאַפּט פון מיר בלוט יעדען טאָג זעענדיג ווי מען וואַרפט אַרויס די גאַנצע נשמה פון מיין פּיעסע. עס זיינען שוין אַפילו דריי פון מיינע אייגענע ווערטער ניט געבליבען", האָט ער ערקלערט.

„אַבי דיין נאָמען איז פאַראַן אויף דער פּיעסע", האָט זיין ווייב אים געטרייסט. „קריגסטו אַ נאָמען אַלס אַ בראָדווייער פאַרפאַסער, ביזטו אַ געמאַכטער מענש. מען וועט כאַפּען ביי דיר אַלע דיינע פּיעסען און מ׳וועט דאַן מוזען זיי שפּילען ווי דו ווילסט. דער עיקר איז דער נאָמען".

איינמאָל איז ירוחם אַהיים געקומען מיט טרערען אין די אויגען

און אויסגעזען ווי אַ מינוט פאַר׳ן טויט. ער האָט ערקלערט, אַז אַפילו זיין נאָמען וואַרפט מען אויך אַרויס. זיי ווילען ער זאָל זיך רופען זשעראָם לאָרענצאָ, אַנשטאָט ירוחם ליפּאָוויץ. זיי זאָגען, אַז אויף בראָדוועי האָט מען ניט ליב קיין אידישען נאָמען. עס וועט שאַדען צו ביזנעס.

„זיי זיינען גערעכט״, האָט געזאָגט זיין ווייב. „ירוחם ליפּאָוויץ איז טאַקע ניט קיין שיינער נאָמען. ווער האָט געהערט אַז אַ פּאַרפאָסער אויף בראָדוועי זאָל הייסען ירוחם? זשעראָם לאָרענצאָ קלינגט וואונדערבאַר. לאָרענצאָ איז אַ מחיה. אַרויסצורעדען און זשעראָם איז אַ שיינער נאָמען.

אַפילו די שוויגער האָט איינגעשטימט צו ענדערען דעם נאָמען.

„צוליב פּרנסה מעג מען אַלעס״, האָט זי געזאָגט.

אין גאַס, ביים בוטשער, אין גראָסערי, האָט מען באַלד געוואוסט, אַז ירוחם ליפּאָוויץ׳ס נאָמען איז געענדערט געוואָרען אויף זשעראָם לאָרענצאָ.

„מרס. לאָרענצאָ״, האָט דער בוטשער איר געזאָגט, „גאָט אַיך אַ גוטען סטעיק פאַר אייער מאַן דעם פּאַרפאָסער״.

„זשעראָם״, האָט זיין ווייב אים געזאָגט „עס אַ קנישעקעל און קריג כוח. דו דאַרפסט איצט זיין געזונט צו דערלעבען דיין גרויסען ערפאָלג״.

מרס. לאָרענצאָ צוזאַמען מיט איר מאַמע און קינדער פלעגען לויפען זעהן די פּראָבען פון די פּיעסע און קומען אַהיים אַ גליקליכע און נאָכזינגען די סאָנגס פון דער מוזיקעל קאָמעדי. דער איינציגער אומ־גליקליכער איז געווען ירוחם. ער איז צו די פּראָבען מער ניט געגאַנגען. אים האָבען די סאָנגס געשטאָכען. יעדעס לידעל פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון דער פּראָזע פון זיין פּיעסע, און לויט זיין מיינונג פּאַסען זיך די לידלאַך צו דעם אינהאַלט פון זיין פּיעסע ווי אַ פּאַטש צו גוט שבת. אָבער מיט זיין מיינונג רעכענט מען זיך ניט. מען האָט אים געזאָגט, אַז אַ אידישער פּאַרפאָסער פאַרשטייט ניט וואָס בראָדוועי האָט ליב. אפשר זיינען זיי גערעכט, טראַכט ער. אפשר וויל בראָדוועי אַזאַ חזיריי. אָבער ער האָסט דאָס. ער קען זיין פּיעסע, ווי זי איז איצט, מער ניט פאַרטראָגען.

ענדליך איז די פּיעסע אויפגעפירט געוואָרען. די קריטיקען זיינען געווען זייער שלעכטע. זיי האָבען געזאָגט, אַז די מוזיק איז ניט גוט און די פּראָזע איז נאָך ערגער. ער איז געווען איינשטימיג מיט די קריטיקען. אָבער די פּראָדוסערס האָבען אים געזאָגט, אַז די קריטיקער פאַרשטייען אַזוי ווייניג ווי ער, און אַז מוזיקאַלישע פּיעסען קענען זיין אַן ערפאָלג אָן

קריטיקער. זיין ווייב און שוויגער זיינען געווען איינשטימיג מיט די פּראָדיוסערס. זיי איז געפעלען די פּיעסע.

נאָך דעם ווי די פּיעסע איז אָפּגעשפּילט געוואָרען עטליכע טעג, האָט מען דעם פּאַרפּאָסער געגעבען אַ היבשע צאָל בילעטען אויסצוטיילען צו זיינע פריינד, כדי אָנצופּאַקען דעם טעאַטער, אַז מען זאָל ניט דאַרפען שפּילען פאַר ליידיגע ווענט. ער האָט די בילעטען געגעבען צו זיין ווייב און זיין ווייב האָט זיי צעטיילט צו די שכנ׳טעס, בוטשער, גראָסערימאַן און קרובים.

אין אַ מאָנטאָג אָוונט איז אַ סאָבוועי טרעין אויפ׳ן וועג צו בראָד־וועי געווען געפּאַקט מיט די שכנים, און פריינד, און קרובים פון דעם פּאַרפּאָסער.

ווען זיי האָבען געוואָלט אין סאָבוועי רעדען אידיש, האָט מרס. לאָרענצאָ זיי ניט געלאָזען. „רעדט ענגליש, איר פאָרט זען אַן ענגלישע פּיעסע״, האָט זי צו זיי געזאָגט.

ביים טעאַטער האָט מרס. לאָרענצאָ מיט שטאָלץ געצייגט אַלעמען די בילדער פון די כאָריסטקעס און אַקטיאָרען.

זיי זיינען אַלע אַריין אין דער לאָבי, וועלכע איז געווען געפּאַקט מיט פרייע בילעטניקעס. ביים באָקס־אָפיס האָט זיך ניט געוויזען אַ נפש.

פּלוצלונג האָט זיך דורכ׳ן עולם דורכגעריסען אַ לאַין פון כאָריסט־קעס מיט רענצלאַך, דערנאָך אַקטיאָרען. זיי זיינען געגאַנגען שנעל, מיט ברוגז׳ע פּנים׳ער.

פאַרוואָס לויפען זיי און פאַרוואָס גייען זיי גאָר פון טעאַטער אין גאַס אַרויס אַנשטאָט פון גאַס אין טעאַטער? און פאַרוואָס טראָגען זיי זייערע זאַכען? האָט דער עולם זיך געוואונדערט.

צום שלוס איז געגאַנגען דער פּאַרפּאָסער ירוחם מיט׳ן פּראָדיוסער און גערעדט אין אידיש.

פּראָדיוסער: — אַזאַ פּיעסע ווי אַייערע וואָלט אַפילו ניט געווען גוט פאַר אָרטשאַרד סטריט.

פּאַרפּאָסער: — אַזאַ אינטעליגענטער מענש ווי איר וואָלט זיך בעסער געפּאַסט צו זיין אַ פאַרשטשיק אין אַ באָד אַנשטאָט אַ פּראָדיוסער.

אַ פּאָר פּעטש האָבען אָפּגעקלונגען אין דער לופט. דאָס האָבען פּראָדיוסער און פּאַרפּאָסער זיך דערלאַנגט איינער דעם צווייטען.

„שיינע גליקען אויף בראָדוועי, מען כאַפּט פּעטש״, האָט געזאָגט די בוטשערקע.

„איר וואָלט זיך געוואונשען, אַז אַייער מאַן זאָל כאַפּען פּעטש און

האָבען אַ פּיעסע אויף בראָדוועי", האָט דעם פּאַרפאָסער'ס שוויגער איר געענטפערט.

„וואָס איז געשען, זשעראָם?" האָט די ווייב אים געפרעגט.

„דו מעגסט מיך שוין רופען ירוחם אַנשטאָט זשעראָם", האָט דער פּאַרפאַסער געענטפערט, „די פּיעסע מיינע איז שוין פאַרמאַכט".

צוריקפאָרענדיג אין סאָבוועי האָבען אַלע גערעדט אידיש...

אַ מבינ׳טע אויף טעאַטער

מיין מאַן, זאָל לעבען, האָט זעהר ליב צו גיין מיט מיר אין טעאַטער. ער זאָגט: איך בין אַזאַ מבין אויף טעאַטער, אַז איך וואָלט אַליין געקענט אָנשרייבען אַ פּיעסע; קויפט ער בענעפיט טיקעטס האַלב אומזיסט, און כמעט אַלע וואָך גייען מיר צו אַ שאָו. איז ווען מיר זיצען אין טעאַטער, טרעף איך וואָס ס׳וועט ווייטער פאָרקומען.

אַזוי שנעל ווי דער פאָרהאַנג גייט אויף, באַווייזט זיך אַ איד מיט אַ רויטער באָרד, זאָג איך צו מיין מאַן: משה, זעסט דאָס אידעל, ער וועט מאַכען טראָבעל! דאָס איז אַ איד אַ פּאַסקודניאַק! און באַלד טאַקע הויבט דער איד אָן זאָגען ליגען, פּליאָטקעס; אַ שאַנדע וואָס מיר האָבען אַזעלכע אידען אויף דער וועלט!

דאַן קומט אַרויס אַ מיידעל מיט אַ ווייס פּנים, אַ צנועה. זאָג איך צו מיין מאַן:

— משה, דו זעסט די אומשולדיגע מיידעל, מען וועט זי פאַרפירען!

— ווען?

— אין צווייטען אַקט!

צווייטער אַקט — די אומשולדיגע מיידעל האָט פאַרלוירען איר אונשולד און זי בעט צו גאָט: „פאַרוואָס שטראָפסטו מיך אַזוי גרויזאַם? פאַרוואָס שווייגסטו דעם שאַרלאַטאַן, דעם בעסטיאַלישען ,מיידעל־פאַר־פירער?

ביי מיין מאַן קלאַפּט שטאַרק דאָס האַרץ. ער האָט גרויס רחמנות אויף דער פאַרפירטער, זאָג איך צו אים:

— זאָרג זיך ניט, מיין מאַן, די פאַרפירטע וועט אַ כלה ווערען און וועט חתונה האָבען מיט דעם שיינעם בחור וואָס זינגט שמע ישראל.

— ווען?

— אין דריטען אַקט.

דריטער אַקט: אַ חופּה, אַ חתונה, מיט אַ סך סאָנגס, מיין מאַן קוועלט: מזל־טוב — שרייט ער — בראוואָ!

נו, איז אַ וואונדער וואָס מיין מאַן האָלט מיך פאַר אַ חכמה. וואָלט איך אַליין ניט געקענט אָנשרייבן אַ פּיעסע?!

אַנומעלט האָט מיר מיין מאַן געבראַכט טיקעטס צו אַ מאָדנעם טעאַטער מיט אַ מאָדנער שאָו: קונסט! נאָ מאַר גיי איך אין אַזאַ טעאַטער.

ערשטער אַקט:

ניטאָ דער רויטער פּאַסקודניאַק! פאַראַן אידען, אָבער איר ווייסט ניט וועלכער ס'איז דער פּאַסקודניאַק. מיידלאַך זיינען אויך דאָ, אָבער איר ווייסט ניט וועלכע מען וועט פאַרפירען.

מיין מאַן פרעגט מיך:

— לאָה, וואָס וועט דאָ זיין?

— איך זאָל אַזוי וויסען פון שלעכטס — זאָג איך — אַ חזיר׳שע שאָו!

אין צווייטען אַקט. מיין מאַן נודיעט מיך:

— לאָה, וואָס וועט דאָ פאַרט זיין?

שעם איך זיך צו זאָגען, אַז איך ווייס ניט, ס'פּאַסט מיר ניט. זאָג איך אים: ס'וועט זיין אַ חתונה.

דריטער אַקט: — ניטאָ קיין חתונה!

מיין מאַן שווייגט, ער וויל מיך ניט ערגערען, און מיך ברענט! וואָס פאַר אַ שאָו איז דאָס? ווי אַזוי שעמט מען זיך ניט צו נעמען געלד אומזיסט?

דער אַקט ענדיגט זיך און אַלע מענשען לאָזען זיך אַהיים גיין. מיין מאַן וויל אויך גיין, האָב איך אַ געשריי געטאָן: — משה זיץ! וואַרט אויף דער חתונה.

— סטייטש, לאָה, אַלע גייען דאָך שוין?

— וואָס וויסען זיי דען די בהמות? פאַרשטייסטו דען אַליין ניט, אַז די שאָו האָט זיך נאָך ניט געענדיגט?

זיינען מיר אַזוי לאַנג געזעסען ביז מען האָט אויסגעלאָשען די עלעקטריק.

— קונסט!

אַ שונא פון טעאַטער

איך זאָג, אַז אַנטיסעמיטען האָבען אויסגעטראַכט טעאַטער, אום אויסצונאַרען ביי אידען געלט.

וועט איר פרעגען: ווער צווינגט אייך צו גיין אין טעאַטער? זיצט אין דער היים און שפּילט פינאָקעל. איז ווער זאָגט, אַז איך טו עס ניט? וואָס טוט מען אָבער, אַז מען צווינגט אייך צו קויפען צוויי בענעפיט טיקעטס פאַר אַ קראַנקען ברודער? וואָס טוט מען?

וועט איר זאָגען: מען וואַרפט אַוועק די טיקעטס און מען שפּילט פויקער. — גאָלדענע ווערטער! איז ווער זאָגט אַז איך טו עס ניט?

וואָס טוט מען אָבער, אַז די ווייב ווייס פון די צוויי טיקעטס, און שפּאַרט זיך איין, אַז איר זאָלט מיט איר גיין אין טעאַטער? וואָס טוט מען? וועט איר זאָגען, אַז מען האָט נישט קיין ברירה און מען גייט מיט איר. איז ווער זאָגט אייך, אַז איך טו עס נישט? דערפאַר שריי איך דאָך, דערפאַר טוט דאָך מיר וויי, ווייל איך לייד, אוי לייד איך!

אָט וואָס מען זעט אין טעאַטער:

ערשטער אַקט: אַ ליבעס סצענע. ער ליבט זי, זי ליבט אים און דער אינטרעגאַנט לאָזט נישט. — זיינע ביזנעס!

אַמאָליגע צייטען, גרינערהייד, ווען איך בין געגאַנגען אין טעאַטער און געזען שפּילען „דעם פּרינץ פון ירושלים”, אים געהערט זיך ערקלערען אין ליבע: „אומארמע מיך געליבטע, געבע מיר דיינעם מונד”. האָט עס געהאַט אַ טעם־דאַטש! איך קום אין אידישען טעאַטער לאָמיך זיך אויסלערנען אַביסעל דאַטש. אָבער וואָס, וועל איך זיך דאָ אויס־לערנען — אידיש? איך קען.

צווייטער אַקט: עס קומט אַרויס אויפ׳ן בינע אַ פּעדלער מיט אַ ציגען בערדעל, און זאָגט וויצען. ווייסט איר באַלד אַז עס איז ליגען.

דאָס איז אַ איד, אַן אָרימאַן, דער קאָפּ איז אים פאַרדרייט, ווען ער זיך אווּעקשטעלען, און אין מיטען דאַנערשטיק זאָגען וויצען? מער פעלט אים ניט? און ווי קומט צו אַזאַ איד אַזאַ געזונטער זכרון? וואָס זאָל געדענקען וויצען וואָס זענען שוין מיט הונדערט יאָר צוריק געווען אַלט?

ווען איר דאַך זאָגען ווער הייסט אייך הערען דעם פעדלער׳ס וויצען? כאַפּט אַ דרימעל, איז ווער זאָגט אייך אַז איך טו עס ניט? אָבער זיי לאָזען דען דרימלען? אויפן סטיידזש מאַכט מען קולות, אין אָרקעסטער זשומען די לאַנדסלייט, און די ווייבער קריגען זיך, און מיינע אויגען נעבעך עפענען זיך און פאַרמאַכען זיך, פאַרמאַכען און עפענען זיך, אוי ווילען זיי שלאָפען! נאָר מען לאָזט ניט.

אַזוי מוטשעט מען זיך צוויי אַקטען. אַז עס קומט צום דריטען אַקט, טוען זיך די אויגען מיט אַמאָל אַ פאַרמאַך. מער קיין כח האָבען זיי שוין ניט אויסצוהאַלטען. דערפאַר געפעלט מיר תמיד דער דריטער אַקט. די כחות וואָס איך פאַרליר אין די ערשטע צוויי אַקטען, געווין איך צוריק אין דעם דריטען אַקט.

ווען מען פרעגט מיך דערנאָך: ווי געפעלט אייך די פּיעסע? זאָג איך: זי האָט אַ טייערן 3טען אַקט.

און וואָס איז מיט׳ן ענגלישען טעאַטער?

דאָרטען זיינען פאַראַנען אַנדערע צרות, ערשטענס צאָלט מען פאַר די טיקעטס רעגעלע פּרייזען; צווייטענס רעדען די אַקטיאָרען אַזאַ ענגליש, וואָס באַ מיר אין הויז האָב איך עס קיינמאָל נישט געהערט; דריטנס רעדען זיי אַזוי שנעל, אַז מען קען ניט כאַפּען אַ וואָרט: סטייטש, גזלנים, דאַ זיצט אַ איד, וואָס האָט באַצאָלט פאַר אַ טיקעט און וויל זיך אויסלערנען אַביסעל ענגליש, איז וואָס לויפט איר? אימיצער לויפט אייך נאָך? וואָס איז די איילעניש?

ווען איר דאַך זאָגען, כאַפּט אַ דרימעל, דאָ איז דאַך שטיל, דאָ שטערט מען נישט אַזוי, ווי אין אַ אידישען טעאַטער. האָט איר רעכט, דאָ וואָלט מען זיך געקענט אמת פיין אויסשלאָפען. אָבער אַז מען גיט אַ קוק אויפ׳ן עולם: אויסגעפוצטע, מיט ראַזירטע פּנימ׳ער, און אַלע אויסגעשלאָפענע, האָסטו דרך ארץ. די אויגען, נעבעך, ווילען זיך עפענען און פאַרמאַכען, ווי זיי זיינען געוואוינט דערצו. אָבער איך לאָז זיי ניט: „דרך ארץ! זאָג איך, דאָ איז נישט קיין אידיש טעאַטער!"

קומט צום דריטען אַקט פיל איך אַז איך גיי אויס. כ׳קען מער נישט

האַלטען אָפען די אויגען. לאָז איך זיך ניט. פאַרט ענגליש טעאַטער! האַלט איך זיך מיט אַלע כחות! ביז דערלעבט, אַז דער דריטער אַקט ענדיגט זיך, פיל איך ווי מען וואָלט מיך אַרויסגעלאָזט פון אַ תפיסה. און אַז מען פרעגט מיך דערנאָך, ווי איז אײַך געפעלען די ענגלישע שאָו?

זאָג איך: שוידערליך! פע! טשעפוכאַ! זי האָט ניט קיין דריטען אַקט.

ווי איך האָב זיך צוקריגט מיט׳ן פובליקום

מיט יאָרען צוריק איז מיין פרנסה געווען פאַרלעזונגען (איך פלעג פאַרלייענען הומאָרעסקען). דער צווייטער טייל פון מיין פרנסה איז געווען שרייבען און — אויב איך האָב נאָך צו דעם געקראָגען אַ גמילת חסד פון אַ פריינד — האָב איך ווי עס איז איבערגעטאַנצט אַ שטיק פון מיין לעבען.

איינמאָל בין איך איינגעלאַדען געוואָרען צו אַ פאַרלעזונג אין אַ שטעטעל. איך בין אַהין געקומען אין אַ זונטאָג אָווענט ווען די פאַרלעזונג האָט געדאַרפט פאָרקומען. איך בין צוגעפאָרען צום טשערמאַן, וועמעס אַדרעס איך האָב געהאַט. איך האָב געטראַפּען אַ שלאָס אויף זיין טיר. האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר, געקוקט אויף דעם שלאָס און געהאָפט, אַז דער טשערמאַן וועט קומען. ווען ניט, מיינט עס, אַז ער האָט חרטה געקראָגען וואָס ער האָט מיך איינגעלאַדען. ער וויל ניט האָבען קיין פאַר־לעזער און איך וועל מוזען פאָרען צוריק אַהיים און פאַרלירען מיינע הוצאות. איך האָב אין איין שטעטעל שוין געהאַט אַזאַ סוף.

פלוצלינג האָט זיך באַוויזען אַ הויכער איד. איך האָב זיך מיט אים דערפרייט. ער פרעגט מיך ווער איך בין. איך זאָג אים, אַז איך בין דער פאַרלעזער. ער זאָגט מיר, אַז ער איז דער טשערמאַן, און ערקלערט מיר מיט אַ ברוגז־טאָן: „איר זיינט טאַקע דער דעקלאַמאַטאָר, אָבער קיין פערד מוזט איר ניט זיין. פאַראַן אויך קלוגע דעקלאַמאַטאָרס. וואָס שטייט איר דאָ און קוקט אויף דער לבנה? ווען אין דער האָל עסט מען שוין סענע־וויטשעס און מען וואַרט אויף אייך?”

זאָג איך: „ווי אַזוי קען איך וויסען וואו אייער האָל איז, אַז איר האָט מיר ניט אָנגעגעבען דעם אַדרעס פון האָל?” זאָגט ער: „בלויז אַ ניו יאָרקער

בהמה ווייסט ניט וואו אונזער האַל איז. די־היגע ווייסן אַלע, וואו מיר מיטען״.

בקיצור — מיר גייען. ווען מיר קומען אין דער האַל, זיצען אַלע, מענער, ווייבער און קינדער און עסען סענעוויטשעס.

— אַט דאָס איז דער רעקלאַמאַטאָר — שטעלט מיך פאָר דער טשערמאַן.

— דעקלאַמאַטאָר, נעמט אַ סענעוויטש! — זאָגט אַ אידענע.

מיר איז ניט געפעלען געוואָרען וואָס מען רופט מיר דעקלאַמאַטאָר. איך בין אַ סענסיטיוועך מענש. האָב איך געזאָגט, אַז איך עס ניט קיין סענעוויטשעס.

— פאָלגט מיר און נעמט אַ סענעוויטש. שפּעטער וועט איך באַנג טאָן — האָט די אידענע ערקלערט.

איך האָב געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין.

— נעמט אַ סענעוויטש, זאָג איך איך, — האָט ערקלערט דער טשערמאַן — צעקריגט זיך ניט מיט׳ן פּובליקום!

איך האָב זיך געהאַלטען ביי מיינעם: ניין און ניין.

דער טשערמאַן האָט געעפענט דעם מיטינג און ווען ער האָט מיר פאָרגעשטעלט האָט ער געזאָגט אַזוי: „איך שטעל אייך פאָר דעם דעקלאַמאַטאָר חנא. ער האָט זיך ענטזאָגט מיט אונז צו עסען אַ סענעוויטש. איך האָב אים געוואָרענט, ער זאָל זיך ניט צעקריגען מיט׳ן עולם. ער האָט ניט געוואָלט פאָלגען. איר וואָלט איצט געהאָט אַ רעכט אייך אויפצופאָדערען דעם דעקלאַמאַטאָר דערפאַר ניט צו אָפּלאָדירען. אָבער אַזוי ווי ער איז אַ גאַסט און קומט פון ניו יאָרק, וויל איך אים באַהאַנדלען גאַסטפריינדליך. איך וויל ניט האַנדלען אַזוי חזיר׳ש ווי ער האָט געהאַנדעלט. איך לאָז איבער זיין שיקזאַל אין אייערע הענד. איר קענט האַנדלען אַזוי ווי איר פאַרשטייט. אויב איר ווילט ניט אַפּלאָדירען, ווייל איר זייט אין כעס אויף אים, קען אייך קיינער ניט זאָגען קיין דעה.

ווען איך האָב זיך באַוויזען פאַר׳ן עולם האָט קיין האַנד זיך ניט אויפגעהויבען צום אַפּלאָדירען.

איך האָב אָנגעהויבען לייענען און דער עולם האָט גערעדט צווישען זיך. מאַנכע האָבען גערעדט גאָר הויך און מיין שטימע איז דערטרונקען געוואָרען צווישען די שטימען פון עולם.

איך האָב אָפּגעשטעלט מיין פאָרלעזונג אין מיטען און זיך געווענדט צום טשערמאַן און אים ערקלערט, אַז איך וויל מען זאָל אויפהערען רעדען און מיך הערען, ווייל איך קען ניט אַלעמען איבערשרייען.

— „לעידיס ענד דזשענטעלמען”, האָט דער טשערמאַן אויסגערופען, „דער דעקלאַמאַטאָר, וועמען איך האָב געוואָרענט, אַז ער זאָל זיך ניט צעקריגען מיט׳ן עולם, בעט מיך, איך זאָל אייך בעטען, איר זאָלט אים אויסהערען. ער קען אייך ניט איבערשרייען, זאָגט ער. ער האָט נעבאַך אַ שוואַכע שטימע. איך וואָלט זיך ניט געדאַרפט אַריינמישען. ער האָט עס ניט פאַרדינט, אָבער איך בין דאָך אַ גוטער מענש. זאָג איך, אַז אַלע די, וועלכע האָבן רחמנות אויפ׳ן פאַרלעזער און ווילען מען זאָל הערען זיין שוואַכע שטימע, קענען אויפהערען רעדען. אַלע די, וועלכע זיינען ניט סענטימענטאַל און ווילען זיך אָפּרעכענען מיט׳ן פאַרלעזער פאַר זיין ניט שיינער האַנדלונג קענען רעדען וויפיל זיי ווילען.

דער עולם האָט נאָך דעם אַפּיל פון טשערמאַן גערעדט נאָך העכער.

ווען איך האָב געענדיגט האָט קיינער ניט אַפּלאָדירט. דער עולם האָט זיך געשושקעט און איך האָב געהערט ווי איינער, אָנווייזענדיג אויף מיר מיט אַ פינגער, זאָגט צום צווייטען: „אָט גייט ער דער פּעיקער!”

איך בין צו זיי צוגעגאַנגען און זיי געפרעגט: „פאַרוואָס בין איך אַ פּעיקער?”

„וואָס דען זיינט איר? אַ דעקלאַמאַטאָר?” האָט איינער געזאָגט.

„אַ מענש מיט אַזאַ שוואַכע שטימע דאַרף אין גאַנצען ניט רעדען, בפרט נאָך דעקלאַמירען”, האָט דער צווייטער ערקלערט. „מען זאָל דאָס הערען אַ וואָרט. שעים יורסעלף!”

דער טשערמאַן האָט מיר באַצאָלט פאַר דער פאַרלעזונג און צו מיר געזאָגט אַזוי: „ווען איך וויל באַצאָל איך אייך ניט אַ סענט. איר האָט עס ניט פאַרדינט פאַר אייער שוואַכער שטימע. אָבער איך בין אַ מענש מיט רחמנות, צאָל איך אייך. אָבער געדענקט פאַר׳ן צווייטען מאָל, צוקריגט זיך ניט מיט׳ן עולם!”

פון דאַמאָלס אָן, ווען איך קום צו אַ פאַרלעזונג און מ׳עסט סענעד־וויטשעס לאָז איך זיך לאַנג ניט בעטען. איך נעם אַ סענעוויטש און בעט מיר צו געבען נאָך איינעם.

אַ טשערמאַן

דער טשערמאַן פון פאַראיין „אַלרייט" האָט ערעפענט דעם קאָנ־צערט מיט אַזאַ רעדע:

„ליידיעס און דזשענטעלמען! מיר גייען אייך געבען איינעם פון די גרעסטע קאָנצערטען אין דער היסטאָריע פון יונייטעד סטייטס און קענעדע. דער פעקט וואָס איך בין טשערמאַן איז אַ גאַראַנטי, אַז מיר וועלען האָבען אַ היסטאָרישען קאָנצערט. מען וועט אים געדענקען פאַר דורות. אמת, ביי דעם לעצטען קאָנצערט, וואו איך בין געווען טשערמאַן, האָט מען 12 ברידער אוועקגענומען אין האָספּיטאָל, און 18 ברידער זיינען אַרעסטירט געוואָרען. אָבער דאָס איז געווען די שולד פון דעם חזיר'שען איגנאָראַנטען פּובליקום. מיר האָבען אַנאָנסירט, אַז ס'וועט שפּילען צימבאַליסט, האָבען זיי געמיינט אַ אידען, וואָס שפּילט אויף אַ צימבעל. האָבען זיי געפאָדערט דעם פידעל־שפּילער צימבאַליסט. פאַר אַ קוואָדער איינטריט — גיי גיב זיי צימבאַליסטען! האָבען זיי געשלאָגען דעם צימבעל־שפּילער, האָב איך זיך ניט געמישט. איך האָב געזען, אַז ס'איז אַ איד, וואָס האָט כח צוצונעמען אַ פּאָר פּעטש — איז: שלאָגט! האָבען זיי גענומען שלאָגען אַ זינגער, האָב איך זיי געגעבען גערעכט: דו האָסט ניט קיין שטימע, וואָס זינגסטו? וואָס מאַכסטו מענשען נערוועז? האָבען זיי געשלאָגען אַ דעקלאַמאַטאָר, האָט עס מיר פאַרשאַפט הנאה. איך האָב בטבע פיינט דעקלאַמאַטאָרס. דאָס זיינען מענשען, וואָס האָבען פיינט צו אַרבייטען, און זיי קומען צו קאָנצערטען, און נודיען דעם עולם. איז זאָל מען זיי איינמאָל גוט אָנפּאַטשען, וועלען זיי אפשר אויפהערען פאַרצולייענען, און מענשען וועלען לעבען רוהיגער. אָבער, אַז זיי האָבען גענומען שלאָגען דעם טשערמאַן, האָט עס מיך פאַרדראָסען. איך האָב געכאַפּט אַ טשער, און פאַרוואונדערט צוויי ברידער. איך דערצייל דאָס אַקעגען דעם, אַז וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען, זאָלט איר דעם טשערמאַן ניט טשעפּען. אַ טשערמאַן איז הייליג.

און איצט נעם איך דורכפירען דעם היינטיגען היסטאָרישען פּראָגראַם. צוערשט וויל איך אייך מעלדען, אַז דער שוישפּילער־סטאַר, מר. גיטעלמאַן, וועט דאָ ניט זיין. ער האָט מיר צוגעשיקט אַ טעלעגראַמע, אַז ער האָט אַ קאַלד. ווען, אויב ער קומט שוין יאָ ניט, וועל איך אייך זאָגען דעם אמת, אַז איר האָט גאָרניט צו פאַרלירען, וואָס ער וועט דאָ ניט זיין. ער איז שוין אַלט. ער האָט נאָך צוריק מיט צען יאָר געדאַרפט אויפגעבען די בינע, און גיבען יונגערע אַ „טשענס".

און איצט וועל איך פאָרשטעלען דעם באַרימטען זינגער לאָפּידוס. איך מוז אייך וועגען אים פריער זאָגען אַ פּאָר ווערטער. ער איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער זינגער. ער האָט שוין געזונגען און מאָסקווע, פּראַג, וויען, טאָקיאָ און פילאַדעלפיע. דורך אַ גליקליכען צופאַל, און גרויס פּול איז מיר געלונגען אים צו קריגען. אַלזאָ, מר. לאָפּידוס! האַ? ער האָט אויך צוגעשיקט אַ טעלעגראַמע? ער האָט אויך געקראָגען אַ קאַלד? אַזאַ גאָרניט! אויב ער איז שוין יאָ ניט געקומען, וועל איך וועגען אים זאָגען אַ פּאָר ווערטער: ער איז אַזוי אַ זינגער ווי איך אַ טענצער. ער קען אַפילו ניט ריכטיג עפענען דאָס מויל. ער האָט בלויז אַ גרויסע נאָז. איך האָב אים גענומען, ווייל ברודער שמערגער האָט מיך געבעטען אים צו געבען פאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר. קומט ער ניט, דער גאָרניט. אויב אַזוי, האָבען מיר אַ מעגליכקייט צו האָבען היינט אַ געלונגענעם אָוועגט.

און איצט קומען מיר צו דעם בעסטען טייל פון׳ם פּראָגראַם. מיר האָבען דריי דעקלאַמאַטאָרס. איך האָב זיך באַוואָרענט מיט דריי. איך גלויב אין פּריפּערעדנעס. טאָמער קעטשט איינער אַ קאַלד, טאָמער שטאַרבט איינער. און איך קען אייך מעלדען, אַז אַלע דריי זיינען געזונט און שטאַרק, און וואַרטען צו דעקלאַמירען. איך שטעל אייך פאָר דעם גרויסען דעקלאַמאַטאָר, יונה פון דאַון־טאַון.

יונה מיט אַ פאַרקעמט קעפּעל, וואָס האָט ערשט גענומען אַ העיר־טאָניק, האָט אָנגעהויבען:

דאָקטאָר גראַן.

צום אָפיס פון דאָקטאָר גראַן
איז אַריינגעקומען בלייך און פאַרשמאַכט
אַ קראַנקער, אָרעמער מאַן.
אַ קראַנקער,
אַ מאַן.
אַ קראַנקער מאַן.

אַן אָרעמער מאַן
אי קראַנק,
אי אָרעם
אי אָרעם
אי קראַנק.
אי קראַנק,
זעהר אָרעם.
אַ קבצן,
אַן אביון.
אָן אַ ניקעל אין קעשענע
אָן אַ פעני.
ער האָט ניט אויף קאַר־פעיר

— איר דאַרפט ניט לאַכען. עס איז דאָ גאָרניט געשען. איך האָב בלויז פאַרגעסען. אַז איר וועט האָבען געדולד, וועל איך זיך דערמאַנען:

אי אָרעם, אי רייך.
אי רייך, אי אָרעם
און ער איז קראַנק, שווער קראַנק, אַ חולה מסוכן.
מען האָט אים גענומען אין האָספּיטאַל.

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען: איך וועל זיך שוין היינט ניט דערמאַנען. איך האָב דווקא אַ גוטען זכרון. אָבער מיט מיין זכרון איז אזוי: געדענקט ער — איז אַ געוואַלד. פאַרגעסט ער — איז ווי איז וואָסער אַרייך. אַ וואָרט ניט.

דער טשערמאַן האָט ערקלערט: ווי איר זעט בין איך פאָרזיכטיג, איך האָב צוגעגרייט דריי דעקלאַמאַטאָרס. איך וועל אייך פאַרשטעלען דעם צווייטען דעקלאַמאַטאָר. ער הייסט פנחס, און קומט פון דער בראָנקס. בראָנקס וועט אונז ניט פאַררּאַטען. ער איז אַ מאַן מיט אַן אייזערנעם זכרון. פנחס האָט אָנגעהויבען מיט אַ שמייכעל, און פּאַוואָלי:

אויפ׳ן בוזעם פון ים.

עס ראַנגעלט זיך אַ שיף אויפ׳ן בוזעם פון ים. יאָ
עס ראַנגעלט זיך אַ שיף אויפ׳ן בוזעם פון ים.
יאָ. די שיף ראַנגעלט זיך,
דער ים ראַנגעלט זיך.
זיי ראַנגלען זיך צוזאַמען.
זיי ראַנגלען זיך באַזונדער.

ער ראַנגעלט זיך.
זי ראַנגעלט זיך.
ער ראַנגעלט זיך.
זיי ראַנגלען זיך.

— ווי לאַנג וועלען זיי זיך אַזוי ראַנגלען? — פרעגט איינער פון פובליקום.

— ביז איך וועל זיך דערמאָנען. איר דאַרפט ניט לאַכען. מיט דעקלאַמירען איז אַזוי: איז דער ערשטער גוט, איז דער צווייטער אויך אַלרייט. טאָמער איז דער ערשטער שלעכט — איז דער צווייטער אין דער ערד. איר וועט זען, אַז דער נעקסטער דעקלאַמאַטאָר וועט אויך פאַרגעסען. דאָס איז שוין אַזאַ אָוועגט!

דער טשערמאַן שרייט אויס: איר האָט ניט קיין רעכט צו זאָגען, אַז דער דריטער דעקלאַמאַטאָר וועט אויך פאַרגעסען. פאַר דעם דריטען דעקלאַמאַטאָר גאַראַנטיר איך מיט מיין לעבען. איך שטעל אַייך פאַר דעם דריטען דעקלאַמאַטאָר, פּייוויש. ער קומט פון בּאָראָ־פּאַרק. אַפּלאָדירט פאַר בּאָראָ פּאַרק! אָבער ריכטיג, זשאַלעווועט ניט! דאָס איז אַ דעקלאַמאַטאָר מיט אַ גאַראַנטי!

דאָס זאָגענדיג האָט דער טשערמאַן זיך אַרויסגעכאַפּט דורך אַ הינטער־טיר.

ער איז אָפּגעלאָפען אַ פּאָר גאַסען, זיך אָפּגעשטעלט, פאַררויכערט אַ סיגאַרעטעל, און זיך אָפּגערוט. ער גיט אַ קוק, די ערשטע צוויי דעקלאַמאַטאָרען קומען־אָן.

— וואו איז דער דריטער דעקלאַמאַטאָר? — פרעגט דער טשערמאַן.

— אָ, דער דריטער דעקלאַמאַטאָר? מען רעכענט זיך מיט אים אָפּ פאַר אונז. אוי, שלאָגט מען אים!

ער כאַפּט מער ניט קיין פּעטש

ווען איך בין נאָך געווען יונג, האָט מען שוין אויף מיר געזאָגט, אַז איך וואַקס ניט קיין לייט. פאַרוואָס? ווייל ווען עס זיינען געקומען קאָמעדיאַנטען אָדער אַ צירק און מיין שטעטעל פלעג איך מיט אַ מעסערל אויסשניידען אַ לאָך אין די ליילעכער, כדי צו קענען זעהן דו קונצען אומזיסט. מען פלעגט מיך כאַפּען און דערפאַר גוט אָנפּאַטשען, אָבער איך האָב ניט אויפגעהערט שניידען די ליילעכער.

ווען אַ חזן איז געקומען אין שטעטעל פלעג איך אים נאָכגייען ווי אַ געטרייער הונט, און ווען ער איז אַוועקגעפאָרען האָט ער מיך געמוזט מיטנעמען אַלס משורר. איך האָב דעם חזן געהאָלפען זינגען און געגעסען טעג, ביז איך האָב זיך פאַרבענקט אַהיים. און ווען איך בין אַהיים געקומען האָב איך געכאַפּט פּעטש פון טאַטען, די פּעטש האָבען אָבער ניט גע־האָלפען. איז געקומען אַ נייער חזן, בין איך מיט אים ווידער אַנטלאָפען.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָבען מיינע לאַנדסלייט און קרובים ווידער פאָראויסגעזאָגט, אַז איך וואַקס ניט קיין לייט. פאַר־וואָס? ווייל איך בין געוואָרען אַ טעאַטער־פּאַטריאָט. מיינע געטער זיינען געווען דזשייקאָב פּ. אַדלער, דייוויד קעסלער און זיגמונד מאָגולעסקאָ. איך פלעג מיינע געטער אָפּט בייטען און דערפאַר קריגען פּעטש. ווען דזשייקאָב פּ. אַדלער איז געוואָרען מיין הויפּט־גאָט, האָב איך געקראָגען אַ געשוואָלען אויג פון די קעסלער־פּאַטריאָטען; ווען קעסלער איז געוואָרען מיין גרעסטער גאָט, האָבען מיר די אַדלער־פּאַטריאָטען צעשפּאָלטען דעם קאָפּ. ווען איך בין געוואָרען אַ הייסער חסיד פון מאָגולעסקאָ'ן, האָבען די פּאַטריאָטען פון אַדלער'ן און פון קעסלער'ן צוזאַמען מיר געמאַכט אַ געשוואָלען פּנים.

איך פלעג אויך כאַפּען פּעטש פאַר די געטינס, ווי: בערטאַ קאַליש, קעני ליפּצין און בעסי טאָמאַשעפסקי.

ווען די שוישפּילערין אסתר רחל קאַמינסקי איז געקומען אַלס גאַסט פון איירּאָפּע, בין איך אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעשפּאָל־טענער ליפּ. דאָס איז געווען די אַרבייט פון די ליפּצין־פּאַטריאָטען פאַר דעם וואָס איך האָב געהאַט די חוצפּה צו זאָגען, אַז די קאַמינסקי קען אויך שפּילען.

איך האָב אַזוי לאַנג געכאַפּט פּעטש אַלס פּאַטריאָט, ביז מען האָט מיך אונטערגעקויפט און מיר געגעבען אַ דזשאָב אין קעסלער׳ס טעאַטער. איך האָב דאַן אָפען פּראָקלאַמירט, אַז קעסלער איז דער גרעסטער אַקטיאָר און אַז ס׳איז ניטאָ קיין גלייכען צו אים. די פּאַטריאָטען פון די אַנדערע געטער האָבען מיך דאַן ניט געטשעפּעט. „וואָס קען ער נעבאַך טאָן?״ — האָבען זיי געזאָגט — „ס׳איז פּרנסה!״

מ׳האָט מיר געגעבען שפּילען קליינע ראָלען און מיין פאַרגעטערונג פון די סטאַרס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען. איך אַליין האָב געוואָלט ווערען אַ גאָט — אַ קעסלער, צי אַן אַדלער. איך האָב אַליין געוואָלט קריגען אַ גוטע ראָלע, צו רעדען אַ סך און וויניגסטענס כאָטש צו האָבען אַ גוטען אָפּגאַנג, אַז ווען איך וועל אַראָפּגיין פון דער בינע זאָל מען מיר אַפּלאָדירען. אָבער אַלע גוטע אָפּגאַנגען האָט צוגענומען קעסלער. פון די אַריינגאַנגען איז דאָך אָפּגערעדט. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער צוגענומען די גאַנצע בינע. מיך האָט מען ניט געזען ווען איך בין אַריינגעקומען. איך פלעג זיך אַריינ׳גנב׳ענען. און ווען איך בין אָפּגעגאַנגען איז דאָס געווען אַן אַ פאַרוואָס און אַן אַ גוד־באַי. איך האָב זיך אַרויסגעוואָרפען און פאַרטיג. אין די פאָר מינוט וואָס איך בין געווען אויף דער בינע בין איך פאַרשטעלט געוואָרען פון די אַקטיאָרען, וועלכע האָבען גענומען גרעסערע ווענדזשעס.

איינמאָל, ווען אין טעאַטער איז געווען מיינער אַ לאַנדסמאַן פון דער היים, האָב איך געוואָלט, ער זאָל זען אַז איך בין דאָ אויף דער בינע, האָב איך זיך געגעבען אַ רוק־אַרויס אין דער פראָנט. האָט דער גרויסער קעסלער מיר געגעבען אַ זעץ מיט׳ן עלענבויגען, האָב איך דאָס געפילט דריי וואָכען צייט. פון דעמאָלסט אָן בין איך תמיד געשטאַנען אין אַ ווינקעל.

שפּעטער האָט מען מיר געגעבען שפּילען גרעסערע ראָלען. אָבער דאָס זיינען געווען כאַראַקטערע פון פּאַסקודניאַקעס, פון אינטריגאַנטען. מען האָט מיך שוין געזען ווען איך בין אַרויף און אַראָפּ פון דער בינע,

אָבער מען פלעגט מיך באַגעגענען און באַגלייטען מיט „בוס״ און מיט פייפערייען.

איינמאָל האָב איך צו מיינעם אַן ערען־אָוועגט געשפּילט דעם גרעסטען אינטריגאַנט וואָס איז פאַראַן אין אַ פּיעסע. איך האָב צושיקט פרייע טיקעטס צו מיינע לאַנדסלייט. איך האָב געוואָלט, אַז זיי זאָלען מיך זען און אָנערקענען. מיר איז געגאַנגען אין לעבען צו קריגען אָנער־קענונג פון מיינע לאַנדסלייט.

אַן אָשער, וועלכען איך האָב געבעטען זיך אונטערצוהערען ביי דער פאָרשטעלונג וואָס מיינע לאַנדסלייט זאָגען וועגען מיר, האָט מיר איבערגעגעבען פאָלגענדען געשפּרעך:

— אַז מען איז אין דער אַלטער היים אַ גאָרנישט, איז מען דאָ אַ „גאָובאָדי״. מען קען פון שטרוי ניט מאַכען קיין בראָנפען. אינדערהיים האָט ער געשניטען לייליכער און געכאַפּט פּעטש און דאָ שפּילט ער פאַסקודניאַקעס.

מען האָט מיך אַזוי לאַנג אויסגעפּייפט און אויסגעבוקעט אויף דער בינע, ביז מען האָט אָנגעהויבען שפּילען נייע סאָרטען פּיעסען, מיט כמעט אָן אינטריגאַנטען. מען האָט מער פאַר מיר קיין ראָלען ניט געהאַט און איך ביז געוואָרען אויס אַקטיאָר.

מיינער אַ ברודער, אַ בוטשער, וועלכער איז געווען שטענדיג אויף מיר ברוגז פאַרוואָס איך בין אַן אַקטיאָרטשיק, האָט זיך מיט מיר איבערגעבעטען און מיך געמאַכט פאַר זיינעם אַ פּאַרטנער.

וואָס זאָל איך אייך זאָגען? אַ משכון זאָל מען פאַרזעצען און אַ קצב זאָל מען זיין! אוי, איז מיר איצט גוט! אוי, בין איך אַ סוקסעס! איצט קריג איך די גרעסטע אָנערקענונג. איר דאַרפט אַריינקומען אין מיין בוטשער־סטאָר און מיך זען אין אַ פאַרטוך, בערדעל און יאַרמולקע (איך בין אַ בוטשער פון בשר כשר). איך שפּיל מער ניט קיין אינטריגאַנטען, נאָר העלדען־ראָלען. ווען איך שטעל זיך אָוועק מיט דער האַק האַקען פלייש, קוקען די ווייבער אויף מיר מיט דער גרעסטער באַוואונדערונג. ווען איך שטיי מיט דער האַק, ברום אַ ליד פון בר־כוכבא״ — „איך בין בר־כוכבא, דער אידישער העלד!״ — און דאָס פלייש ווערט פון מיין האַק צעברעקעלט, מוזט איר גלויבען, אַז דאָ שטייט פאַר אייך דער גרוי־סער גבור, וועלכער האָט באַזיגט די רוימער. און היינט דאַרפט איר הערען מיט וואָס פאַר אַ דרך־ארץ מען רעדט צו מיר.

— ר׳ מענדעל טייערער, האַרציגער מענשען־פריינד! איך פאַרלאַז

זיך אויף אַיך. גיט מיר אַ שטיקעלע לעבער. רעכענט וויפיל איר ווילט! — בעט מיך איין פרוי.

— ר׳ מענדעל דאַרלינג! איך בין דאָך עפּעס אַייער לאַנדספרוי; האָב געקענט אַייער מאַמען. גיט מיר אַ גוט שטיקעלע סטעיק! — בעט אַ צווייטע פרוי.

און איין שיינע חנ׳ודיגע ווייבעל גלעט מיך, רופט מיך „האַני״ און בעט מיך איך זאָל איר פּאַרקויפען אַ טשיקען.

איך האָב פּרנסה, כבוד און ליבע. איך קריג אַנערקענונג פון יונג און אַלט, פון קרובים, פון לאַנדסלייט.

***

אַנומעלט איז צו מיר געקומען מיינס אַן אייניקעל און מיר געזאָגט, אַז ער וויל ווערען אַן אַקטיאָר. האָב איך אויף אים אָנגעשריען און געזאָגט:

— אידיאָט! איך וועל זאָגען דיין טאַטען ער זאָל דיר געבען פּעטש. דו וועסט זיין אויף די גרעסטע צרות. דו וועסט ניט האָבען קיין פּרנסה און קיין כבוד! דו וועסט זיך קיינמאָל ניט אַרויפאַרבייטען! אַ בוטשער זאָלסטו זיין, ווי דיין זיידע, וועט דיר זיין גוט און וואויל, און אַלע וועלען דיך אנערקענען.

אַבי מען לעבט



שותפים

מיט יאָרען צוריק, ווען איך בין ניט געווען לאַנג אין לאַנד, האָב איך זיך באַגעגענט מיט מיינעם אַ לאַנדסמאַן, וועלכער איז שוין געווען לענגער פון מיר אין אַמעריקע, אָבער ער איז ניט געווען קיין קלענערער אָרימאַן פון מיר. ער האָט ניט געטויגט צו קיין שום מלאכה, פונקט ווי איך. ער האָט אויסגעזען בלאַס און הונגעריג, ווי איך. ער האָט געוואָלט ווערען אַ שרייבער, ווי איך. ער האָט געשריבען לידער און איך — פּראָזע. אָבער געדרוקט האָט מען אונזביידע ניט.

מיר האָבען זיך צערעדט וועגען אונזער לאַגע, זיך דערפילט נאָענט איינער צום אַנדערען און שנעל שטאַרק באַפריינדעט געוואָרען.

„לאָמיר ווערען שותפים", האָט ער, דער מער אַמעריקאַניזירטער, פאָרגעשלאָגען, „מיר וועלען צוזאַמען אַרבייטען! צוזאַמען ליידען און זיך פרייען; צוזאַמען וועט אונז אַלעס אָנקומען לייכטער".

איך האָב זיין פאָרשלאַג אָנגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג.

ער האָט גערעכנט, אַז מאָנטאָג פרי זאָלען מיר ביידע גייען זוכען אַ דזשאָב ביי פּאַקעטבוקס. דאָס איז אַ לייכטע אַרבייט, האָט ער געזאָגט, און צוזאַמען וועט פאַר אונז די לייכטע אַרבייט זיין נאָך לייכטער.

מאָנטאָג האָבען מיר ביידע געאַרבייט ביי פּאַקעטסבוקס, זיך געלערענט דעם טרייד, געשוויצט און זיך אויסגעשמירט מיט פּעיסט פון קאָפּ ביז די פיס.

איך האָב אויסגעדריקט באַדויערען וואָס מיר ווערען אויסגעשמירט. „אונזערע הענט", האָב איך געזאָגט, „זיינען ניט קיין פּשוט'ע הענט. מיר וועלען מיט זיי אַמאָל שרייבען גרויסע ווערק און מיר פאַרשמירען זיי".

מיין שותף, דער דיכטער, האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי די רעדאַקטערע ווילען אונז סיי־ווי ניט דרוקען, מעגען מיר, אַלס פּראָטעסט געגען זיי, אויסשמירען אונזערע הענט מיט פּעיסט.

דער מענעדזשער פון דער פּעקטאָרי האָט אָבער אַיינגעשטימט מיט מיר. נאָכדעם ווי מיר האָבען אָפּגעאַרבייט אַ האַלבען טאָג, האָט ער אונז צוגערופען און געזאָגט: „קומט אַהער, גרויסע בעלי־מלאכות, אייערע

הענט זיינען ניט באַשאַפן געוואָרען צו מאַכען פּאַקעטסבוקס. מיט אַזעלכע ווייכע הענט, ווי אייערע, איז גוט צו כאַפּען פליגען, ניט צו אַרבייטען".

ווען מיר זיינען אַרויס פון שאַפּ, זאָג איך צו מיין פריינד: „וואָס וועט איצט זיין? מיר דאַרפען דאָך צאָלען דירה־געלט (מיר האָבען זיך אַריינגעצויגען אין איין צימער).

מיין פריינד האָט אַ ביסעל נאָכגעקלערט און געזאָגט: „מיין עצה איז, אַז מיר זאָלעןביידע פאָרען צוריק אין אונזער אַלטער היים, צו אונזערע עלטערען. זיי וועלען זיך מחיה זיין מיט אונז און צוזאַמען וועט אונז זיין לייכט און אָנגענעם צו פאָרען".

„און וואו וועלען מיר נעמען אויף הוצאות?"

ער האָט אַביסעל נאָכגעקלערט און געזאָגט:

„אונזערע קרובים וועלען מיט פאַרגעניגען אונז געבען אויף הוצאות. זיי האָבען ניט קיין נחת פון אונז און זיי ווילען פון אונז פטור ווערען".

אונזערע קרובים האָבען טאַקע מיט פרייד אונז געגעבען אויף הוצאות, און מיר האָבען זיך געגרייט צו דער רייזע אַהיים צו פאָרען.

אַ טאָג פאַר׳ן אָפּפאָרען טרעפען מיר זיך און מיר זיינען ביידע ניט צופרידען, וואָס מיר פאָרען אַהיים.

„יעדער גאָרניט קומט אַהיים אַ גאַנצער קנאַקער פון אַמעריקע, מיט אַ גאָלדענעם זייגער, מיט דיימאָנד־רינגען אויף די פינגער, מיט געלט, און מיר קומען צוריק גרעסערע קבצנים ווי מיר זיינען אַוועק־געפאָרען", זאָג איך.

„דאָס איז נאָך ניט אַלעס", זאָגט ער. „וואָס וועלען מיר דאָרט טאָן? ווערען קרעמערס, פאַרקויפען האָר־נאָדלען?"

ער האָט נאָכגעטראַכט אַ ביסעל און אויסגערופען באַגייסטערט: „איידער מיר זאָלען ווערען קרעמערס דאָרט, קענען מיר ווערען ביזנעס־לייט דאָ. צו קיין אַרבייט טויגען מיר טאַקע ניט. אָבער צו ביזנעס קענען מיר זיכער טויגען אַזוי גוט ווי אַנדערע. און אפשר נאָך בעסער. מיר ווערען ביזנעסלייט!"

„אָבער ווי אַזוי?" — פרעג איך.

„געלד האָבען מיר אויף אַ היים צו פאָרען", האָט מיין פריינד אויסגערופען באַגייסטערט, „טאָ וועלען מיר פאַר דעם געלט קויפען אַ קענדי סטאָר און מאַכען געשעפטען".

„מיר געפעלט דאָס זעהר", האָב איך אויסגערופען. „איינער פון

אונז וועט זיך אָפּגעבען מיט די קונים און דער צווייטער וועט שרייבען. ווען איך איינעם דערלאַנגען אַן אײַז־קרים סאָדא, וועסטו שרייבען אַ ליד; וועסטו איינעם פאַרקויפען קענדי — וועל איך שרייבען אַ הומאָ־רעסקע".

אין צוויי טעג אַרום זיינען מיר ביידע געווען די אייגענטימער פון אַ קענדי סטאָר. ביידע זיינען מיר געזעסען און געשריבען: ער — לידער, און איך — הומאָרעסקען.

„עס איז אַ טייערע סטאָר!" האָט מיין שותף, דער דיכטער, געזאָגט. „מען קען דאָ שרייבען בערג מיט לידער, קיינער שטערט ניט".

ענדע מאָנאַט האָב איך געזאָגט צו מיין שותף: „וואָס טוט מען מאָרגען? מען דאַרף צאָלען דירה געלד".

מיין שותף האָט א ביסעל נאָכגעטראַכט און געזאָגט: „איך האָב אַ גוטע עצה. מאָרגען שטייען מיר אויף גאַנץ פרי, אַנטלויפען פון סטאָר און מיר זיינען פטור פון רענט".

אַנטלויפענדיג פון סטאָר, זאָג איך צו מיין שותף: „נו, וואָס וועט ווייטער זיין?"

ער האָט אַ ביסעל נאָכגעטראַכט און דאַן געזאָגט: „אַלס אַרבייטער און ביזנעסלייט זיינען מיר אַ דורכפאַל. דערפאַר קענען מיר זיין אַן ערפאָלג אַלס אַרטיסטען. איך קען איינעם וואָס פירט־אָן מיט קאָנצערטען און ליטעראַרישע אָוועטנען. איך וועל אים פאָרשלאָגען צו נעמען אונז ביידע אַלס פאָרלייענער. דו וועסט לייענען הומאָרעסקען, איך — לידער. מיר זיינען אַ זיכערער ערפאָלג. עס וועט זיין אי געלד, אי כבוד".

אין אַ וואָך אַרום האָבען מיר ביידע זיך געפונען אין אַ האָל אין די בראָנקס, וואו מיר האָבען געדאַרפט זיך באַטייליגען אַלס פאָר־לייענער. דער טשערמאַן האָט אונז אַרויפגערופען אויף דער פלאַטפאָרם און אונז פאָרגעשטעלט אַלס אַ באַרימטער טים, וואָס וועט מאַכען דעם עולם צום לאַכען. ער האָט ערקלערט, אַז דער טים קריגט אַכט דאָלאר (אונז האָט ער פאַרשפּראָכען בלויז פינף) און עס פעלט נאָך אויס 2 דאָלאר. איידער מיר הויבען אָן אונזערע פאָרלעזונגען, וויל ער מען זאָל קאָלעקטען צוויי דאָלאר פאַר די קאָמיקער.

אַ מיידעלע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ טאַץ און געשריען: „גיט אַ נדבה פאַר די אינטערטעינערס!"

מיר זיינען ביידע געשטאַנען אויף דער פלאַטפאָרם און געפילט ווי זיך צו באַגראָבען פאַר בושה.

ענדליך איז דאָס מיידעלע צוגעקומען צום טשערמאַן און געזאָגט, אַז עס פעלט נאָך פופציג סענט.

מיר האָבען ביידע אַריינגעוואָרפען צו קוואָדערס אין טעצעלע, כדי די קאַלעקשאַנס זאָלען זיין גענדיגט. דאָס זיינען געווען אונזערע לעצטע קוואָדערס.

דער טשערמאַן האָט דאַן פאָרגעשטעלט מיין שותף אַלס דעם גרעסטען פאַרלעזער פון לעצטען יאָר הונדערט.

מיין שותף האָט אָנגעהויבען לייענען, אַ ליד, און אַלע האָבען געענטפערט מיט געשרייען: „העכער! העכער! מען הערט ניט אַ וואָרט!"

מיין שותף האָט זיך ביי זיי געבעטען, ערקלערענדיג, אַז ער האָט ניט קיין כח צו רעדען הויך. ער איז אַ שוואַכער. אָבער דער עולם האָט געענטפערט, אַז אויב ער האָט ניט קיין כח, טאָ ווער בעט אים צו זיין אַ פאַרלייענער. ער האָט זיך געקענט נעמען צו אַן אַנדער מלאכה. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער האָט שוין פּרובירט פאַרשיידענע מלאכות און ס׳איז ניט געגאַנגען. דער טשערמאַן האָט זיך אַריינגעמישט, האָט גוט אָנגעזידעלט מיין פריינט און אים געראָטען זיך שנעל אָפּצוטראָגען איידער דער עולם וועט נעמען פון אים נקמה.

מיין שותף איז אַנטלאָפען, און דער טשערמאַן האָט מיך פאַר־געשטעלט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„איך שטעל אייך פאָר יענעם קאָליקע׳ס אַ שותף. איך האָף, אַז ער קען יאָ, אַז אים וועט מען הערען און ער וועט אונז אַמוזירען".

„מיך וועט מען זיכער ניט הערען", האָב איך ערקלערט צום טשערמאַן, „מיין שטימע איז נידעריגער פון זיינער און איך בין נאָך שוואַכער פון אים. איך וויל, איר זאָלט מיר צוריקגעבען די 50 סענט, וועלכע מיר האָבען געגעבען צושטייער אויפ׳ן קאָלעקשאַן. מיר וואוינען אין בראָנקס פּאַרק און מיר האָבען ניט אויף קיין קאַר־פעיר".

„גיב אים געלט, דעם פעיקער!" — האָט דער טשערמאַן געזאָגט — „איר כאַפּט זיך בעסער שנעל אַרויס. דער עולם איז אויפגערעגט".

איך בין אַרויס דורך אַ הינטער־טיר. איך האָב געטראָפען מיין שותף וואַרטענדיג אויף מיר.

„נו, וואָס וועט איצטער זיין?" — האָב איך אים געפרעגט.

„ניט געזאָרגט", האָט ער מיר געענטפערט גאַנץ רוהיג, „גיב מיר אַ ביסעל צייט און איך וועל שוין עפּעס אויסטראַכטען".

דריי זשעניען

אין דעם קאַפּע־הויז רעקס, ביי אַ טישעל אין אַ ווינקעל, זיצען אַלע טאָג דריי „זשעניען", פאַרטיפט אין אַ שמועס.

די וועיטערס פרעגען זיי קיינמאָל ניט צי זיי ווילען עפּעס באַשטעלען. זיי ווייסען פון ערפאַרונג, אַז דאָס איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט. מען רופט זייער טישעל „דאָס ליטעראַרישע טישעל" דערפאַר וואָס דאָרט עסט מען ניט, נאָר מען רעדט וועגען ליטעראַטור.

די אמת'ע נעמען פון די דריי „זשעניען" זיינען: שמואל, זלמן און נחום. אָבער זיי האָבען נאָך אַנדערע נעמען. זיי אַליין רופען זיך: שעקספּיר, היינע און באַיראָן. שמואל ווערט גערופען שעקספּיר, ווייל ער שרייבט דראַמען, וועלכע קיינער פירט זיי ניט אויף, ווייל די דראַמען זיינען, לויט זייער מיינונג, אַריבערגעוואַקסען דעם איצטיגען דור. זלמן ווערט גערופען היינע, ווייל ער שרייבט לידער, וואָס זיינען ניט ערגער פון היינע'ס לידער, לויט זייער אָפּשאַצונג, און נחום ווערט גערופען באַיראָן, ווייל, לויט זיינע מבינות, קענען זיינע לידער זיך פאַרמעסטען מיט באַיראָנ'ס שאַפונגען.

שמואל שעקספּיר ווערט פון זיין ווייב גערופען „אומגליק", ווייל לויט איר אָפּשאַצונג, איז אַ מענש וועלכער קען ניט פאַרדינען און שרייבט דראַמען, וועלכע קיין מענעדזשער וויל אַפילו ניט לייענען, אַזאַ מענש איז אַן אומגליק.

זלמן היינע ווערט פון זיין ווייב גערופען „טראַמבעניק", ווייל זי זאָגט, אז אַ מענש, וועלכער זיצט אַליין אַ גאַנצען טאָג אין קאַפּע־הויז און זיין ווייב אַרבייט אין אַ פאַבריק — אַזאַ מענש איז אַ טראַמבעניק.

נחום באַיראָן ווערט פון זיין ווייב גערופען „שלעפּער", פאַר ענליכע אורזאַכען.

אַלע דריי „זשעניען" אַנטלויפען פון זייערע היימען, וואו זי קריגען ניט קיין אַנערקענונג פון זייערע ווייבער, און קומען אין קאַפּע־הויז,

זעצען זיך אַוועק ביי זייער „ליטעראַריש טישעל״, אַנערקענען איינער דעם צווייטען און לאַכען־אָפּ פון די אַלע אַנערקענטע ליטעראַטען; באַווייזען, אַז יענע זיינען טאַלאַנטלאָז און אַז וואָס מער ערפאָלג איינער האָט איז ער אַלץ אַ גרעסערע טאַלאַנטלאָזיגקייט.

איינמאָל האָט שמואל שעקספּיר ערקלערט, אַז ער שרייבט אַ ראָמאַן, אַ שלעכטען ראָמאַן, אַ פּאָפּולערען ראָמאַן, אַזוי ווי עס שרייבען די אַלע אַנערקענטע, די „טאַלאַנטלאָזע״ שרייבער, אום צו באַווייזען, אַז ווען ער וויל, קען ער אויך זיין טאַלאַנטלאָז. ער וועל באַווייזען, אַז ער איז ניט אַזאַ „אומגליק״ ווי זיין ווייב מיינט. ער קען אויך זיין אַן ערפאָלג.

זלמן היינע און נחום באַיראַן האָבען אים ערמוטיגט דאָס צו טאָן, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו ווייזען די אַלע ערפאָלגרייכע שרייבער, אַז ווען זיי וואָלטען געוואָלט פּראָסטיטואירען, פאַרקויפען זייער קונסט, וואָלטען זיי דאָס געקענט לייכט טאָן, נאָר זיי ווילען ניט.

שמואל שעקספּיר האָט פלייסיג געאַרבייט אויף זיין ראָמאַן און ווען זיין ווייב האָט אים איבערגעשלאָגען און אים געזאָגט: „אומגליק, טראָג אַרונטער דעם גאַרבעדזש!״, האָט ער איר געזאָגט מיט האַרץ: „די אַרבייט וואָס איך טו איצט האָסטו געדאַרפט וועניגסטענס אָפּשאַצען. איך שרייב איצט נישט קיין סימבאָלישע דראַמע. איך שרייב איצט אַ ראָמאַן פאַר׳ן פאָלק! איך פאַרקויף מיין טאַלאַנט. איך בין איצט אַ פאַרקויפטע נשמה. אָבער דאָס איז בלויז פאַר אַ ווײַלע. נאָכדעם וועל איך ווידער זיך נעמען צו מיין קונסט־אַרבייט״.

זיין ווייב האָט ניט אויסגעהערט זיינע ווערטער. „וואָס דו זאָלסט ניט טאָן וועט דערפון אַרויסקומען בלויז אומגליק!״, האָט זי געזאָגט.

ווען זיין ראָמאַן איז פאַרטיג געוואָרען, איז ער אַוועק אין דער רעדאַקציע פון „שופר״, זיך פאַרגעשטעלט פאַר׳ן רעדאַקטאָר און אים געזאָגט: „איך גיב אייך אַ ראָמאַן, וואָס וועט פאַרטאָפּלען אייער ציר־קולאַציע״.

„דאָס איז אַביסעל צו־פיל״, האָט דער רעדאַקטאָר געענטפערט. „איך וועל זיין צופרידען, אַז דער ראָמאַן איז גוט־גענוג ניט צו פאַרטרייבען די לעזער״.

ער האָט אים געהייסען קומען אין אַ וואָך אַרום פאַר אַן ענטפער.

אַ וואָך איז אַוועק און שמואל שעקספּיר איז געגאַנגען אין דער רעדאַקציע פאַר אַ תשובה. ער האָט פאַרשפּראָכען זיינע קאָלעגען, אַז אויב זיין ראָמאַן וועט אָנגענומען ווערען, וועט ער נעמען אַ פאַרשוס

און מען וועט מאַכען אַ שטיקעל באַנקעט פאַר זיך אין דער קאַפע־הויז און טרינקען אַביסעל ווין על חשבון הגביר.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע, האָט אים דער רעדאַקטאָר גלייך דערקענט און אים גלייך דערלאַנגט דעם ראָמאַן.

„וואָס, עס געפעלט אייך ניט?" — האָט אים שמואל שעקספיר געפרעגט.

„ניין", האָט דער רעדאַקטאָר געענטפערט.

„פאַרוואָס!"

„איר ווילט וויסען מיין אויפריכטיגע מיינונג? איר זיינט אַ משוגע־נער", האָט אים דער רעדאַקטאָר ערקלערט.

„וואָס הייסט, איר רופט מיך משוגע׳נער? איך וועל אייך אַנקלאָגען פאַר עהרע־באַליידיגונג".

„קלאָגט מיך אָן!" האָט דער רעדאַקטאָר געשריען, „וועל איך אין געריכט באַווייזען, אַז איר זענט אַ משוגע׳נער און אַ מערדער, ווייל איר הרג׳עט צייט. מיין צייט, אייער צייט".

שמואל שעקספיר האָט געוואָלט דעם רעדאַקטאָר זידלען, זיך אַביסעל קילען דאָס האַרץ, אָבער דער רעדאַקטאָר האָט אים אינמיטען רעדען איבערגעלאָזען און אַריין צו זיך אין צימער.

שמואל שעקספיר איז צוריקגעקומען אין קאַפע־הויז און דערציילט זיינע קאָלעגען, אַז דער רעדאַקטאָר האָט אים גערופען משוגע׳נער און מערדער.

„אויב אַזוי", האָט נחום באַיראָן אויסגערופען, „באַווייזט דאָס, אַז דו ביסט זייער גרויס, אַז ווען דו האָסט שוין יאָ געוואָלט שרייבען אַ שונד־ראָמאַן, זיך אַרונטערלאָזען צו די מאַסען, זיך פאַרקויפען, האָסטו אויך ניט געקענט. עס איז אַלץ אַרויסגעקומען קונסט. איך פאָדער דער־פאַר, אַז גלייך, דאָ, אויפן פלאַץ, זאָלען מיר פון דיין כבוד וועגען שוין האָבען אַ באַנקעט. ער האָט צוגערופען דעם וועיטער און געזאָגט: „ווין און סענדוויטשעס!"

דער וועיטער איז געווען אַביסעל איבערראַשט. אָבער, האָט ער געטראַכט, מסתמא האָט איינער פון זיי געקראָגען עפּעס אַ ירושה. ער האָט געבראַכט עסען און טרינקען. זיי האָבען אַלע, טרינקענדיג, זיך געפילט בגלופנ׳דיג און געהאַלטען לויב־רעדעס איינער וועגען דעם צווייטען און ערקלערענדיג הייליג, אַז זיי וועלען האַלטען ערליך די פאַן פון קונסט.

צום שלוס האָט דער וועיטער צוגעבראַכט דעם חשבון און געפרעגט;

„ווער צאָלט?" אַלע דריי „זשעניען" האָבען אַ ווײַלע געשוויגען. ענדליך האָט זיך אָפּגערופען נחום באַיראַן: „איך צאָל! די אידעע פון באַנקעט איז מיינע".

באַטראַכטענדיג אַ ווײַלע דעם ביל, וואָס האָט באַטראָפען ארום זעקס דאָלער, האָט נחום באַיראַן אַרויסגענומען אַ ביכעל פון זיין קעשענע (זיין אייגען ביכעל לידער, וואָס ער האָט אַמאָל אַרויסגעגעבען), האָט אַנגעשריבען זיין נאָמען, עס דערלאַנגט צום קעלנער און געזאָגט: „דאָס ביכעל קאָסט צען דאָלער. אייער ביל באַטרעפט זעקס דאָלער. איר קריגט 2 דאָלער טרינק־געלט, גיט מיר 2 דאָלער רעשט".

דער ווײַטער איז געבליבען אַ געפּלעפטער. ער איז אַוועק מיט'ן ביכעל און געקומען צוריק מיט'ן ביכעל און מיט'ן באַלעבאָס. נחום באַיראַן, האָט זיך ניט פאַרלאָרען און געזאָגט: „מר. פייפער (אַזוי הייסט דער באָס). מיר זיינען דאָ שטענדיגע קאָסטימער. צוליב אונז קינסטלער האָט אייער קאַפע־הויז אַ גרויסען נאָמען. מען קומט אַהער קוקען אויף אונז. מיר האָבען דאָ געפּייערט אַ באַנקעט פאַר אונזער'ן אַ קאָלעגע. מיר האָבען דעם באַנקעט געקענט פייערען אין אַן אַנדער פּלאַץ. אָבער ניין! מיר האָבען בלויז אייער פּלאַץ געוואָלט געבען דעם כבוד. מיר באַהערען אייך מיט אַ בוך און פאָדערען דערפאַר צען דאָלער, דאַרפט איר דאָס געבען מיט דאַנק".

מר. פייפער האָט אַ שמייכעל געטאָן און געזאָגט:

„אָלראַיט, נאַט אייך די צוויי דאָלער טשעינדזש".

עס איז געוואָרען אַ דיסקוסיע וואָס צו טאָן מיט די צוויי דאָלער. שמואל שעקספּיר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דאָס אייגענטום פון נחום באַיראַן. עס איז זיין איינפאַל, זיין באַנקעט־אידעע און זיין בוך.

נחום באַיראַן האָט געזאָגט, אַז דאָס דאַרף ווערען דאָס אייגענטום פון שמואל שעקספּיר. זיין דראַמאַן, זיין באַנקעט און אים האָט דער רעדאַקטאָר גערופען משוגע'נער.

עס איז ענדליך איינשטימיג באַשלאָסען געוואָרען צו געבען די צוויי דאָלער צום ווײַטער אַלס אַ צווייטען טיפּ.

שמחת תורה

שמחת תורה — דאָס איז מיין גרעסטער יום־טוב! אידען, לאָזט מיך זיך משמח זיין, לאָזט מיך טאַנצען מיט דער תורה, לאָזט מיך!

דער תורה האָב איך אַ סך צו פאַרדאַנקען. די תורה האָט מיך געמאַכט פאַר אַ לייט.

איר זעט מיין טויבען אויער? ער הערט ניט אַ וואָרט, דאָס איז פון דער תורה.

ווען איך בין אַלט געווען דריי יאָר, איך האָב נאָך ניט געקענט רעדען, האָב איך שוין געלערענט תורה און האָב אין דעם דאָזיגען אויער געכאַפּט דעם גרויסען פאַטש פון דעם קליינעם בערעלע מלמד און בין געבליבען טויב ביז היינטיגען טאָג.

איר זעט מיין קליינעם וואוקס, מיינע איינגעבויגענע פּלייצעס, מיין שאָקלען זיך? דאָס איז אַלץ פון דער תורה.

ר׳ פייוויש מלמד האָב איך דאָס צו פאַרדאַנקען. ער האָט געאַרבייט מעשים, אַז איך זאָל ניט האָבען קיין גלייכע פּלייצעס. ווען ער האָט געזען, אַז איך זיץ ביי דער גמרא גלייך, אויסגעשטרעקט, פלעגט ער מיר געבען אַ זעץ אין דער פּלייצע און זאָגען: „אַזוי זיצט אַ גוי, ניט קיין איד! אַ אידיש קינד דאַרף זיך איינבויגען אין דער גמרא אַריין, אַזוי־אַ!" בין איך תמיד געזעסען איינגעבויגען און האָב מער שוין ניט געקענט אויסגלייכען מיינע פּלייצעס.

און פון וואַנען קומט עס, וואָס איך קוק אויף ברילען און זע אויף זיי ניט?

אַלץ פון דער תורה.

פונם פאַרהערען זיך יעדען שבת ביים טאַטען.

אַ פלעגען עס דאַמאָלסט פאַלען פעטש פונ׳ם טאַטענ׳ס און פונ׳ם רבי׳ס צד. דער טאַטע פלעגט צייגען דעם רבי׳ן, אַז ער קען בעסער שלאָגען פון אים. מיין טאַטע איז געווען קליין, איינגעבויגען און קורצ־זיכטיג — אויך מסתמא פון דער תורה. אַז ער האָט געשלאָגען האָט ער ניט געזען וואו די קלעפּ פאַלען. איך פלעג אויסווייקען מיט טרערען

יעדעס בלאַט פון דער גמרא, און אַ דאַנק דעם בין איך היינט אַ איד אין ברילען.

ווען איך בין אַנטלאָפן פון די בייזע מלמדים און פון מיין טאַטען און בין אַוועק קיין אַמעריקע, האָט מיך די תורה באַשירעמט פון קריגען אַ שטעלע.

וואו איך בין געקומען זוכען אַרבייט, האָט מען אויף מיר אַ קוק געטאָן און געזאָגט: „אַזאַ יונגער מאַן ווי איר דאַרף לערנען תורה, נישט אַרבייטען!"

די תורה האָט מיך באַשיצט פון מיידלאַך. איך האָב זיך דווקא שנעל פאַרליבט. ווען איך האָב דערזען אַ שיינע מיידעל, בין איך געווען גרייט צו ערקלערן זיך אין ליבע. אָבער ווען די מיידלאַך האָבען מיך געזען, האָבען אַ קוק געטאָן אויף מיינע פּלייצעס און ווי איך שאָקעל זיך, האָבען זיי מיט מיר ניט געוואָלט לאַנג רעדען.

אָבער דער גאָט פון זווגים האָט מיך אויך ניט פאַרלאָזען. ער האָט מיך צוזאַמענגעפּאָרט מיט אַ ווייבעל, וואָס האָט רעספּעקטירט מיינע איינגעבויגענע פּלייצעס, האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר מיין שאָקלען זיך, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז רעספּעקטירענדיג די אַלע זאַכען גיט זי אָפּ כבוד צו דער תורה. אָבער אויך זי האָט זיך מיט מיר לאַנג ניט געהאַלטען. איר איז ניט געפעלען, וואָס איך האָב אַ טבע פון פאַלען. איך פאַל אָן אַ שיעור. איך האָב אַ נאַטור, וואָס ווען איך גיי, וואַקעל איך זיך און שוין — איך ליג אָן אויסגעצויגענער אויף דער ערד.

ווען עס איז אַ בלאָטע, אָדער אַ שניי, אָדער אַ גליטש, איז אָפּ־געררעדט. דאַמאָלסט פאַלען דאָך אַלע אידען, רוה איך ניט אַ רגע. איך גיי און פאַל, פאַל און גיי. אַלע מיינע אברים זיינען שוין צעקלאַפּטע. איך האָב ניט קיין איין גאַנץ ביינדעל.

נאָר אַפילו אין אַ שיינעם טאָג פאַל איך אויך אַ סך מאָל. אין מיין שטעטעל פלעגט מען מיך רופען „נופל בן נופל", ווייל מיין טאַטע, מיין זיידע, האָבען אויך געקענט גאַנץ גוט פאַלען. כמעט אונזער גאַנץ פאַמיליע איז אַ געפאַלענע. מענשען פלעגען זיך וואונדערען ניט אַזוי אויף זייער פאַלען ווי אויף זייער אויפהויבען זיך. אַנדערע אויף זייער אָרט וואָלטען צעשאָטען געוואָרען אויף שטיקלעך. אָבער ניט זיי.

האָב איך געזאָגט מיינער: „וואָס אַרט דיך אַז איך פאַל? דו זעסט דאָך, אַז ס׳שאַדט מיר ניט. איך הויב זיך אויף און גיי ווייטער אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט געווען". האָט זי געזאָגט: „ניט אַלעמאָל פאַסירען

נסים. וואָס טו איך, אַז דו טוסט אַ פאַל און הויבסט זיך מער ניט אויף?" האָב איך איר ערקלערט, אַז זי קען מיך ניט און האָב איר דערציילט די גאַנצע היסטאָריע פון מיין לעבען. איך האָב איר געזאָגט: „אָט איז מיין טאַטע, עליו השלום, געפאַלען אַ צייט פון יאָרען אין די בלאָטעס פון אונזער שטעטעל (דאָרט זיינען דאָך עפּעס געווען בלאָטעס!) און דערנאָך איז ער געשטאָרבען רוהיג אויף זיין בעט פון סוכאָטע. מיין זיידע, עליו השלום, איז דאָך געווען פון די געהויבענע פאַלערס. איז ער געשטאָרבען שטייענדיג פון הונגער".

האָט זי געזאָגט: „וואָס פאַר אַ פאַרגלייך: „זיי זיינען געפאַלען אין די קליינע שטעטלאַך, האָבען זיי געקענט איבערגעפאַרען ווערען פון אַ פערדעלע, וואָס האָט אַליין ניט קיין כח צו גיין, אָבער דו ביסטו אין ניו יאָרק. אַן אויטאָמאָביל פאָרט דיך איינמאָל איבער, בלייב איך אַן אַלמנה".

האָב איך איר געזאָגט: „אויב אַזוי, גלויבסטו דאָך ניט אין מיין זכות אבות און אין דער תורה וואָס באַשיצט מיך?"

האָט זי געזאָגט, אַז זי גלויבט טאַקע ניט. האָב איך זי אָפּגע'גט, און איצט קען מען ערשט זען, אַז זי איז ניט געווען גערעכט. איך בין שוין איבערגעפאָרען געוואָרען פון עטליכע אויטאָמאָבילען און איך לעב נאָך אַלץ.

די דאָקטוירים ווייסען ניט פאַרוואָס עס פּאַסירען מיט מיר אַזוי פיל נסים, אָבער איך ווייס: דאָס איז דער זכות פון דער תורה.

און דערפאַר, אַז ס'קומט שמחת תורה פיל איך, אַז ס'איז מיין יום־טוב. אידען אין שול נעמען צו קאָפּיטשקעס און הויבען אָן פאַלען. ווער פאַלט דאַמאָלס ניט? אַלע פאַלען. נאָר איך פאַל מסתמא בעסער פון זיי. איך פאַל אויף זיי און זיי אויף מיר, און אַזוי פאַלענדיג לאָזט מען זיך צו די הקפות.

אַז ס'קומט צו די הקפות איז, ווי בגלופינדיג איך זאָל ניט זיין, פאַרגעס איך ניט אין דער תורה וואָס זי האָט געטאָן פאַר מיר און איך בין פאַרזיכטיג. איך קען זיך. איך ווייס, אַז איך וועל טאַנצען מיט אַ תורה וועט זיין ווי צו דער תורה און צו מיר. מיר וועלען ביידע ליגען אויפ'ן פלאָר. זאָג איך: „אידען, גיט מיר אַ קליין תורה'לע און האַלט מיך צו, האַלט מיך, איך וויל ניט פאַלען מיט דער תורה".

גיט מען מיר אַ קליין תורה'לע און צוויי אידען האַלטען מיך און איך שריי: „אידען, לאָזט מיך זיך משמח זיין, דאָס איז מיין גרעסטער יום־טוב, לאָזט מיך טאַנצען מיט דער תורה, לאָזט מיך, לאָזט מיך!"

אַ דיימאָנד רינגעל

בערל איז געקומען באַזוכען זיין לאַנדסמאַן פישעל פּרנס. זיי זיינען ביידע אין דער אַראנדזשמענט קאָמטיע פון זייער פאראיין, און זיי האָבען זיך געדאַרפט דורכרעדען וועגען קומענדען טעאַטער בענעפיט.

ער האָט מר. פּרנס'ן ניט געטראָפען אין דער היים. מרס. פּרנס האָט אים געבעטען זיצען און וואַרטען. זי האָט אים ערקלערט אַז זי ערוואַרט איר מאַן יעדע מינוט.

בערל האָט דערווייל געשמועסט מיט מרס. פּרנס. זי קומט אויך פון זיין שטעטעל. מייסטענס האָט גערעדט מרס. פּרנס. זי האָט ליב אַ סך צו ריידען.

בערל האָט אַ טבע, ווען ער באַזוכט אימיצען, צו זען אַלעס, וואָס געפינט זיך אין הויז, צו באַטראַכטען עס, צו נעמען עס אין האַנט אַריין, אַנטאַפּען און אָפּשאַצען וויפיל ס'איז ווערט.

מרס. פּרנס האָט אים ניט געגעבען קיין געלעגענהייט דאָס צו טאָן. זי האָט גערעדט און ער האָט געמוזט הערען.

ענדליך האָט מרס. פּרנס זיך אויפגעשטעלט, זיך אַנטשולדיגט און געזאָגט, אַז זי גייט מאַכען טיי פאַר אים און פאַר איר מאַן.

מרס. פּרנס האָט זיך געזאַמט אַ היבשע ווײַלע, און בערל האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט צו באַטראַכטען וואָס ס'געפינט זיך ביי זיין לאַנדסמאַן אין הויז.

ער האָט געעפענט איין שופלאָדעל נאָכ'ן צווייטען, געעפענט באָקס־לאַך, אַרויסגענומען שנעל זאַכען, צוריק אריינגעלייגט און פאַרמאַכט. דאָס, וואָס ס'איז אים געפעלען, האָט ער געהאַלטען לענגער אין האַנט. ער האָט גענומען אין האַנט אַ דאַמען־זייגערעל און עס אָפּגעשאַצט, אַז ס'איז ניט ווערט מער ווי פופציג דאָלער.

ער האָט געהאַלטען אַ פּאָר אוירינגלאַך און האָט ניט געקענט וויסען וויפיל זיי זיינען די ווערט. ער האָט אָנגעטאַפּט אַ שנירעל פּערעל,

און ער איז ניט געווען זיכער צי ס׳איז אמת׳ע, צי פאַלשע פּערעל. צום שלום האָט ער געהאַלטען אַ דאַימאָנד רינגעל. ער האָט דאָס געהאַלטען פאַר אַ זעהר ווערטפולע זאַך. אין דער איצטיגער צייט מוז דאָס זיין ווערט זייער פיל, האָט ער געשאַצט. ער האָט דאָס רינגעל געפּרואווט אָנמעסטען אויף זיינע פינגער און עס האָט ניט געקענט אַרויף. מרס. פּרנס האָט דינערע פינגער פון אים. ענדליך איז דאָס רינגעל אַרויף אויף זיין מינדסטען פינגער.

ווען ער האָט דאָס רינגעל געוואָלט אַראָפּנעמען פון פינגער, האָט זיך עס ניט געלאָזען. אַרויף איז דאָס לייכט, אָבער אַראָפּ וויל עס ניט. ער האָט זיך געראַנגעלט מיט דעם רינגעל. דערווייל איז פּלוצלינג אַריינ־געקומען מר. פּרנס. ער האָט זיין לינקע האַנט, אויף וועלכען דאָס רינגעל האָט זיך געפונען, שנעל אַריינגעלעגט אין זיין קעשענע. ער האָט דאָך ניט געקענט צייגען צו מר. פּרנס, אַז ער גייט אַנגעטאָן זיין ווייב׳ס רינגעל אויפ׳ן פינגער.

מרס. פּרנס איז אַריינגעקומען מיט טיי, און זיינעביידע הענט האָבען אונטער׳ן טיש שווער געאַרבייט צו באַפרייען זיין פינגער פון רינגעל.

„פאַרוואָס טרינקט איר ניט טיי?״, האָט אים געפרעגט מרס. פּרנס, „ס׳וועט דאָך קאַלט ווערען״.

„איך האָב ליב קאַלטע טיי״, האָט ער געענטפערט, און אים איז געווען הייס און קאַלט פון רייסען דאָס רינגעל פון פינגער. ער האָט דאָך ניט געקענט טרינקען טיי מיט איין פינגער און קעשענע. עס איז אים ענדליך געלונגען אַרונטערצורייסען דאָס רינגעל, און זיין פינגער מיט דער האַנט זיינען באַפרייט געוואָרען. דאָס רינגעל איז אָבער געבליבען געפאַנגען אין קעשענע.

רעדענדיג מיט מר. פּרנס האָט ער געפילט, אַז ער איז ניט דער־זעלבער מענש. די פראַגע ווי אַזוי ער זאָל צוריק אונטערוואַרפען דאָס רינגעל האָט אים שטאַרק געעגבערט.

וואָס מר. פּרנס האָט פאָרגעשלאָגען איז בערל געווען איינשטימיג. מר. פּרנס האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. ער קען בערל׳ען אַלס אַ שטיקעל עקשן און מיט אַן אייגענער מיינונג. אָבער דאָס מאָל איז ער אַזוי נאָכגעביג.

„בערל!״, זאָגט אים מר. פּרנס, „איך דערקען דיך ניט. דו גיסט נאָך״.

„אַז וואָס איר זאָגט איז גוט״, האָט בערל געענטפערט.

ענדליך האָט ער זיך געזעגנט, און מר. פרנס האָט אים אײַנגעלאַדען צו קומען נעקסטען זונטאָג נאָך אַמאָל איבערצורעדען וועגען דעם בענעפיט.

אַהיים גייענדיג האָט זיך בערל אַביסעל באַרוהיגט. אַזוי ווי ער דאַרף קומענדען זונטאָג נאָך אַמאָל באַזוכען פישלען, וועט ער שוין דאָס רינגעל אונטערוואַרפען. מרס. פרנס וועט אַזוי שנעל דאָס רינגעל סײַ־ווי ניט זוכען. זי טוט דאָס מסתמא אָן איין מאָל אין אַ יובל.

***

גאַנץ פרי האָט זײַן ווײַב, וועלכע האָט ליב צו אונטערזוכען זײַנע קעשענעס, אים אויפגעוועקט אויסרופענדיג מיט פרייד: „בערל! טײַערער בערל! דו האָסט מיר געבראַכט אַזאַ טײַערען פּרעזענט, און דו האָסט מיר גאַרניט געזאָגט!״

ער האָט אויפגעעפענט די אויגען און דערזען דאָס דײַמאָנד־רינגעל אויף זײַן ווײַב׳ס פינגער.

ער האָט אַ ברום געטאָן:

„צו וואָס קריכסטו אין די קעשענעס?״

„דו האָסט מיך געוואָלט איבעררראַשען?״, האָט זי געפרעגט.

„אודאי!״, האָט בערל געזאָגט, „אודאי!״

וויפיל האָסטו באַצאָלט דערפאַר?״ האָט זי געפרעגט.

„אַלעס מוזטו וויסען״, איז ער שוין געוואָרען אין כעס. „אַז דו האָסט מיך ניט געלאָזען דיך סורפּרייזען״.

„ס׳מאַכט ניט״, האָט אים זײַן ווײַב ערקלערט. „ווען איך האָב עס געפונען אין קעשענע בין איך געווען פונקט אַזוי גוט איבערראַשט, ווי דו וואָלסט עס מיר געזאָגט״.

בערל איז אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבייט, און דאָס רינגל איז אים ניט אַרויסגעגאַנגען פון קאָפּ. וואָס זאָל ער טאָן?

***

ווען ער איז אַהיים געקומען פון דער אַרבייט, האָט ער געטראָפען אַ פאָר שכנ׳טעס אין הויז. יעדע האָט אָנגעמאָסטען דאָס רינגעל און געוואָלט וויסען וויפיל ס׳קאָסט.

„אַז ער וויל מיר ניט זאָגען דעם פּרײַז״, האָט די בערעליכע ערקלערט, „איך האָב אים שוין עטליכע מאָל געפרעגט״.

בערל האָט זיך געמאַכט ווי ער הערט גאָרניט די אַלע רייד. אָבער ענדליך איז איין שכנ׳טע צוגעגאַנגען צו אים און אים געזאָגט שטיל:
„זאָגט מיר, אַייער ווייב הערט ניט, וויפיל קאָסט דאָס רינגעל?"
„ס׳איז ניט אַייער עסק!", האָט ער איר געענטפערט.
די שכנ׳טע איז ברוגז געוואָרען און איז אַרויס פון הויז אָן אַ גוטע נאַכט.
זאָלען זיי אַלע ברוגז ווערען האָט בערל געטראַכט, וואָס ווילען זיי? ווער דאַרף זיי?

**
*

אַ גאַנצע נאַכט האָט בערל ניט געקענט שלאָפען. דאָס רינגעל איז ניט אַרויס פון זיין קאָפּ, און ער האָט זיך גענומען פאָרשטעלען, ווי זיין ווייב באַגעגענט זיך מיט מרס. פּרנס און ציינגט איר דאָס רינגעל. ווי די מרס. פּרנס שרייט־אויס: „געוואַלד! דאָס האָט אַייער מאַן גע׳גנב׳עט ביי מיר!"
וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט ער דאַן געהאַט ביי די לאַנדסלייט און טאַקע ביי זיך אַליין? צו וואָס האָט ער עס געדאַרפט? צו וואָס דאַרף ער אַלע מאָל באַטראַכטען זאַכען, וואָס זיינען ניט זיינע? צו וואָס קריכט ער אַריין אין צרות? אָבער ס׳איז פאַרפאַלען. וואָס זאָל ער איצט טאָן?
עס איז אים איינגעפאַלען אַ גליקליכער געדאַנק. ער וועט צו־גנב׳נען דאָס רינגעל ביי זיין ווייב און דערנאָך עס אונטערוואַרפען אין הויז פון די פּרנס׳עס.
ער איז באַלד אַרונטער פון בעט, אַריין אין פאָדער־צימער, וואו זיין ווייב האַלט די צירונג און אַרויסגענומען דאָס רינגעל, אַרונטער־געלעגט אונטער׳ן קישען און איינגעשלאָפען.
אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען שנעלער ווי אַלעמאָל, איז געגאַנגען צו דער אַרבייט פריער ווי געוועגליך. ער האָט מיט׳ן רינגעל געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון זיין הויז.

**
*

אין אָוונט. בערל קומט אַהיים, טרעפט ער, אַ מאַן זיצט ביים טיש, און זיין פרוי שטעלט אים פאָר, אַז דאָס איז אַ דעטעקטיוו. זי דערציילט אים, אַז דאָס טייערע רינגעל איז פאַרשוואונדען געוואָרען, אַז זי האָט וועגען דעם באַלד געמאָלדען דער פּאָליציי, און אַז דער דעטעקטיוו איז באַשטימט געוואָרען צו אַרבייטען אין דער קעיס.

דער דעטעקטיוו האָט אים געגומען שטעלן פֿאַרשידענע פֿראַגן, און בערל האָט געענטפֿערט מיט אַ זעהר שוואַכער שטימע.

„וואו האָט איר געקויפֿט דאָס רינגעל? קען איך זעהן דעם ביל? וויפֿיל האָט איר דערפֿאַר באַצאָלט?", האָט דער דעטעקטיוו געפֿרעגט.

בערל האָט אָנגעהויבען ענטפֿערען ווי אַ צעמישטער.

„איך האָב עס געקויפֿט פֿון אַ פֿריינט. איך האָב ניט קיין ביל".

„וויפֿיל האָט איר באַצאָלט פֿאַר דעם רינגעל?", האָט אים דער דעטעקטיוו געפֿרעגט.

„איך געדענק ניט", האָט ער געזאָגט.

„וואָס הייסט איר געדענקט ניט?" איז דער דעטעקטיוו שוין געוואָרען אין כעס.

„אָט", האָט דער דעטעקטיוו ערקלערט, „האָב איך אַן ענליכען פֿאַל, אויך וועגען אַ דאַימאָנד־רינגעל, וואָס האָט אויסגעזען ענליך, ווי אייער פֿרוי באַשרייבט איר רינגעל, און איך האָב ביי מיר דעם ביל, מרס. פֿרנס האָט דערפֿאַר באַצאָלט 800 דאָלער".

ווען בערל האָט דערקלערט דעם נאָמען פֿרנס איז ער געפֿאַלען אין חלשות.

נאָכדעם ווי מען האָט בערל׳ען דערמינטערט, האָט אים דער דעטעקטיוו אַרעסטירט פֿאַר גנב׳ענען צוויי רינגלאַך.

זיין ראש השנה

אין דער אַלטער היים בין איך געווען אַ מלמד, און דאָ, אין אַמעריקע, בין איך אויך אַ מלמד. אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשיד! דאָרט — ווער האָט מיך ניט געקענט? אַ קלייניגקייט — „הירשל, דער גמרא מלמד". מיין זוהן פּיוויש האָט מען גערופען פּיוויש הירשל מלמד'ס. און דאָ? — ווען מען פרעגט מיך ווער איך בין, זאָג איך, אַז איך בין פיליפ פייפער'ס טאַטע.

אין דער אַלטער היים האָבען ביי מיר געלערענט קינדער פון גבירים. די גבירים פלעגען מיך איינלאַדען צו זיך און מיר אָפּגעבען כבוד: „זיצט ר' הירשל, עסט ר' הירשל".

דאָ זע איך קיינמאָל ניט די עלטערען פון מיינע תלמידים. די באָיעס ברענגען מיר דעם שכר לימוד, אַ וואָרף טועבדיג אַ דאָלער אויפ'ן טיש. זיי לערנען עברי שטייענדיג אויף איין פוס. איין תלמיד האָט ליב ווען ער לערנט צו וואַרפען אַ באָל און אים כאַפּען. אַזאַ פּנים האָט דאָס לערנען!

מיין ווייב פלעגט אין דער אַלטער היים האָבען פאַר מיר דרך ארץ. איך פלעג איר דערציילען ווי איך רעד צו די גבירים, די טאַטעס פון מיינע תלמידים, און זי פלעגט קוועלען, „מיין מאַן, זאָל לעבען, ר' הירשל, זאָגט אַזוי און אַזוי", פלעגט זי וועגען מיר רעדען צו די ווייבער.

דאָ, אין אַמעריקע, בין איך ביי מיין ווייב אַ גאָר־ניט שב'גאָר־ניט. איך מוז איר העלפען וואַשען די טעלער. איך מוז אַרונטערטראָגען דעם גאַרבעדזש און גיין איינקויפען אין גראָסערי.

איך אַליין פיל, אַז איך בין אַ לא יוצלח.

יעדען אינדערפרי גיי איך אין שול אַריין מיט'ן טלית־זאַק אונטער'ן אָרעם און מענשען קוקען אויף מיר פון אויבען אַראָפּ, ווי אויף איינעם, וועלכער האָט גאָרניט וואָס צו טאָן גייט ער דאַווענען.

ווען איך דאַווען, רעד מיט גאָט, פיל איך זיך ווי אַ געפאַלענער. וואָס בין איך? איך נעם ביי אידען געלט פאַר אויסלערנען זייערע קינדער דאַוונען, און לערן זיי ניט אויס.

איינמאָל, ערב ראש השנה, גיי איך מיר מיט׳ן תפילין־זאַק אונטער׳ן אָרעם פון שול. איך הער אַן אָטאָמאָביל טרובעט. מיך אינטערעסירט עס ניט. אָבער דער אָטאָמאָביל טרובעט נאָך שטאַרקער. איך דריי אויס דעם קאָפּ. אַ מאַן זיצט אין אַ גרויסען אָטאָמאָביל און שרייט צו מיר: „פּליז, מיסטער״ פרעג איך ביי אים: „וואָס פאַרלאַנגט איר?״ זאָגט ער, אַז ער וויל מיך אַהיים פירען. זאָג איך אים, אַז איך וואוין דאָ ניט ווייט. פאָרט ער מיר נאָך.

ביי מיין טיר. איך בלייב שטיין. ער בלייבט שטיין, און ער זאָגט מיר: „וואַרט אויף מיר, איך וויל מיט אייך רעדען ביזנעס״. לאַד איך אים איין צו מיר אַהיים (מיין ווייב איז ניט געווען אין דער היים). הייס איך אים זיצען. איך מיין, אַז ער וויל ביי מיר אָנדינגען זיין׳ס אַ קינד צו לערנען עברי. זאָג איך אים: „איך בין אַ גוטער מלמד, אָבער די צרה איז וואָס די אַמעריקאַנער קינדער ווילען ניט לערנען״. פרעגט ער מיך צי איך מאַך אַ לעבען. זאָג איך אים דעם אמת: „איך מאַך אַן אָרעם לעבען״. זאָגט ער צו מיר: „איך וויל אייך געבען צו פאַרדינען אַ פּאָר לייכטע דאָלער״ און ער ערקלערט מיר, אַז אַזוי ווי ער איז אַ רייכער מענש און זעהר אַ זינדיגער מענש וויל ער מיר געבען אַ הונדערטער איך זאָל פאַר אים ראש השנה גאָט בעטען. זאָג איך אים, אַז גאָט דאַרף ניט קיין מעקלערס. ער קען ביי גאָט אַליין אַלעס פועל׳ן, און ער דאַרף קיינעם ניט געבען קיין מעקלעריי צו קריגען פון גאָט אַ טובה. זאָגט ער, אַז ער אַליין איז אַזוי זינדיג, אַז גאָט וועט אים גאָר ניט וועלען אויסהערען, און ער ערקלערט מיר, אַז ער איז זעהר רייך און אַז מען קען ניט רייך ווערען פון ערליכע אַרבייט. ער האָט געשווינדעלט געראָבעוועט. ראָט איך אים, אַז ער זאָל בעטען גאָט און אים צוזאָגען, אַז ער וועט שוין מער ניט ראַבעווען און געבען צדקה וועט אים גאָט אפשר מוחל זיין. זאָגט ער, אַז ער איז גרייט מיר צו געבען צוויי הונדערט דאָלער, אַבי איך זאָל פאַר אים גאָט בעטען און ער ערקלערט מיר, אַז ער באַהאַנדעלט ניט גוט זיין ווייב. זי ליידט אַ סך צוליב אים. ער האָט זי פאַרראַטען. זאָג איך אים: טאָ בעט גאָט ער זאָל אייך מוחל זיין און ווערט גוט צו אייער ווייב. זאָגט ער, אַז דאָס קען ער ניט. ער האָט ניט איין ווייב. ער האָט עטליכע ווייבער. און אַז אפילו מאָרגען, ראש השנה, האָט ער אַן אַפּאָינטמענט מיט אַ ווייבעל, און ער קען דעם אַפּאָינטמענט ניט

אויפגעבעו. ער האָט געאַרבייט שווער און ביטער ביז ער האָט געקראָגען דעם אַפּאָינטמענט. יענע האָט אַ מאַן, און זי קען אַוועקגיין פון דער היים בלויז ראש השנה, ווען איר מאַן גייט אַוועק דאַוונען.

ביז איך געוואָרען אין כעס און אויסגערופען: „איר זייט אַזאַ פּאַסקודניאַק און ווילט, אַז פאַר צוויי הונדערט דאָלער זאָל איך פאַר אײַך גאָט בעטען. שעמט אײַך!"

זאָגט ער: „וועל איך דערלייגען נאָך 300 דאָלער. איך וועל אײַך געבען 500 דאָלער!"

„ניין!" — האָב איך געזאָגט — „ניין!"

„ס'איז ניט גענוג געלט?" — פרעגט ער.

„דאָס איז זעהר וועניג" — זאָג איך.

„וועל איך דערלייגען נאָך הונדערט דאָלער!" — זאָגט ער.

„ס'איז וועניג" — זאָג איך.

„וועל איך אײַך געבען 800 דאָלער" — זאָגט ער.

„ניט גענוג!"

„אויב אַזוי" — זאָגט ער — „נאָט אײַך טויזענט דאָלער און נעמט קעש".

„איר קענט מיך ניט קויפען פאַר קיין געלט אין דער וועלט!" — האָב איך אויסגערופען. — „מילא, אַז איך נעם ביי אידען געלט אויסצו־לערנען זייערע קינדער עברי און לערן זיי ניט אויס, איז דאָס צוליב פּרנסה, אָבער נעמען געלט צו בעטען פאַר אײַך גאָט און איר וועט אום ראש השנה האָבען אַן אַפּאָינטמענט! — ניין!"

„אויב אַזוי", — רופט ער זיך אָפּ, — „פאַרוואָסזשע האָט איר זיך מיט מיר געדונגען און מיך געמאַכט העכערען דעם פּרייז?"

„איך האָב געוואָלט צוריקווייזען אַ גרעסערע סומע" — האָב איך אים ערקלערט.

דער מאַן איז אַוועק און איך האָב זיך געפילט גאָר פריילאַך. מאָרגען, ראש השנה, ביים דאַוונען, רעדענדיג מיט גאָט, וועל איך זיך ניט פילען מער נידעריג געפאַלען. איך וועל אים קענען זאָגען: איך, אַזאַ קבצן, האָב צוריקגעוויזען אַ גאַנצען טויזענטער, און ניט געוואָלט זיין קיין גאָט־בעטער פאַר פּאַסקודניאַק. הירשל מלמד איז עפּעס. הירשל מלמד איז אין אַמעריקע ניט קאַליע געוואָרען. הירשל'ען קען מען מיט קיין געלט ניט אונטערקויפען! הירשל האָט מיט וואָס שטאָלץ צו זיין! ס'איז מיין ראש־השנה!

נחום דער פריידענקער

איינער פון די גרעסטע שונאים פונ׳ם רבונו של עולם איז געווען נחום, דער פריידענקער. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך וואָס נחום וואָלט ניט געטאָן אום זיך נוקם זיין און דעם גאָט פון נקמה. אָבער אַזוי ווי מיט גאָט אַליין קען מען זיך ניט שלאָגען, האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט די פרומע, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר גאָט׳ס שטעל־פאַרטרעטער. וואו ער האָט דערטאַפּט אַ פרומען איד האָט ער אים דערציילט. אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט. וואָס מער אויפרעגונג און צאָרן דער פרומער איד האָט ארויס־געוויזען, אַלץ מער הנאה האָט געהאַט נחום און אים האָט זיך אויס־געוויזען, אַז ער שיסט גיפטיגע פיילען צום כסא הכבוד.

נחום האָט זיך אָפּגעדרוקט קאַרטלעך, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבען: „נחום דער פריידענקער״. ווען ער האָט זיך באַקענט מיט אימיצען, האָט ער אים גלייך דערלאַנגט זיין קאַרטעלע. יענער האָט דערזען דעם נאָמען „פריידענקער״, האָט ער אים שוין געפרעגט וואָס דאָס מיינט, און ער האָט אים באַלד ערקלערט, אַז ווען עס וואָלט געווען אַ גאָט, וואָלט ער ניט באַשאַפען אַזאַ פאַסקודנע וועלט מיט אַזעלכע פאַסקודנע מענשען, פאַנאַטיקער, פינסטערלינגע.

אָפט האָט ער באַגעגענט אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען נייטראַל צו דער גאָט־פראַגע און זיי האָבען אים געלאָזען רעדען וואָס ער וויל. האָט ער אָבער אָנגעטראָפען אויף אַזעלכע, וועלכע ווילען זיך אָננעמען גאָט׳ס קריוודע, האָט אויסגעבראָכען אַ קריג. ניט איינער האָט אים אָנגע־פאַטשט און אים אונטערגעשלאָגען אַן אויג אָדער צושפּאַלטען אַ ליפּ.

ער פלעגט זיך באַטראַכטען אַלס מאַרטירער, אַלס אַ קרבן צוליב זיין קאַמף מיט גאָט.

איינמאָל האָט ער אָנגעטראָפען אַ אידעל, וועלכער האָט אויס־געהערט נחום׳ס לעסטערונגען אויף גאָט און זיך ניט געשפּאַרט. פאַרקערט,

מיט אַ קאַלטבלוטיג שמייכעלע איז ער געשטאַנען, מיט איין האַנט גע־האַלטען אַ פאַרלאָשענעם ציגאַר און מיט דער צווייטער האַנט געגלעט אַ שפּיץ פון זיין בערדעל און געזאָגט: „אַי האָט איר אַ קאָפּ! ווער קען מיט אייך דען דיסקוטירען! אַז איר ווייסט אַזוי פיל!"

אַ סך מאָל האָט נחום זיך באַגעגענט מיט דעם אידעל און איס געפּרעדיגט „פריידענקעריי" און דער אידעל האָט אים געגעבען קאָמפּלי־מענטען.

אויב נחום האָט איבערצייגט דעם אידען, אַז ס'איז ניטאָ קיין גאָט, ווייס מען ניט. אָבער זיכער איז, אַז דער אידעל האָט איבערצייגט נחום'ען, אַז אַ איד טאָר ניט זיין אָן אַ ווייב.

אַ דאַנק דעם אידעל, וועלכער האָט געהייסען זלמן שדכן, האָט נחום חתונה געהאַט מיט פרענסיס'ען.

און פרענסיס איז געווען דער ריכטיגער זיווג פאַר נחום'ען. זלמן, וועלכער האָט זיך איינגעהערט צו נחום'ס מיינונגען האָט אים צוגעפּאַסט אַ מיידעל, מיט וועלכער ער זאָל ניט דאַרפען זיך קריגען וועגען גאָט. זי האָט גאָר ניט געוואוסט וועגען גאָט און וועגען אידישקייט. זי האָט אפילו ניט געקענט רעדען קיין אידיש. ער האָט איינמאָל עפּעס פּרובירט חוזק מאַכען פון אידישקייט, האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר נאַאיווע אויגען, ווי ער וואָלט גערעדט וועגען טאָטערען.

„פרענסיס", האָט ער איר געזאָגט, „איך האָב דיך ליב צוויי מאָל! ערשטענס, ווייל דו ביסט שיין און זיס; און צווייטענס, ווייל דו ווייסט גאָר־ניט וועגען די אידישע שמאַכטעס".

זיין פרענסיס האָט זעהר ליב געהאַט מואוויס, ספּעציעל האָט זי ליב געהאַט בילדער, וואו מען יאָגט זיך נאָך אַ גנב איבער דעכער, אַ דאַך אַראָפּ און אַ דאַך אַרויף און דערנאָך יאָגט מען אים איבער אַ וואַסער, איבער אַ בריק, איבער וועלדער. און ענדליך איבער טישען, בענק, ביז מען כאַפּט אים. ער האָט זי געפירט צו אַזעלכע בילדער און זיך געפרייט וואָס זי פרייט זיך.

עס זיינען אַזוי אַוועק עטליכע האָניג־חדשים. ער איז געווען אַזוי גליקליך, אַז ער האָט צייטוויייליג אָפּגעשטעלט זיין קאַמף מיט גאָט.

עס איז געקומען ראש־השנה אין דער פרי. ער און זיין פרענסיס עסען פרישטיק. טרינקען קאַווע (ער האָט זעהר ליב איר קאַווע). זאָגט אים פרענסיס: „דאַרלינג, איך האָב פאַר דיר אַ גרויסען סורפּרייז. טרעף וואָס דאָס איז?"

נחום האָט ניט געקענט טרעפֿען.

„ס'איז טיקעטס", האָט זי אים געזאָגט.

נחום האָט געשמייכעלט און אַ גליקליכער געזאָגט: „זעהר אַ גוטער פּרעזענט. איך בין טאַקע שוין לאַנג ניט געווען אין טעאַטער".

זי האָט זיך צולאַכט, און אים דערלאַנגט די טיקעטס.

ער טוט אַ קוק: ס'איז טיקעטס צו דאַוונען אין אַ שול די ימים נוראים. דער פּרייז איז אויפֿגעשריבען: „15 דאָלער אַ טיקעט".

ער האָט פֿאַר די ערשטע עטליכע מינוט פֿאַרלאָרען דאָס לשון.

„ס'וועט דאָרט דאַוונען אַ גוטער חזן", האָט זי געזאָגט. זי האָט ניט געקענט נאָכזאָגען דאָס וואָרט „חזן".

„נו, טו דיך אָן. ס'איז שפּעט מיר מוזען באַלד גיין דאַוונען. ס'איז דאָך ראָש אַשאָנעס".

ער האָט איר געפּרואווט ערקלערען, אַז דאַוונען איז אַ נאַרישע זאַך. אָבער זי האָט אים איבערגעשלאָגען, זאָגענדיג: „אָט די אַלע זאַכען וועסטו מיר דערציילען שפּעטער. צוערשט קום דאַוונען!"

ער האָט אײַנגעזען, אַז זיין דעבאַטירען מיט איר וועט אים ניט העלפֿען. וואָל זאָל מען טאָן? איר נאָכגעבען? מיינט דאָך עס, אַז ער איז אַ מענש אָן מוט. געגען דעם אַלמעכטיגען קען ער קעמפֿען און געגען אַ ווייבעל וואָס וועגט אַפֿילו ניט קיין הונדערט פֿונט האָט ער ניט קיין קוראַזש. און היינט וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט ער פֿאַר זיך אַליין? נחום דער פֿריידענקער גייט דאַוונען!

ער האָט זיך אָנגעגורט מיט אַ סך מוט און געזאָגט: „פּרענסיס דאַרלינג, איך וואָלט דיר אַלעס נאָכגעגעבען, אַ חוץ דיין לעצטען פֿאַרלאַנג. ס'איז געגען מיינע פּרינציפּען".

פּרענסיס האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין. אירע שיינע אויגען זיינען פֿאַרגאָסען געוואָרען מיט טרערען.

„פּרענסיס, איך גיי!" האָט ער פּלוצלינג אויסגערופֿען. ער האָט ניט געקענט זען ווי זי וויינט.

**
*

אין שול. פּרענסיס קוקט אַריין אין מחזור, ווי אַ האָן אין בני אדם. ער קוקט אין מחזור, הערט די תפֿילות, די ניגונים. אַלעס איז אים זעהר באַקאַנט, אַזוי היימיש, כאָטש ער האָט עס שוין יאָרען לאַנג

ניט געהערט. זיין פֿאַנטאַזיע פֿאַרטראָגט אים אין זיין פֿאַרגאַנגענהייט, אין זיין קינדהייט. אַט זיצט ער מיט זיין טאַטען אין בית המדרש און זיין טאַטע שאָקעלט זיך און זאָגט נאָך דעם חזן: „לאל עורך דין! בדין! בדין!" אַט גייט ער אַהיים מיט׳ן טאַטען און מען זעצט זיך עסען אַ מוציא מיט האָניג. ער כאַפּט זיך שטאַרק צו צום האָניג מיט די פינגער. דער טאַטע גיט אים אַ קלאַפּ איבער דער האַנט, אויסרופענדיג: „כאַפּ ניט. עס ניט מיט די פינגער." די מאַמע טוט אַ בייזען קוק אויפ׳ן טאַטען פֿאַרוואָס ער שלאָגט איר נחומ׳ל. איצט, טראַכט, נחום, איז שוין ניטאָ ניט קיין טאַטע, קיין מאַמע — און טרערען הויבען זיך אָן גיסען פון זיינע אויגען און ניט ווילסענדיג אַליין ברומט ער נאָך דעם חזן: „בדין! בדין! בדין!"

זיין פרענסיס ווישט אים אָפּ די טרערען זאָגענדיג: „דאַרלינג, ווייק, ווייק, בעט דיר אויס אַ העפּפּי ייער".

אַ סאָלדאַט אויף פּסח

ס׳איז ערב פּסח אין דער פרי. בערל איז אויסגעפּוצט ווי אַ מלך אין זיינע נייעסטע מלבושים. ער דאַרף גיין צום באַן דערוואַרטען זיין זון, אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, אַ קאָרפּאָראַל, וועלכער קומט אַהיים אויף פּסח.

ער דאַרף קומען מיט דער באַן אַרום עלף, איינס אָדער דריי אַזייגער. אים אַרט ניט ווען ער וועט קומען, אַבי ער קומט.

דאָס שטיין און וואַרטן אויף אַ זון אַ סאָלדאַט איז פאַר זיך אַליין אַ פאַרגעניגען. ער ווייסט, אַז איינזאַם ביים סטעישאַן וועט ער ניט זיין. עס שטייען דאָרטען מסתמא נאָך טאַטעס, וועלכע וואַרטען אויף זייערע זין, סאָלדאַטען, וועט ער דערווייל רעדען מיט די אַנדערע טאַטעס. ער האָט זייער ליב צו רעדען מיט טאַטעס, וועלכע האָבען זין אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ער האָט ערפאַרונג אין דעם. ער האָט איין מאָל, וואַרטענדיג אויף זיין זון ביים טרעין, זיך צורעדט מיט אַנדערע טאַטעס, און האָט געפילט זייער גוט. יעדער טאַטע לאָזט דעם אַנדערען טאַטע לויבען זיין זון, און הערט אים גוט אויס. קיין קנאה־שנאה איז ניטאָ צווישען טאַטעס, וועלכע האָבען זין אין דער אַרמיי. זיי פילען זיך אַלע ווי איין משפּחה. מיט אַ פּאָר טאַטעס, וועלכע ער האָט פריער זיך גאָרניט געקענט, איז ער געוואָרען באַפריינדעט און טרעפט זיך מיט זיי אָפט, און איינער פרעגט דעם אַנדערען וואָס זיין זון מאַכט.

זיין ווייבביילע קען מיט אים איצט ניט גיין צום טרעין. זי איז פאַרנומען מיט קאָכען און באַקען אויף פּסח.

„קאָך, באַק, ביילע, מיט גרויס אַפּעטיט", זאָגט איר אַן בערל זיך גרייטענדיג צום טרעין. „זע אַז דאָס עסען זאָל האָבען זיבען טעמים."

„זאָרג זיך ניט וועגען עסען", ענטפערט אים ביילע, „אונזער משה׳לע האָט תמיד ליב מיין עסען."

„האָסט אַ טעות, ביילע", וואָרענט איר בערל. „ס'איז ניט דער זעלבער משה'לע. דו מיינסט אַז ער איז נאָך אַ קינד, וועלכער פלעגט עסען נאָר דער מאַמע'ס קעסט. ער איז, פאַרגעס ניט, שוין אַ קאָרפּאָ־ראַל. ער עסט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי וואו מען גיט גוט עסען. לעצטען פּסח האָט ער ערגעץ אין דער סאַוט אָפּגעריכט דעם סדר ביי אַ ראַבאַי. אַ רעפאָרמירטער ראַבאַי האָט אים איינגעלאַדען צום סדר, און אים געגעבען צו עסען און צו טרינקען די בעסטע וויינען. געדענקסט דאָך ווי ער האָט באַשריבען דעם סדר. מען האָט געזאָגט זייער ווייניג פון דער הגדה, האָט ער געשריבען, אָבער מען האָט אַ סך געגעסען און מ'האָט דיסקוטירט צי דאַרפען אידען אַן אייגען לאַנד. און אונזער משה'לע האָט זיך מיט אים געשפּאַרט און אים באַוויזען אַז אידען דאַרפען יאָ האָבען אַן אייגען לאַנד. איך האָב אים געשריבען, אַז ער האָט זיך ניט געדאַרפט קריגען מיט'ן ראַבאַי. דו ביזט אַ גאַסט, לאָז אים רעדען, דעם ראַבאַי, וואָס ער וויל."

„דו קענסט דאָך אונזער משה'לע", זאָגט ביילע. „ער קען דאָך ניט ליידען קיין עוולות; און ער איז דאָך געווען גערעכט: ביזטו אַ ראַבאַי, טאָ פאַרוואָס ווילסטו ניט אַז אידען זאָלען האָבען אַן אייגען לאַנד?"

„און דו געדענקסט", דערמאָנט איר בערל, „דעם בריף וואָס ער האָט באַשריבען וועגען זיין באַזוך קריסטמעס אין אַ קליין שטעטעל, וואו דער מעיאָר האָט אים איינגעלאַדען צו דינער און דעם מעיאָר'ס טאָכ־טער האָט מיט אים געטאַנצט? דעם מעיאָר'ס טאָכטער!"

„אפשר", פרעגט אים ביילע, „וואָלטען מיר איינגעלאַדען עפּעס אַ מיידעל צום סדר, דיין שוועסטער'ס טאָכטער אָדער מיין שוועסטער'ס טאָכטער. זאָל לעבען אים זיצען אַ מיידעל?"

„ניין!" זאָגט בערל שאַרף, „ניין! דו גיב אים ניט קיין מיידלעך. זאָל ער ניט פילען אַז מ'באַלעבאַטעוועט איבער אים. ער דאַרף זיין אַ פּאָר טעג צייט אין דער היים, זאָל ער זיך פילען פולשטענדיג פריי. וואו ער וועט וועלען זאָל ער גיין. וואָס ער וועט וועלען זאָל ער טאָן. פרעג אים בלויז איין זאַך: צי ער דאַרף אַ פּאָר סענט. טאָמער הייסט ער זיך געבען 10 צי 20 דאָלער, גיב אים. זאָל ער פילען גוט. און דו קאָך און באַק דאָס בעסטע. איך האָב שוין צוגעגרייט די בעסטע משקאות. איך מוז איבערשטייגען דעם ראַבאַי מיט'ן מעיאָר צוזאַמען".

אַזוי רעדענדיג איז בערל געשטאַנען ביים שפּיגעל, זיך געקעמט און געפוצט אַזוי ווי ער וואָלט דאַרפען גיין צו אַ חופּה.

„וואָס פּוצטטו זיך אַזוי?" פרעגטביילע. „דו האָסט מורא, אַז דו וועסט ניט געפעלען דיין זון?"

„אַז דו פאַרשטייטסט ניט ווי איך פיל", זאָגט צו איר בערל. „אַ פרוי קען דאָס ניט פאַרשטיין. איך בין אויך אַמאָל געווען אַ סאָלדאַט, און כ׳בין אויך אַהיים געקומען אויף פּסח. מיך האָט מען ניט ערוואַרט. מיט מיר האָט מען זיך ניט געפרייט. וויל איך זיך פרייען מיט מיין זון."

גייענדיג צו דער טיר האָט ער זיך אומגעקערט און געזאָגט:

„איך האָב נאָך אַ פּאָר מינוטען צייט וויל איך דיר ערקלערן דעם אונטערשיד פון אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט ביז אַ גאַליציאַנער סאָלדאַט:

„איך האָב אין דער עסטרייכער אַרמיי געדינט 3 יאָר צייט, און מיין אַרבייט איז באַשטאַנען מערסטענס צו פּוצען די שטיוועל פון אַן אונטער־אָפיציר. אַזוי ווי קיין גלענצענדער פּוצער בין איך ניט געווען, האָבען זיינע אָפּגעפּוצטע שטיוועל ניט געגלאַנצט. פלעגט דער אונטעראָפיציר מיר דערפאַר דערלאַנגען איבער׳ן קאָפּ מיט די שטיוועל און מיך רופען מיט די ערגסטע נעמען."

„גיי שוין", זאָגט ביילע, „דו וועסט מיר די מעשה דערציילען שפּעטער. דו קענסט נאָך פאַרשפּעטיגען."

„איך האָב נאָך אַ ביסעל צייט, און די מעשה איז זייער וויכטיג פאַר דיר צו הערען", האָט בערל ערקלערט און פאָרטגעזעצט:

„ווען איך בין אַהיים געקומען אויף פּסח בין איך געקומען אומ־געריכט. איך קען ניט זאָגען, אַז מיינע עלטערן האָבען זיך מיט מיר ניט געפרייט. אָבער איבעריג געפרייט האָבען זיי זיך ניט, ווייל ס׳איז צוגעקומען נאָך אַן עסער. זיי האָבען אַן מיר אויך געהאַט זעקס עסערס: דער טאַטע, די מאַמע און פיר ברידער. און ווי געוויינלעך ביי אַן אָרימאַן, האָבען אַלע קינדער געהאַט אַ גוטען אַפּעטיט. מיינע ברידער זיינען ניט געווען שטאַרק צופרידען פון מיר, ווייל זיי האָבען זיך געשראָקען פאַר דעם אַפּעטיט פון אַ זעלנער. זיי האָבען טאַקע געהאַט רעכט. דאָס איינציגע וואָס איך האָב אַרויסגעאַרבייט אין דער אַרמיי איז געווען מיין אַפּעטיט.

„טרינק נאָך אַ ביסעל ראָזשינקאָווע וויין", האָט מיין מאַמע געזאָגט, אָועקגעבענדיג מיר איר חלק וויין.

„דער טאַטע האָט מיך גענומען דאַוונען און פון מיר געפאָדערט, אַז איך זאָל דאַוונען אַ סך און מיט כונה בעטען גאָט, אַז ער זאָל מיר מוחל זיין פאַר דעם וואָס איך האָב געגעסען טריפות אין דער אַרמיי.

„איך האָב מיין טאַטען געזאָגט, אַז איך דאַרף וועגען דעם פאַר גאָט זיך ניט פאַרענטפערען. ער ווייסט דאָך אַז איך בין ניט שולדיג, אַז איך האָב געמוזט עסען טריפות.

„ס'איז אמת", האָט דער טאַטע געזאָגט, „אַז גאָט ווייסט. אמת, גאָט ווייסט אַלעס, אָבער ער האָט ליב אַז מען זאָגט עס אים."

„איינמאָל נאָכ'ן דאַווענען, נאָכ'ן עסען און נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָנגעטרונקען מיט ראָזשינקע־ווײַן, האָב איך זיך אַליין אַרויסגעלאָזט שפּאַצירען אונטער'ן שטעטעל. עס איז מיר געווען אומעטיג אין שטעטעל. אַלע האָבען אויף מיר געקוקט פון אויבען אַראָפּ: אַ זעלנער! וועלכער לייטישער מענש איז אַ זעלנער! אַ אידישער בחור זאָל ניט האָבען קיין פעלער און ניט אויסבראַקירט ווערן פון די זעלנער, אַ איד זאָל זיין געזונט ווי אַ גוי — אַ שאַנדע!" האָט מען וועגען מיר גערעדט, און אַלע מיינע אַמאָליגע פריינד, אַלע מיינע קרובים האָבען געוויכט פון מיר. מען האָט זיך מיט מיר געשעמט.

„איך האָב שפּאַצירט אַליין אונטער'ן שטעטעל, און דער אומעט האָט מיך שטאַרק אַרומגענומען. אָבער עס איז מיר געווען גוט צו זיין מיט מיין אומעט אַליין. האָבען מיך באַגעגענט די טרעגערס פון שטעטעל. זיי זיינען אויך געגאַנגען שפּאַצירען, אָבער ניט אַליין, צוזאַמען. זיי זיינען געווען שטאַרקע, מיט ברייטע פּלייצעס, אויף וועלכע זיי האָבען קיינמאָל גאָר ניט געטראָגען; נאָר זיי האָבען זיך גערופען טרעגערס, ווייל זיי האָבען געהאָפט אַז מען וועט אַמאָל בויען אַ באַן אין שטעטעל, וועט זיין וואָס צו טראָגען, וועלען זיי טראָגען.

„זיי האָבען זיך צוגעלאָזען צו מיר. זיי האָבען מיר געשטעלט פאַרשיידענע פראַגעס. דער עיקר האָבען זיי געוואָלט וויסען צי וועט עס וועט זיין אַ מלחמה, וועלען די עסטרייכישע זעלנער קענען שלאָגען פּאָניען. (דאָס דאַמאָלסטדיגע רוסלאַנד האָט מען גערופען פּאָניע).

„איך האָב נאַטירלעך געלויבט די עסטרייכישע זעלנער, געזאָגט אַז מיר וועלען פּאָניען צעברעכען די ביינער.

„די טרעגערס האָבען פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זיך שלאָגען מיט זיי. זיי האָבען געוואָלט זען ווי שטאַרק ס'איז אַ גאַליציאַנער זעלנער און צי מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזען אַז ער וועט שלאָגען פּאָניען. איך האָב זייער פיל ניט געגלויבט אין מיין גבורה און ניט געוואָלט דורך מיר באַווייזען די שוואַכקייט פון עסטרייך. איך האָב געענטפערט, אַז מיט אידען שלאָג איך זיך נישט, נאָר מיט גויים, אַנטי־סעמיטען. זיי האָבען אָבער געזאָגט, אַז אַזוי ווי קיין גויים זיינען צו

דער האַנט ניטאָ, מוז איך ווייזען מיין כח אויף זיי. זאָל איך זיך פאַר־שטעלען, אַז זיי זיינען פּאָניע און איך בין עסטרייך. און אַט־אַזוי רעדענ־דיג האָט מיר איינער דערלאַנגט אַ קנאַק אין פּלייצע. זיי האָבן מיך געצוואונגען זיך צו שלאָגען. און עסטרייך איז אַרויס מיט געבראָכענע ביינער און אַ צעבלוטיגטע נאָז.

„איך דערצייל דיר דאָס אַלעס, כדי דו זאָלסט וויסען דעם אונטער־שיד פון אַ גאַליציאַנער זעלנער ביז אַן אַמעריקאַנער זעלנער, און דו זאָלסט וויסען פאַרוואָס איך וויל, אַז דו זאָלסט אין היינטיגען עסען אַריינלעגען דאָס בעסטע: אי שמאַלץ, אי אייער, אי ליבע. ס'איז פאַר אונזער ליבען זון דעם קאָרפּאָראַל משה'לע!"

אַזוי האָט בערל געענדיגט און זיך געלאָזען צום סטעישאָן וואַרטען אויף זיין זון, דעם סאָלדאַט, וואָס קומט אַהיים אויף פּסח.

פּיוויש דער ליבהאָבער

אין מיין שטעטעל, ווען איך בין נאָך געווען זייער יונג, פלעגט מען מיך רופען פּיוויש, דער ליבהאָבער. פאַרוואָס? ווייל איך האָב ליב געהאַט צו קוקען אויף מיידלעך. רעדען מיט זיי האָט מען ניט געקענט; ס'איז געווען פאַרבאָטען. איז ווען אַ מיידעל איז מיר פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך איר געקוקט גלייך אין די אויגען. זי פלעגט רויט ווערען פון בושה און אַרונטערלאָזען דעם קאָפּ. מיך האָט מען פאַר מיין געוואַגטקייט און חוצפּה גערופען „ליבהאָבער".

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך באַלד אָנגעהויבען פירען ליבעס. נאָך איידער איך האָב געקראָגען אַ דזשאָב, האָב איך שוין געפירט עטליכע ליבעס מיט איינמאָל. איך האָב געהאַט דריי קוזינעס, האָב איך זיך זיי דערקלערט אין ליבע. מיר זיינען געפעלען געווען צוויי מיידלעך, שכנ'טעס, האָב איך זיי זיך אויך דערקלערט אין ליבע.

איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אַפּאָינטמענטס און ניט געהאַט קיין צייט צו זוכען אַרבייט. איך האָב געמוזט זיין זייער פאַר־זיכטיג ניט צו פאַרבייטען די נעמען פון מיינע געליבטע, אַז איך זאָל, למשל, רחל'ן ניט רופען „לאה טייערע", אָדער פייגע'ן זאָל איך ניט רופען „ציפּי דאַרלינג".

ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט מיין דבורה'ן האָבען אַלע מיינע געליבטע געקראָגען אַ וואַקעישאָן פאַר דריי מאָנאַטען צייט; דערנאָך האָב איך זיי אַלע אָפּגערופען אויפ'ן טעלעפאָן און ווידער געמאַכט אַפּוינטמענטס.

ווען איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך מיר אויסגעזוכט געליבטע צווישען מיינע שכנ'טעס. איך האָב מער ניט געהאַט קיין כח צו שטיין און וואַרטען אויף אַ געליבטע אין אַ פּאַרק אָדער פאָרען מיט איר צום

ים. מיינע געליבטע האָבען געמוזט וואוינען אין שכנות. זייער אָפּט האָב איך געמוזט זיך ארויסציהען פון אַן אַפּאַרטמענט, ווייל דער מאַן פון מיינער אַ שכנ׳טע האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין ווייב רעדט צופיל מיט מיר.

וואָס איך וויל דאָ דערציילען איז וועגען מיין לעצטער ליבע. וועגען מיינע פריערדיגע ליבעס האָב איך שוין כמעט פאַרגעסען. אָבער די לעצטע ליבע איז נאָך יונג. די וואונד איז נאָך פריש. דאָס האַרץ בלוטעט נאָך.

מיין לעצטע געליבטע איז אַ ווייבעל פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציג. איך בין פינף־און־זעכציג. זי איז אַ שכנ׳טע. זי וואוינט מיט מיר אַ טיר־לעבען־אַ־טיר.

זי איז געוואָרען מיין שכנ׳טע צוריק מיט אַ דריי־פיר יאָר. פּלוצ־לונג האָב איך דערהערט אַ פרויען־שטימע, וואָס האָט גערעדט צו אַ בעיבי און אַ הינטעלע. איך האָב זייער אַ גוטען אויער און אַ גוטען אינסטינקט. ווען איך האָב געהערט איר שטימע, האָב איך געפילט, אַז זי איז יונג און שיין.

איך האָב שוין ניט גערוט ביז איך וועל זי זען און זיך מיט איר באַקענען. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלטביים עלעוויטאָר און גע־וואַרט ביז זי איז אַרויסגעקומען פון איר רום. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר און דערזען אַ פּאָר בלויע אויגען. „גאָט, ווי גרויס דו ביזט, אַז דו באַשאַפסט אַזעלכע שיינע אויגען!״ האָב איך אין זיך אויסגערופן: „און היינט אַ פיגור! און אַ גאַנג! בלויז אַזאַ מייסטער ווי גאָט קען דאָס באַשאַפען״.

זי איז מיט דער בעיבי און הינטעלע אַריין אין עלעוויטאָר. איך בין צוזאַמען מיט זיי אַרונטערגעפאָרען.

מיט דער בעיבי און הינטעלע האָב איך גלייך געשלאָסען פריינד־שאַפט. מיט איר צו שליסען באַקאַנטשאַפט איז מיר אָנגעקומען אַביסעל שווער. זי איז געווען פאַרנומען מיט אירע אייגענע געדאַנקען און ניט געקוקט אויף מיין זייט.

ווען איך בין מיט איר צום צווייטען מאָל אַרונטערגעפאָרען מיט׳ן עלעוויטאָר, האָט איר בעיבי געלאַכט צו מיר און געמאַכט מיט די הענטלעך און זי האָט מיך שוין אַביסל באַמערקט.

ווען איך בין מיט איר צום דריטען מאָל אַרונטערגעפאָרען מיט׳ן עלעוויטאָר, האָט זי מיר דערציילט, אַז איר מאַן איז אין דער אַרמיי און אַז זי בענקט שטאַרק נאָך אים.

צוליב איר בעיבי און הינטעל בין איך מיט איר באַפריינדעט גע־

וואָרען. זי פלעגט מיר לייענען די בריוו פון איר מאַן, פול מיט בענקשאַפט, און איך האָב מיט אים שטאַרק מיטגעפילט. איך האָב נאָך איר געבענקט וואוינענדיג אַ טיר־לעבען־אַ־טיר, היינט פאַרוואָס זאָל איר מאַן ניט בענקען! איך פלעג זוכען פאַרשיידענע תירוצים צו קענען אַריינקומען זי זען, און אַ דאַנק דער בעיבי מיט׳ן הינטעל פלעג איך זיין אַן אָפטער אַריינגייער אין איר הויז. דאָס קינד האָט גאָרניט געוואָלט איינשלאָפען אָן מיר. זי פלעגט אָנקלאַפען אין מיין טיר מיך רופענדיג צו איר בעיבי.

מיין ליבשאַפט צו איר איז געוואקסען. איך פלעג אָפט פאַרגלייכען מיין דבורה׳ס ברייטע פיגור מיט איר פיגורעל און איך פלעג פשוט אויף מיין דבורה׳ן ניט קענען קוקען.

מיט אַ צייט צוריק איז איר מאַן באַפרייט געוואָרען פון דער אַרמיי און איז אַהיימגעקומען צו זיין ווייבעל.

איך האָב אין אים געזען אַ שטאַרקען קאָנקורענט. יונג, געזונט, און דער עיקר — מיט 40 יאָר אינגער. מיך האָט פאַרדראָסען פאַרוואָס איך, און ניט ער, בין ניט געבוירען געוואָרען מיט 40 יאָר שפעטער. אין פאַרגלייך מיט דעם וועטעראַן, האָב איך אויסגעזען ווי מיין דבורה געגען דער יונגער ווייבעל.

ווען איך האָב אין מיין צימער געהערט ווי דאָס יונגע פאָר־פאָלק קושט זיך האָט מיך זייער פאַרדראָסען. אָבער איך האָב מיין קאַמף ניט אויפגעגעבען. איך פלעג איר אַלע טאָג מכבד זיין מיט פרישע קאָמפּלימענטען. זי פלעגט מיך אויסהערען און לאַכען. מיינע קאָמפּלימענטען זיינען איר שטאַרק געפעלען, ווייל איך האָב איר אַלע טאָג ניט געזאָגט דיזעלבע קאָמפּלימענטען, נאָר נייע. איך פלעג זיצען שטונדען־לאַנג און אויסטראַכטען ספּעציעלע קאָמפּלימענטען פאַר איר.

איינמאָל האָט איר מאַן, דער וועטעראַן, מיר געזאָגט: „מיין דזשעני זאָגט מיר, איך זאָל זיך לערנען פון אייך ווי שיין צו רעדען מיט אַ פרוי. לערנט מיך אויס“. איך האָב אים געזאָגט, אַז אַ מאַן דאַרף ניט זיין צו־גוט, צו־ווייך צו אַ ווייב. ער מוז אויף איר שרייען, דאַן שעצט זי אים ווען ער הערט אויף שרייען. ער האָט מיך געפאָלגט און אין אַ טאָג אַרום האָב איך געהערט ווי ער האָט אויף איר געשריען און ס׳איז געוואָרען אַ מחלוקה צווישען זיי. עס איז מיר געוואָרען לייכטער אויפ׳ן האַרצען. איך האָב געוואוסט, אַז איך האָב פאַראורזאַכט דעם קריג. ס׳איז מיין אַרבייט; בין איך דאָך פאָרט עפּעס. איך האָב אָבער דאַן געהערט, ווי זי וויינט און

ער אַנטשולדיגט זיך פאַר איר, און אַט בעטען זיי זיך איבער און מען צעקושט זיך ווידער. בין איך שוין ווידער ניט געווען צופרידען.

אין אַ פאָר טעג אַרום דערציילט מיר דזשעני, אַז איר מאַן האָט אויף איר געשריען. האָב איך זי אונטערגעהעצט, אַז זי זאָל ניט שווייגען. וויינען טויג ניט. צוריק שרייען און אויסכאַפּען. שרייען פריער אויף אים. „אין פאַרהייראַטען לעבען, מוז איינער שרייען", האָב איך איר געזאָגט, „טאָ שריי דו פריער. שריי! נאָר שרייען!"

אין אַ פאָר טעג אַרום האָב איך ווידער געהערט אַ קריגערייַ צווישען דער פאָר־פאָלק. איך האָב געוואוסט ,אַז דאָס איז מיין אַרבייט און עס האָט מיר הנאה געטאָן. מיר געלינגט צו קאָנקורירען מיט אַ וועטעראַן, מיט אַ יונגענמאַן, וואָס איז 40 יאָר אינגער פון מיר. אָבער אויך די מלחמה האָט זיך געענדיגט מיט אַ שלום. מ׳האָט זיך ווידער צעקושט, און מיין האַרץ האָט ווידער געפּלאַצט.

איך האָב פילע מאָל אויפגעהעצט צו מלחמות, וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט שלום, מיט קושען זיך, ביז איינמאָל, ווען איך האָב געהערט, אַז דאָס יונגע פאָר־פאָלק קושט זיך שטאַרק, האָב איך באַשלאָסען אויפ־צוגעבען דעם קאַמף. איך האָב באַשלאָסען, אַז אַ 65־יאָריגער מאַן קען ניט קאָנקורירען מיט אַ 25־יאָריגען, אַז איך מאַך זיך בלויז נאַריש, און איך האָב זיך גענומען דערמאָנען, אַז מיין דבורה איז אויך אַמאָל געווען יונג, האָט אויך געהאַט שיינע אויגען מיט אַ שיינער פיגור. היינט צו וואָס זאָל איך זיך אומזיסט וואַרפען מיט קאָמפּלימענטען צו אַ פרעמדער פרוי? איך וועל זיי בעסער געבען צו מיין דבורה׳ן, צו מיין אייגענער ווייב.

„דבורה!" האָב איך אויסגערופען, „דבורה׳לע דאַרלינג, דבורה׳לע מיין זיס לעבען און שיינע נשמה, לאָמיר זיך צעקושען!"

„דו אַלטער פאַסקודניאַק!" האָט מיין דבורה אויסגערופען און מיך אַוועקגעשליידערט פון זיך.

וואו איז שמעיה?

איך פאָר אין אַ סאָבוועי־טרעין. ביי אַ סטיישאָן ליידיגט זיך אָפּ אַ פּלאַץ לעבען מיר. אַ פרוי לויפט־צו, זעצט זיך אַוועק אויפ׳ן אָפּגעליידיגטען פּלאַץ און רופט אויס: „שמעיה! טייערער שמעיה! לעבען מיינס! דו פאָרסט צו מיר? איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט קומען". איך וויל איר זאָגען, אַז מיין נאָמען איז יאָסעל, ניט שמעיה. אָבער איך טו אויף איר אַ קוק: אַ יונג, שיין ווייבעל, אַ פּאָר ברענענדע אויגען, אַ ליבער זיסער שמייכעל. ווי קען מען איר זאָגען, אַז זי האָט אַ טעות? וואָס אַרט מיך, אַז איך וועל הייסען שמעיה אויף אַ ווייל‏ע?

„טייערער שמעיה", זאָגט זי און דריקט מיר וואַרעם די האַנט. „ליבער שמעיה. איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר. איך האָב אָן דיר ניט פאַרגעסען קיין איינציגע מינוט. פאַרוואָס האָסטו מיך געלאָזען אַליין אַזוי לאַנג? דו דאַרפסט זיך ניט פאַרענטפערען. איך בין דיר מוחל". און דאָס זאָגענדיג רינען טרערען פון אירע שיינע אויגען.

איך בין אין דער מינוט גרייט געווען ניט בלויז צו הייסען שמעיה, נאָר אויך נפתלי, יששכר, פייוויש, גדליה. וויפיל נעמען זי וויל קען זי מיך רופען.

מיר פאָרען אַזוי סטעישאָן נאָך סטעישאָן. איך בין שוין לאַנג איבער־געפאָרען מיין סטאַנציע איך קלער גאָר ניט וועגען פאָרען אַ היים. איך הייס איצט שמעיה, און וואו זי גייט, גיי איך.

ענדליך ביי איין סטעישאָן האָט זי זיך אויפגעשטעלט, מיך אָנגע־נומען ביי דער האַנט, און מיר גייען.

איך רעד ניט אַ וואָרט. איך כאַפּ אַלע מאָל אַ קוק אויף איר שיין פּנים, און זי רעדט: „שמעיה׳לע, פיל איך זיך איצט גליקליך! איך פיר דיך איצט אַריין אין דיין צימער. עס איז פּונקט אַזוי ווי דו האָסט עס איבערגעלאָזען".

זי פירט מיך אַריין אין אַן אַפּאַרטמענט און אין „מיין צימער". אַלעס אין שיין, אויסגעפּוצט. אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד דעקאָרירט מיט בלומען.

„אָט דאָס בילד דיינס", זאָגט זי, „איז געווען מיין טרייסט די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אָן דיר".

זי זעצט מיך אַוועק, זעצט זיך אַרויף אויף מיין שויס, און קושט מיך. פּלוצלינג טוט זי זיך אַ כאַפּ אויסרופנדיג: „מיין טאַטע, מאַמע און ברודער זיינען אין צווייטען צימער. מען דאַרף זיי זאָגען, אַז דו ביסט דאָ".

„ניט נויטיג", זאָג איך, פילענדיג זיך אומבאַקוועם צו דאַרפען רעדען מיט אַנדערע. איך וויל זיין בלויז מיט איר.

„דו דאַרפסט זיך ניט שרעקען", זאָגט זי, „זיי מעגען דיך ניט ווערלען, אָבער איך וועל אויספירען. איך בין זייער איינציגע טאָכטער. איך וועל מאַכען אַזעלכע קולות, אַז זיי וועלען מיר מוזען נאָכגעבען און דיר מוחל זיין. פאַרלאָז זיך אויף מיר שמעיה׳לע". און געבענדיג מיר אַ קוש, איז זי אַרויס פון מיין צימער.

בלייבענדיג אַליין האָב איך גענומען קוקען אויף „מיין" בילד, אויף שמעיה׳ן הייסט עס. ווי איז מיר! ווי ער זעט אויס! דאָס מויל פאַרקרימט, אויף איין באַק אַ שניט, ווי אַ גענגסטער! ווי אַזוי קען זי אים פאַרבייטען אויף מיר? אפשר איז דאָס אַ פּרעים־אַפּ. דערנאָך וועט ער אָנקומען און מען וועט מיר אויסטרייסלען די קעשענעס. אָבער ווי איז דאָס מעגליך? זי זעט־אויס אַזוי גוט, אַזוי ליבליך און קושט אַזוי האַרציג. זי פאַרמאָגט אין זיך ליבע פאַר צען פרויען. זאָל זי מיך אַזוי אָפּנאַרען? אוממעגליך! אָבער פאַרוואָס רופט זי מיך שמעיה? איך דענק, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען איך זאָל מאַכען אַ ויברח. אָבער ווי אַזוי? איך הער געשרייען פון צווייטען צימער. איך באַשליס צו הערען וואָס מען רעדט דאָרט. איך עפען די טיר און הער:

„איך וועל ניט דערלאָזען, אַז שמעיה זאָל דאָ זיין!"

„אויב ער וויל דאָ בלייבען, זאָל ער פריער באַצאָלען אַלע חובות!"

איך בין, הייסט עס, שולדיג געלט.

„אויב איר וועט אים זאָגען איין שלעכט וואָרט, וואַרף איך זיך אַרויס פון פענסטער!" דאָס שרייט זי, „מיינע", די שמעיה׳כע.

הייסט עס, אַז קיין פּרעים־אַפּ איז דאָס ניט, און אַז אין איר ליבע

האָב איך ניט קיין טעות. זי פאַרטיידיגט מיך. זי וויל זיך נעמען דאָס לעבען צוליב מיר.

איך הער ווייטער געשרייען:

„איך וויל אים ניט! און סטראַשע מיך ניט מיט אַרויסוואַרפען זיך פון פענסטער. נאַ, אַט האָסטו אַן אָפען פענסטער און וואַרף זיך אַרויס!"

דאָס האָט אַזוי אויסגעשריען אַ מענער־שטימע, איר טאַטע אָדער איר ברודער. מען וויל מיך אויף קיין פאַל ניט, הייסט עס.

עס הערט זיך אַ קוויטשעריי פון צוויי ווייבער. דאָס זיינען מסתמא קולות פון מאַמע און טאָכטער. אָבער אַזוי ווי זיי שרייען בײדע מיטאַמאָל, הער איך ניט וואָס זיי זאָגען.

אויף אַ מינוט איז שטיל געוואָרען, און איך האָב געטראַכט ביי זיך, אַז די בעסטע זאַך פאַר מיר וואָלט געווען צו אַנטלויפען, ווייל מיין ענדע קען ניט זיין גוט. זיי זיינען קרובים וועלען זיי זיך ווי עס איז איבערבעטען און אויסלאָזען וועט מען דאָס האַרץ צו מיר — אַ פרעמדען.

די געשרייען האָבען זיך באַנייט. אַלע שרייען מיטאַמאָל. שווער צו הערען. ענדליך דערהערט זיך דאָס העכערע קול פון איינעם: „איך וויל ניט ער זאָל זיין דער מאַן פון מיין שוועסטער. ער האָט ביי מיר, ביי זיין אייגענעם שוואָגער, גע'גנב'עט אַ זייגערעל. די פאָליציי זוכט אים. איך וועל אים איבערגעבען צו דער פאָליציי!"

הייסט עס, אַז די פאָליציי זוכט שמעיה'ן „מיך", הייסט עס. איך בין אַ גנב.

איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און געזען, אַז ס'איז זעהר הויך. אויב איך זאָל זיך פון דאַנען אַרויסוואַרפען, וועט פון מיר ניט בלייבען קיין זכר און דער אמת'ער שמעיה, דער גנב, לעבט ערגעץ אַ טאָג. ביין, איך טו דאָס ניט. איך וועל זיך פאַר אים ניט דער'הרג'ענען.

איך דערהער אַ שטאַרק געוויין:

„ליבע טאָכטער, הער וואָס דיין מאַמע זאָגט דיר. דיין שמעיה איז אַ גנב, אַ גענגסטער, אַ מערדער. ער וועט פון דיר ווידער אַנטלויפען. ער מוז אַנטלויפען, ווייל די פאָליציי זוכט אים! דיין ברודער האָט רעכט. זאָג אים, אַז דו ווילסט אים ניט קענען, טאָכטער מיינע. דו פאַרדינסט ניט צו האָבען אַ גענגסטער פאַר אַ מאַן!"

זי האָט געענדיגט מיט אַ האַרציג געוויין.

איך בין אַריינגעשפרונגען און אויסגערופען: „איר קריגט זיך דאַ אומזיסט. ס'איז אַ טעות. איך בין ניט שמעיה!"

אַלע האָבען מיך אָנגעקוקט און אָנערקענט דעם טעות.

די מוטער האָט אויסגערופען: „אַ ווייסאָג איז צו מיר! אַלעמאָל ברענגט זי אַהיים אַ פאַלשען שמעיה. מ׳דאַרף זי נעמען צו אַ דאָקטאָר!"

איך האָב דאַן זיך געווענדעט צו דער שמעיה׳כע זאָגענדיג: „אייער מאַמע איז גערעכט. איר פאַרדינט אַ בעסערען מאַן ווי אייער שמעיה!"

„ניין", האָט זי געזאָגט, „ניין! שמעיה אָדער קיינער ניט!"

איך האָב זיך מיט איר געזעגענט און איר צוגעזאָגט צו העלפען געפינען דעם אמת׳ען שמעיה.

בע מע פע

מענדעל׳ס טאַטע האָט מען גערופֿען: „ר׳ בערל לימענע״. אים, מענדל׳ען, רופֿט מען: „פּע, בע, מע, ווייס איך וואָס!״

דער טאַטע זיינער, ר׳ בערל, איז געווען אַ פֿרומער, אָבער אַ זייער פֿאַרזוייערטער איד. וועגן יעדער זאַך וואָס ער האָט געזען, געהערט, האָט ער געמאַכט אַ קרומע, זויערע מינע. דאָס שטעטעל האָט אים דערפֿאַר אַ נאָמען געגעבען „ר׳ בערל לימענע״.

זיין זוהן מענדעל איז ניט קיין פֿרומער, ווי זיין פֿאָטער איז געווען, אָבער ער האָט גע׳ירש׳ענט פֿון זיין טאַטען זיין זויערקייט.

ביידע, דער זוהן, פּונקט ווי דער טאַטע, זיינען קיינמאָל ניט געווען צופֿרידען פֿון וועטער. דעם ווינטער האָבען זיי פֿיינט געהאַט, ווייל ס׳איז קאַלט; דעם זומער האָבען זיי געהאַסט, ווייל ס׳איז הייס; דעם הערבסט האָבען זיי ניט געקענט פֿאַרטראָגען, ווייל ס׳רעגענט; פֿון דעם פֿרילינג האָבען זיי ניט געהאַלטען, ווייל ער איז אַ ליגנער. אַט, דוכט זיך, אַז די זון איז דאָ, און אַט פֿאַרשווינדט זי; אַט איז קאַלט און אַט איז וואַרעם. מען קען זיך אויף אים ניט פֿאַרלאָזען. ווער עס פֿאַרלאָזט זיך אויפֿ׳ן פֿרילינג, קריגט ניומאָניע, זאָגט מענדעל.

דער טאַטע זיינער, ר׳ בערל איז תמיד געווען פֿאַרטרויערט און פֿאַרזויערט צוליב אַ צוועק, צוליב אַ ציל. ער איז געווען עקאָנאָמיש, שפּאַרזאַם. ער האָט ניט געוואָלט הנאה האָבען פֿון דער וועלט כדי ער זאָל ניט פֿאַרלירען יענע וועלט. ער האָט דערביי געהאַט אַן אויסרעכענונג. ער האָט ניט געוואָלט קומען אָנגעפּרעסען אויף יענער וועלט און דאָרט זיך אַרומדרייען אָן אַן אַפּעטיט. ער האָט געוואָלט קומען אויף יענער וועלט אַ הונגעריגער. ער האָט געוואָלט דאָרט הנאה האָבען, ניט דאָ. ער האָט געוואָלט דאָרט קריגען אַ בייכעל, ניט דאָ.

ווען ער איז געקומען צווישען חסידים און יענע האָבען געטאַנצט און אים געוואָלט אַריינשלעפּען אין אַ רעדעל, האָט ער זיך ניט געלאָזען. „איך וויל טאַנצען דאָרט, ניט דאָ״, האָט ער געזאָגט.

ווען ער איז געקומען אויף אַ רייכע חתונה און מען האָט געגעסען קאַטשקעלאַך, טייבעלאַך, אַלע האָבען געהאַט גרויס הנאה פון עסען און מען האָט געהערט דאָס קנאַקען פון די ביינדעלאַך, פלעגט דער יצר־הרע פרואוּוען אָנרעדען ר׳ בערלען ער זאָל אויך אַביסעל הנאה האָבען פון דער וועלט. דאָס קאַטשקעלע איז טעם גן עדן, האָט דער יצר הרע אים געזאָגט, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגען, זיך פאַרגעשטעלט דעם חורבן ירושלים, ווי אַזוי די רוימער בושעווען און ציגען דרייען זיך אַרום אין בית המקדש, האָט ער שוין ניט געקענט עסען און זיין קאַטשקעלע אַוועקגעגעבען אַן אַנדערען.

ער האָט ניט געוואָלט פאַרשפּילען אַ גוטען טאָג אויף יענער וועלט צוליב עסען אַ קאַטשקעלע, אָדער אַ טייבעלע, אויף דער וועלט.

ער האָט אויסגע׳חשבונ׳ט אַזוי: אויף דער וועלט לעבט מען אונגאַנצען 70 יאָר, אויף יענער וועלט לעבט מען מיליאָנען יאָרען. איז דאָך בעסער, אַז איך מוטשע זיך אָפּ די ביסעל יאָרען דאָ, כדי איך זאָל לעבען גוט אַזוי פיל יאָרען אויף יענער וועלט. עס איז דאָך אַ פּשוט׳ער חשבון.

„ווען די רשעים וואָלטען געקענט רעכענען״, פלעגט זאָגען ר׳ בערל, „וואָלטען זיי ניט געזינדיגט. אָבער זיי זיינען פאַרשטאָפּטע קעפּ, זיי קענען ניט קיין אַריפמעטיק״.

זיין זוהן מענדעל גלויבט ניט אין יענער וועלט און דאָך האָט ער ניט קיין הנאה פון דער וועלט.

זיין זויערקייט, זאָגען מאַנכע, האָט ער גע׳ירש׳ענט פון טאַטען. אַנדערע זאָגען, אַז זיין שלעכטער מאָגען איז שולדיג אין זיין שטענדיגער אונצופרידענקייט.

ווען ער זיצט אין אַ רעסטאָראַן און ער זעט ווי מען עסט סטעיקס ברומט ער: — „פּע, בע, מע, ווייס איך וואָס״.

אַז מען פרעגט אים פאַרוואָס ער עסט אַזוי ווייניג זאָגט ער: „ווייל איך וויל ניט שטאַרבען יונג. פון ווייניג עסען איז נאָך קיינער ניט געשטאָרבען״.

ווען ער איז געווען אַן אַרבייטער און מען פלעגט אים פרעגען ווי ס׳גייט אים, פלעגט ער ענטפערען: „בע, מע! וואָס קען אַן אַרבייטער, מ׳שטיינס געזאָגט, פאַרדינען? אַז ס׳איז א צוגעציילטער גראָשען, מיט סלעק און סטרייקס. ס׳איז פּע!״

ווען ער איז געוואָרען אַ באָס און מען האָט אים געפרעגט ווי ס׳גייט אים, האָט ער געענטפערט: „בע, מע, פּע, ווייס איך וואָס!״ אַ באָס

דאַרף זיך זאָרגען צו צאָלען וועידזשעס צו אַ סך אַרבייטער, ער דאַרף בעטען גאָט אויף אַ גוטען סעזאָן, כדי זיינע אַרבייטער זאָלען קריגען העכערונגען — פע!

ווען ער האָט חתונה געמאַכט זיין זוהן האָט ער נאָכדעם ווי מען האָט אים אָפּגעגעבען מזל טוב און געפרעגט ווי ס׳גייט אים, געענטפערט אַזוי: „ס׳איז פע, בע, מע, ווייס איך וואָס! מען האָדעוועט אויס אַ זוהן, קומט אַ מיידעל, אַ גאַנץ פּרעמדע, און נעמט אים צו. די מיידעל ווערט זיין הערשערין, ער האָט גאָר ניט צו זאָגען און צום טאַטען קומט מען נאָך געלד צו קויפען מתנות דער ווייב, וואָס האָט ביים טאַטען צוגענומען אַ זוהן און ביי אים אַליין די דעה — פע!"

ווען ער זיצט אויף אַ באַנקעט און מענשען זיינען זיך משמח, עסען, האַלטען רעדעס. זאָגט ער: „ס׳איז פע, בע, מע, ווייס איך וואָס! די רעדנער באַקען ליגענס, דער בעל היובל איז אַן אידיאָט, וואָס גלויבט דאָס אַלעס, און דער גאַנצער באַנקעט איז בע, מע, פע. מ׳באַצאָלט פינף דאָלער און מ׳עסט דערפאַר אַ שטיקעל טשיקען וואָס איז ניט ווערט קיין דאָלאַר!"

אַז מען בעט ביי אים אַ נדבה פאַר אַ נויטבאַדערפטיגען לאַנדסמאַן, זאָגט ער: „און וואָס וועט שוין זיין, אַז איר וועט אים געבען די פאַר דאָלאַר, ער וועט זיי אויפעסען און דערנאָך וועט איר פאַר אים ווידער גיין שנאָרען? — פע!"

ווען מען זאָגט אים, אַז מ׳וויל פון אים אַ פאַר דאָלאַר, כדי צו העלפען איינעם קויפען אַ ביזנעס, ענטפערט ער: „ערשטענס, ווי אַזוי זיינט איר זיכער, אַז יענער וועט אין ביזנעס ניט פאַרלירען די פאַר דאָלאַר? איז דאָס דערפאַר ניט קיין פלאַן. ס׳איז בע, מע! צווייטענס, אויב ער וועט מאַכען גוט אין ביזנעס, וועט ער ווערען רייך, וועט איר אים מקנא זיין איז דאָס פע, און ווייס איך וואָס! און איר דאַרפט דאָס ניט טאָן".

ווען לאַנדסלייט ווילען אים ברענגען צו אַ רעליף מיטינג, צו העלפען זיינע לאַנדסלייט, ענטפערט ער אויף דעם אַזוי: „ערשטענס, איז דאָס בע, מע, דאָס געלד וואָס איר וועט דאָ קאָלעקטען וועט ניט אָנקומען צו זיי. צווייטענס, איז ווען עס זאָל אפילו אָנקומען איז דאָך דאָס ווייס איך וואָס. ס׳איז ניט גענוג אויף קיין וואַסער אויף קאַשע, צו וואָס־זשע איז די גאַנצע פאַרזאַמלונג, כדי מענשען זאָלען זיך רעש׳ען, האַלטען רעדעס, קריגען כבוד אויפ׳ן חשבון וואָס יענע זיינען אומגליקליך, וועל איך ניט גיין און זאָג: — אַז ס׳איז: „פע, מע, בע, ווייס איך וואָס!"

א בלוטיגער באַנקעט

הירשעלע יענטעס איז געווען באַקאַנט אין זיין שטעדטעל אַלס דער גרעסטער שלעגער. ווען עס איז געווען אַ געשלעג אין שטעדטעל (דאָרטען האָט מען זיך אָפט געשלאָגען צוליב אַ שוחט, אַ רב) איז ווער עס האָט געהאַט אויף זיין זייט הירשעל יענטעס, דער האָט געוואונען. הירשעל האָט אין יעדען געשלעג זיך באַטייליגט. אָן אים איז קיין וויכטי־גער געשלעג ניט פאָרגעקומען.

ווען הירשעלע איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער זיך אויפ־געהערט שלאָגען. קיינער האָט אים ניט איינגעלאַדען זיך צו באַטייליגען אין אַ געשלעג. ער איז געווען געוואוינט, אַז מען זאָל אים בעטען, לויבען, חנפ׳ענען, ער זאָל האַלטען מיט אַ געוויסען צד. פאַר געלד האָט מען אים ניט געקענט קריגען, בלויז מיט געבעטע און מיט איינפלוס.

אַ חוץ דעם זיינען אים די געשלעגען אין אַמעריקע גאָר ניט געפעלען. מען טוט זיך אויס דעם רעקעל און מען זאָגט: „קאם אָן!" פע! מען גיט יענעם אַ מעגליכקייט צו כאַפּען דעם אָטעם איידער מען שלאָגט זיך. ער איז געווען געוואוינט יענעם צו דערלאַנגען אַ זעץ, אַז יענער זאָל ליגען אַן אויסגעשטרעקטער איידער ער וויל זיך רירען.

באַזונדערס זיינען אים ניט געפעלען די פרייז־פייטס. מען שלאָגט זיך אין ראַונדס. מען שלאָגט זיך אָפּ אַ פּאָר מינוט, רוהט מען זיך אויס און מען שלאָגט זיך ווייטער. טאָמער פאַלט איינער, צעלט מען ביז 10 און מען גיט יענעם אַ מעגליכקייט זיך אויפצוהויבען. פע! ווען יענער ליגט דאַרף מען אים ערשט דערלאַנגען מיט׳ן פוס זיך צו פאַרזיכערען, אַז ער וועט זיך מער ניט אויפהויבען, איז געווען זיין מיינונג.

אים זיינען אַ סך פון די אַמעריקאַנער מנהגים ניט געפעלען. אָבער וואָס קען ער טאָן, אַז מען פרעגט ביי אים ניט קיין דעה?

דאָס לאַנד אמעריקע איז טראָץ די אַלע וויכטיגע חסרונות אים

יאַ געפּעלען. עס איז אַ לאַנד, וואו כּוח שפּילט אַ גרויסע ראָלע, אפילו ווען מען שלאָגט זיך ניט, האָט ער געזאָגט. ער האָט גלייך ווי ער איז געקומען אהער שוין אָנגעהויבען פאַרדינען. אין דער אַלטער היים איז ער געווען אַ טרעגער פון פאַך, אָבער ער האָט קיינמאָל גאָרניט געטראָגען. ער פלעגט אַרומגיין מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, געוואָלט עפּעס אַרויפּ־לעגען אויף די פּלייצעס און ניט געהאַט וואָס. אַז גאָט האָט געהאָלפען, אַז אַ גביר האָט זיך אויפגעבויעט אַ נײַ הויז, האָט ער אים איבערגעצויגען פון דער אַלטער דירה אין דער נייער. אָבער ווען האָט עס געטראָפען? איינמאָל אין אַ יובל. דאָס שטעדטעל האָט פאַרמאָגט איין גביר, און דער גביר האָט בלויז איין מאָל אויפגעבויט אַ נייע הויז.

ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע צו זיינעם אַ ברודער האָט ער דעם צווייטען טאָג שוין געטראָגען אייז. ער איז געוואָרען אַן אייז־מאַן. דער ברודער זיינער האָט אים געזאָגט: „אין שלאָגען זיך פאַרגעס! דאָ קענסטו זיך ניט שלאָגען! פאַראַן גרעסערע בריות פון דיר און דאָ דאַרף מען זיך לערנען ווי צו שלאָגען. פאַראַן ספּעציעלע סקולס פאַר דעם".

פאַר הירשלען איז געווען ניט אַזוי לייכט אויפצוגעבען דאָס שלאָגען זיך. אויב ער שלאָגט זיך ניט, האָט ער געפילט, איז ער אַ גאָרניט. צוליב דעם שלאָגען זיך איז ער געווען באַרימט. אָן דעם, וואָס איז ער? אַ פּשוט'ער טרעגער.

ער האָט ניט שלעכט פאַרדינט. ער איז ביסלאַכווייז געוואָרען רייך. ער האָט געהאַט זיין אייגענע אייז־פאַבריק. אָבער ער האָט געבענקט נאָך דער צייט, ווען ער האָט געקענט געבען אַ פּאַטש, ווען מען האָט מורא געהאַט פאַר זיינעם אַ פּאַטש, ווען מען פלעגט אים בעטען אַריבערצוגיין צו איין צד. „הירשעלע", — האָט אים געבעטען אַ איד אַ למדן — „הירשעלע, האַלט מיט אונז, מיר מוזען האָבען נאָך אַ שוחט. עס איז ניט יושר'דיג אַז די אַנדערע חסידים זאָלען האָבען זייער שוחט און די טשאַרטקאָווער חסידים זאָלען ניט האָבען זייער אייגענעם שוחט". ער, הירשעלע, פלעגט נאָכטראַכטען וועגען געבען זיין ענטפער ווער עס איז גערעכט. פון זיין ענטפער איז אָפּגעהאַנגען וועלכער צד עס וועט זיגען. דאָס זיינען געווען צייטען!

דאָ קומט ער אין דעם לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין, און קריגט ווייט ניט דעם כבוד וואָס ער האָט געקראָגען אין זיין אַלטער היים. די אַנדערע נעמען דאָס וואָרט, האַלטען רעדעס. ער קען דאָס ניט. מער ווי עטליכע ווערטער מיט אַמאָל קען ער ניט זאָגען. ער זאָגט, למשל, צו אַ לאַנדסמאַן,

וועלכען ער קען פון דער היים: „קום אַהער, זעליג, אַ רוח דיר אין טאַטען. לאָם איך דיך געבען אַ זעץ און דו קריגסט דערפאַר אַ הונדערטער!״ אָבער קיינער וויל ניט קיין הונדערטער פאַר זיינעם אַ זעץ. קיין אַנדערע ווערטער קען ער ניט זאָגען.

ער איז עלטער געוואָרען, אָבער ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט פאַרגעסען פון זיין גבורה. ווען ער איז געקומען אין זיין לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין און געגעבען יענעם די האַנט, דערלאַנגט אַ קוועטש און יענער פלעגט אויפשפרינגען פון ווייטאָג, האָט אים דאָס באַוויזען, אַז ער האָט נאָך אַלץ כוח.

אויף דער עלטער האָט ער צום צווייטען מאָל חתונה געהאַט מיט אַ יונג ווייבעל. זיין ערשטע פרוי איז געשטאָרבען, האָט ער געוואָלט פאַר זיין יונג ווייבעל באַווייזען, אַז ער איז אַ וויכטיגער מענש. האָט ער געבעטען דעם סעקרעטאַר פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטי, מען זאָל אים מאַכען אַ באַנקעט צו פייערען זיין 50 יעריגען יובילעאום, כאָטש ער איז שוין לאַנג אַריבער די זעכציגער יאָרען. דער סעקרעטאַר האָט באַשטימט אַ יובילעאום קאָמיטע, און מען האָט באַלד אַראַנזשירט דעם באַנקעט. פאַר אַלע אויסגאַבען האָט הירשעל יענטעס באַצאָלט. ער האָט אויך באַצאָלט פאַר דער מתנה וואָס מען וועט אים געבען: אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייט.

דער באַנקעט איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג. די מיטגלידער פון דעם פאַראיין זיינען אַלע געקומען. פאַרוואָס זאָלען זיי ניט קומען, אַז עס קאָסט ניט קיין געלד? מען האָט אפילו באַצאָלט פאַר זייערע טיפּס צו די ווייטערס און פאַר העט־טשעקס.

נאָך אַ פיינעם דינער מיט משקה (הירשעלע האָט באַזאָרגט אַז עס זאָל זיין אַ סך משקה), האָט זיך אָנגעהויבען דער אָפיציעלער באַנקעט. דער טאָוסטמאַסטער האָט אָנגעפאַנגען זיין רעדע מיט גרויסע לויב־געזאַנגען פאַר הירשעלען, וועגען זיין גוט הארץ, וועגען זיין געפיל פאַר יושר און גערעכטיגקייט, וועגען זיין ליבליכקייט, און אויסגערופען מיט פּאַטאָס: „ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז אַ שמשון הגבור, טשעפּעט ער ניט קיין פליג אויף דער וואַנט!״

אין מיטען דער רעדע האָבען די ווייטערס געשלעפּט די טעלער פון טיש!

— „שאַראַפּ! קוואַיעט!״ האָט הירשעלע אויסגעשריען צו די וויי־טערס — שטערט ניט דעם רעדנער! קוואַיעט!

— „זאָל דער רעדנער אויסוואַרטען אַ מינוט ביז איך וועל אַלעס

אַרונטערנעמען פון טיש״ — האָט דער ווייטער פּרעך געענטפערט.

— „דו וועסט וואַרטען, ווען ניט וועט אַ רוח אין דיין טאַטען !״ — האָט הירשעלע אויסגערופען!

— „אַ רוח אין אייער טאַטען ! — האָט דער ווייטער געענטפערט.

הירשעל איז אַרויפגעשפּרונגען אויפ׳ן טיש, אַרונטערגענומען דאָס רעקעל און געזאָגט : „קומט מיט מיר אַרויס אין דרויסען !״

— „מיר דאַרפען ניט גיין אין דרויסען. איך וועל זיך שלאָגען דאָ מיט אייך״ — האָט דער ווייטער, אַ יונגער מאַן, אויסגערופען, אַרונטער־נעמענדיג דאָס רעקעל — קאָם אָן !״

זיי האָבען זיך ביידע אָנגעהויבען שלאָגען, און עס האָט זיך געענדיגט מיט דעם וואָס הירשעל איז געבליבען ליגען באַגיסענדיג דעם פלאָר מיט בלוט. ער האָט זיך אויפגעזעצט. דאָס בלוט האָט פון אים נאָך גערונען, און ער האָט אויסגערופען צום טאָוסטמאַסטער :

— „אַ רוח אין דיין טאַטען. זעץ פאָר דיין רעדע !״

— „איך ווייס ניט וואו איך בין געבליבען שטיין !״ — האָט דער טאָוסטמאַסטער געזאָגט צוטומעלט.

— איך וועל דיר דערמאָנען״ — האָט הירשעלע אים געזאָגט — „ער איז אַ שמשון הגבור און טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט. זאָג דו סאָן־אָוו־איי... אַ רוח אין דיין טאַטען! זאָג, ווען ניט, קריגסטו אַ זעץ !״

ווי איך האָב געקראָגען אַ שטעלע אין אַ רעדאַקציע

איך האָב געהאַט אַ פריינד מיט'ן נאָמען ראובן בליי, וועלכער האָט, פונקט ווי איך, געשריבען הומאָרעסקען, געלאַכט פון דער וועלט און ניט געוואוסט ווי צו מאַכען אַ לעבען (דאָס האָט פּאַסירט צוריק מיט אַ סך יאָרען).

גייען מיר אַזוי אויף איסט בראָדוועי, טראַכטען וועגען טעמעס פאַר הומאָרעסקען און זיפצען. פּלוצלינג גיט מיין פריינד אַ קוק אויף דער „פאָרווערטס"-געביידע און זאָגט: „ווי וואָלט געווען ווען מיר קריגען אין „פאָרווערטס" שטעלעס, קריגען יעדע וואָך רעגעלמעסיג באַצאָלט, און דאַרפען זיך ניט זאָרגען וועגען דירה געלד, לאָונדרי און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטען.

— עס וואָלט געווען זייער גוט — זאָג איך.

זאָגט ער: — ווייסטו וואָס, גיי אַריין אין רעדאַרקציע און פרעג: אפשר דאַרף מען דאָרט אַזעלכע מענשען ווי מיר זיינען?

זאָג איך: — גיי דו.

זאָגט ער: — ניין, דו גיי פריער, און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך גיין.

קורץ, עס איז באַשלאָסען געוואָרען מיר זאָלען ציען קניפּלעך. ווער עס וועט אַרויסציען דאָס ריכטיגע קניפּעל — דער זאָל גיין דער ערשטער.

איך האָב געהאָפט, אַז מיין פריינד ראובן וועט אַרויסציען דאָס ריכטיגע קניפּעל. אָבער איך בין אימער געווען אַ שלימזל, האָב איך אַרויסגעצויגען דאָס אמת'ע קניפּעל.

— טאָ גיי גלייך אין רעדאַקציע און זיי מצליח — האָט מיר ראובן אָנגעזאָגט. — דו זאָלסט ניט אָפּטרעטען ביז דו קריגסט אַ **שטעלע**. אפילו ווען דו זאָלסט דאַרפען קערען די פּאָדלאָגע, אַבי אַרבייטען אין אַ רעדאַקציע.

איך קום אַריין אין „פאָרווערטס״־רעדאַקציע, זאָגט מען מיר, אַז דעם רעדאַקטאָר קען איך ניט זעהן. ער איז פאַרנומען. זאָג איך, אַז איך האָב מיט אים אַן אַפּאָינטמענט פאַר איצט. פרעגט מען מיך ווי איך הייס. זאָג איך: „ראובן בליי״.

אין אַ פאָר מינט אַרום זאָגט מען מיר: „מר. בליי, דער רעדאַקטאָר הייסט אייך אַריינקומען״.

איך בין אַריין.

דער רעדאַקטאָר הייסט זיך מיר זעצען, און פרעגט מיך: — ווען, מר. בליי, האָבען מיר אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפען?

— קיינמאָל ניט — ענטפער איך — און מיין נאָמען איז ניט מר. בליי.

— וואָס הייסט דאָס? — פרעגט ער.

— מען האָט מיך צו אייך ניט צוגעלאָזען — ערקלער איך. — איך האָב דאָך אָבער מיט אייך געוואָלט ריידען, האָב איך געזאָגט, אַז איך האָב מיט אייך אַן אַפּאָינטמענט.

— איז פאַרוואָס־זשע האָט איר אָנגעגעבען אַ פאַלשען נאָמען?

— מיינער אַ פריינד האָט מיך געראָטען, איך זאָל גיין צו אייך בעטען אַ שטעלע. האָב איך אָנגעגעבען זיין נאָמען, טאָמער וואַרפט מען מיך אַרויס, זאָל מען האָבען אים אַרויסגעוואָרפען.

— וואָס פאַר אַ שטעלע ווילט איר? — פרעגט דער רעדאַקטאָר.

— איך וויל שרייבען.

— איך וועל אייך ניט אַרויסוואַרפען — זאָגט דער רעדאַקטאָר — אָבער קיין שטעלע וועט איר ניט קריגען. קיין שרייבער פעלען מיר ניט, סאַידען איר זאָלט זיין גאָר אַ גוטער שרייבער. זיינט איר זעהר אַ גוטער שרייבער?

— ניין — זאָג איך — איך בין אַן אָנפאַנגער. ווען מען גיט מיר אַ מעגליכקייט, וואָלט איך זיך אויסגעלערענט, זיך ענטוויקעלט.

— קיין לערן־אינגלעך נעמען מיר ניט — ענטפערט דער רע־דאַקטאָר.

— טאָ גיט מיר עפּעס אַן אַנדער שטעלע — זאָג איך — איך בין גרייט אַלעס צו טאָן, אַבי צו אַרבייטען אין אַ רעדאַקציע.

— וואָס פאַר אַ שטעלע, למשל? — פרעגט ער.

— מאַכט מיר פאַר אייער סעקרעטאַר, — זאָג איך — דיקטירט מיר אייערע אַרטיקלען. איר וועט דיקטירען און איך וועל דאָס קלאַפּען אויף אַ טאַיפּרייטער.

— איר קענט קלאַפּן אויף אַ טאַיפּרייטער? — פרעגט ער.

— ניין — זאָג איך.

— טאָ ווי־זשע קען איך אייך געבען אַזאַ שטעלע? — פרעגט דער רעדאַקטאָר.

— איך וועל זיך אויסלערנען — זאָג איך.

— קיין שולע צו לערנען מענשען האָבען מיר ניט — זאָגט דער רעדאַקטאָר — איך דאַרף עמיצען צו דיקטירען מיינע אַרטיקלען. אָבער אַז איר קענט ניט טאַיפּען.

— אַביסעל קען איך — זאָג איך — מיט איין פינגער קען איך שוין קלאַפּען אויפ׳ן טאַיפּרייטער. וועל איך זיך שנעל אויסלערנען אויף צוויי פינגער, דריי פינגער און אַזוי ווייטער.

— קומט אַריין מאָרגען פרי, וועלען מיר זעהן.

איך בין געקומען אין דער פרי, זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טאַיפּ־רייטער און געקלאַפּט מיט אַ פינגער.

דער רעדאַקטאָר איז געקומען מיר דיקטירען, און געזען ווי איך קלאַפּ מיט איין פינגער. זאָגט ער מיר, אַז עס איז אַ רחמנות אויפ׳ן טאַיפּרייטער. איך וועל אים דער׳הרג׳ענען.

— אמת — האָב איך אים געענטפערט — אויפ׳ן טאַיפּרייטער איז אַ רחמנות וואָס ער איז אַריינגעפאַלען אין מיינע הענט. אָבער אויף מיר איז אויך אַ רחמנות. איך דאַרף אַ שטעלע.

— ווי איז אייער האַנדשריפט? — פרעגט ער.

— קלאָר — זאָג איך.

— נו, גוט, וועל איך אייך דיקטירען — האָט דער רעדאַקטאָר געזאָגט.

— אַ דאַנק — האָב איך געענטפערט — זאָל זיך אייך דוכטען, אַז עס זיינען נאָך ניטאָ קיין טאַיפּרייטערס אויף דער וועלט.

און אַזוי בין איך פאַרבליבען אַרבייטען אין „פאָרווערטס״. קלאַפּען אויף אַ טאַיפּרייטער קען איך נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט.

מיין פריינד ראובן איז דערנאָך אויך געקומען אין דער רעדאַקציע נאָך אַ שטעלע. ער האָט געזאָגט, אַז זיין פריינד האָט אויף זיין נאָמען געקראָגען דאָ אַ שטעלע. ער האָט אויך געזאָגט, ווי איך, אַז ער איז ניט קיין גוטער שרייבער און קען טאַיפּען בלויז מיט איין פינגער. אָבער מען האָט אים ניט גענומען. צוויי קאַליקעס, האָט מען אים געזאָגט, דאַרף מען ניט.

מיין פריינד ראובן איז דאַן אַוועק פון ניו־יאָרק. איך האָב אים מעהר ניט געזען.

מיט אַ דריי יאָר צוריק בין איך געווען אין מיאַמי. אַ גרויסער אויטאָמאָביל איז מיך שיעור ניט איבערגעפאָרען. דער אייגענטימער פון אויטאָמאָביל מיט זיין שאָפער האָבען אויף מיר שטאַרק אָנגעשריען.

— ווי זעט ניט אַ מענש וואו ער גייט? — האָט געשריען דער שאָפער.

— אַז מען גייט אין גאַס טראַכט מען ניט — האָט געזאָגט דער אייגענטימער.

— טראַכטען אין מיין פרנסה — האָב איך געענטפערט — איך בין אַ שרייבער.

— פריינד מיינער! — האָט ער פלוצלונג אַ געשריי געטאָן.

— ראובן — האָב איך אויסגערופען — וואָס מאַכסטו?

— ווען איך וואָלט געווען געגאַנגען דער ערשטער אָנשטאָט דו צו קריגען אַ שטעלע אין רעדאַקציע — האָט ראובן געזאָגט — וואָלט איך מסתמא געוואָרען אַ שרייבער און דו וואָלסט מיך איצט איבערגעפאָרען.

ער דאַרף אַ קאָפּ

די מלחמה האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער וועלט, אָבער זי האָט אויך ניט ווייניק אויפגעטאָן פאַר מיסטער קינג (אַמאָל האָט ער געהייסען קיגעל). אַ דאַנק דער מלחמה פאַרדינט ער אָן אַ שיעור. זיינע פּראָפיטען וואַקסען ווי אויף הייוועז. ווען ער קומט אַריין אין זיין אָפיס באַריכטעט אים זיין בוכהאַלטער, אַז ער איז נאָך רייכער געוואָרען. ער צאָלט טאַקע אַ גרויסען אינקאַם־טעקס. אָבער עס בלייבט אים נאָך אַלץ גענוג.

רעדט איר מיט מיסטער קינג, זאָגט ער אייך, אַז מען דאַרף אים ניט מקנא זיין. אמת, זאָגט ער, אַז ער האָט הייזער אָן מאָרטגעדזשעס, אַ סך דאַיימאָנדס מיט אָן אָמאָמאָביל און אַ שאָופער, וואָס זיין אויג זעט קען ער קויפען, און דאָך איז אים ניט גוט. פאַרוואָס?

דערציילט ער אייך אַזאַ געשיכטע: אָט, למשל, האָבען אים זיינע לאַנדסלייט איינגעלאַדען צו זייערען אַ מיטינג. דריי קאָמיטעס זיינען געקומען אים בעטען ביז מען האָט ביי אים גע׳פּועל׳ט. ווען ער איז אַריינגעקומען אין מיטינג־האַל האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט פאַר אים. מען האָט געהאַלטען רעדעס. מען האָט אים געשילדערט אַלס דעם גרויסען חכם, גרויסען גביר און גרויסען צדיק. צום שלוס האָט מען אים פאַר־געשטעלט און אים געבעטען צו זאָגען אַ פּאָר קלוגע ווערטער פאַר די קבצנים. האָט ער אָוועקגעלייגט אַ שטיק רעדע וואָס מען וועט זי ניט פאַרגעסען. ער האָט געזאָגט איין אידיאָטסטווע נאָך דער צווייטער. זיין צונג האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיין גומען און האָט זיך ניט געוואָלט באַ־וועגען. ער האָט פאַר כעס געגומען זידלען די לאַנדסלייט. ער האָט געוואָלט שנעל ענדיגען, אָבער אים האָט זיך נאָך יעדען זאַץ באַכגעשלעפּט אַ וואָרט און אים פאַרשלעפּט קיין בויבעריק, און ער האָט געזאָגט וואָס ער האָט ניט געוואָלט זאָגען. ער איז ניט געווען דער באַס איבער זיינע אייגענע ווערטער. עס זיינען ביי אים געפלויגען קללות פון מויל. ער האָט גע־וואוסט, אַז אַלעס וואָס ער זאָגט טויג ניט. אָבער ער האָט זיך ניט געקענט העלפען. די ווערטער זיינען געפאַלען פון זיין מויל אָן ביי אים צו פרעגען.

ווען אַן אַנדערער וואָלט געהאַלטען אַזאַ רעדע וואָלטען די לאַנדס־

לייט אים אָנגעפּאַטשט, אים שאַנעווען זיי, ווייל ער איז אַ גרויסער גביר. אָבער דאָך האָבען זיי אים אַלע אָנגעקוקט מיט פאַראַכטונג. זיין ווייב האָט אויסגעהערט זיין רעדע גע׳חלש׳ט פון בושה.

נאָך אים, דערצעלט ער, האָט געערדט אַ לאַנדסמאַן, אַן אָרימאַן, אַ שלומיאל, איז געווען אַ פאַרגעניגען צו הערען. ער האָט אים גע־ענטפערט און אים געמאַכט אויסצודרייען מיט זיין געלד. אַלע האָבען יענעם שטאַרק אַפּלאַדירט און ער, מר. קינג, האָט געפילט ווי זיך צו באַגראָבען.

איז פאַרוואָס, פרעגט מר. קינג, זאָל אַ קבצן קענען אַזוי פיין רעדען און ער ניט? פאַרוואָס האָט ער מזל אין ביזנעס און אַז ס׳קומט צו רעדען צווישען מענשען, פאַרלאָזט אים דאָס מזל?

און נאָך אַ מעשה דערציילט איך מר. קינג (ער האָט ליב צו דער־ציילען מעשיות). ער האָט אַ באַקאַנטען, אַן אָרימאַן, אַ לא יצלח. ער לייט אים אָפט אַ פּאָר דאָלער און יענער גיט ניט אָפּ, און ער מאָנט אַפילו ניט. פאַרוואָס? ווייל יענער האָט אַ געליבטע, אַ זעהר שיינע און אַ זעהר אינטע־ליגענטע. מר. קינג איז טאַקע אַליין אַ פּראָסטער מענש, אָבער ער האָט גרויס דרך ארץ פאַר אינטעליגענץ. ער האָט ליב צו הערען פיינע און הויכע ווערטער, וועלכע ער קען ניט נאָכזאָגען. זיין אייגענע פרוי איז אַ שיינע, אַ גוטע און אַ געטרייע, אָבער ניט אינטעליגענט. זי רעדט אַלע מאָל דיזעלבע זאַך און פּראָסט. ס׳איז ניט אינטערעסאַנט מיט איר צו רעדען.

האָט ער איינמאָל זיין באַקאַנטען איינגעלאַדען צוזאַמען מיט זיין געליבטער אין אַ פיינעם רעסטאָראַן. זיי האָבען צוזאַמען גוט געגעסען און געטרונקען אַ סך וויין. די שיינע פרוי איז פון יעדען גלעזעל וויין נאָך שענער געוואָרען און געערדט האָט זי קלוג און וויציג און אינטערעסאַנט און ער איז אין איר פאַרליבט געוואָרען ביז איבער די אויערען. האָט ער קאָקעטירט מיט זיינע דיימאַנד רינגען. ער טראָגט צוויי פיינע ברילי־אַנטענע רינגען אויף די פינגער. האָט ער געפּאַכעט מיט זיי און אַלע מאָל אַרויסגענומען זיין גרויסען פעטען גאָלדענעם זייגער און איר געזאָגט, אַז ס׳איז נאָך פרי. ער קען ניט זאָגען, אַז ס׳האָט אויף איר ניט געמאַכט קיין איינדרוק. זי האָט באַטראַכט די דיימאַנד־רינגען און אפילו אָנגערירט דעם זייגער און געפרעגט וויפיל עס קאָסט אַזאַ זייגער. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער געדענקט ניט וויפיל, ווייל ער האָט דאָס געקויפט צוזאַמען מיט נאָך אַ קליין זייגערל מיט דריי רינגען און מיט אַ שנירעל פּערעל פאַר זיין ווייב. אַזעלכע ווערטער האָבען אַ ווירקונג אויף אַ פרוי.

אָבער אַז ער האָט געגומען רעדען וועגען פּערזענליכע זאַכען, געבען אַן אַנצוהערעניש וועגען זיינע געפילען צו איר, האָט זי פאַרקרימט דאָס פנים, איז געוואָרען זויער ווי עסיג. האָט אָבער איר געליבטער גענומען רעדען, האָט זי געקוואָלען; איר פנים האָט אויפגעלױכטען; אירע אויגען האָבען געשטראַלט; זי האָט פון יעדען וויץ זיינעם געלאַכט מיט׳ן גאַנצען האַרץ און געוויזען אירע שיינע ציין. אים איז דאָס האַרץ צעריסען געוואָרען פון קנאה און ווייטאָג.

אַ סך אַזעלכע געשיכטעס דערציילט איך מר. קינג, וועלכע איבערציינען איך, אַז מיט זיין רייכטום איז ער אַלץ אומגליקליך.

איינמאָל, ווען ער איז געזעסען אין זיין אָפיס אַן אומעטיגער, זאָגט אים זיין בוכהאַלטער: „מיסטער קינג, וואָס זיצט איר אַזוי פאַרטרויערט? אייער רייכטום וואַקסט. איר זייט היינט אַ סך רייכער געוואָרען. אייערע סטאַקס, וואָס איר האָט, זיינען געוואַלדיג געשטיגען. אַן אַנדערער אויף אייער פּלאַץ וואָלט דאַך אַלע טאָג געטאַנצט פאַר פרייד״.

„וואָס קומט מיר אַרויס״, ענטפערט אים מר. קינג, „געלט אַליין איז ניט אַלעס. דיימאָנדס אַליין זיינען ניט גענוג. אין געזעלשאַפטליכען לעבען בין איך אַ גרויסער דורכפאַל. אַז איך רעד ניט בין איך אַלראַיט. טאָמער עפען איך דאָס מויל און זאָג אַ פּאָר ווערטער, זעהט מען, אַז איך בין אַ גראָבער יונג״.

„איך וועל איך זאָגען וואָס איך פעלט״, האָט אים געענטפערט זיין בוכהאַלטער. „איר האָט הענט, איר האָט פיס, אָבער איך פעלט אַ קאָפּ״.

„טאָ וואָס טוט מען צו קריגען אַ קאָפּ?״

„איר קענט קריגען אַ קאָפּ״, האָט אים דער בוכהאַלטער געענטפערט. „פאַר געלט קען מען קויפען דעם בעסטען קאָפּ, וועלכער וועט איך אויסלערנען ווי צו רעדען, ווי צו דענקען. איך קען מענשען וואָס ווייסען גאָרניט און זיי האַלטען די גרעסטע רעדעס. מען לערענט זיי אויס״.

מר. קינג האָט קיין סך ניט געטראַכט און אַדווערטאַיזט אין די צייטונגען, אַז ער זוכט אַ קאָפּ, אַ גוטען קאָפּ. געלט איז ניט קיין אָפּהאַלט.

און עס האָבען זיך צו אים באַלד געמאָלדען גרויסע קעפּ: רבנים, דאָקטוירים, לאָיערס, פּראָפעסאָרען. ער האָט זיי אַלע אויסגעהערט, פאַרהערט, און ער איז ווידער פאַרצווייפעלט. אַלע קעפּ געפעלען אים. ער ווייסט אָבער ניט וועלכען קאָפּ זיך צו נעמען, צו דעם קאָפּ פון אַ דאָקטאָר, צו פון אַ פּראָפעסאָר, צי פון אַ לאָיער, צי פון אַ רב.

וואָס זאָל ער טאָן? אום אויסצוקלייבען אַ קאָפּ, דאַרף מען דאָך ערשט האָבען אַ קאָפּ.